STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01522

DOS UNTERERDISHE RUSLAND

S. Stepniak

Permanent preservation of this book was made possible
by Jane & Roger A. Gerber
in honor of
the 90th birthday of Anne Rothstein Gerber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סערגעי סטעפניאַק

דאָס
אונטערערדישע רוסלאנד

יאַקאָוו סטעפאַנאָוויטש, סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, וואַלעריאַן אָסינסקי, פּעטער קראַפּאָטקין, דמיטרי ליזאָגוב, העסיע העלפמאַן, וויערא זאַסוליטש, דמיטרי קלעמענס.

איבערזעצט פון א. פרומקין

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק
.1921

Copyright by
MAX N. MAISEL
New York, 1920.

סערגיי סטעפּניאַק

(סערגיי מיכאַילאָוויטש קראַווטשינסקי).

.1852—1895

צווישען די מוטיגע, דרייסטע מענער, וועלכע האָבען אונטער־געגראָבען דעם יסוד פון רוסישען צאַריזם און געלעבט און געליטען און געשטאָרבען פאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָן; צווישען די עדעלע פּיאָנירען פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד פאַרנעמט אַ באַדייטענדען פּלאַץ דער פאַר־פאַסער פון דעם דאָזיגען בוך, סערגיי סטעפּניאַק אָדער, ווי זיין ריכטיגער נאָמען איז, סערגיי מיכאַילאָוויטש קראַווטשינסקי. ער איז געבוירען געוואָרען דעם 12טען יולי 1852 און איז געווען א זוהן פון פאַרמעגליכע עלטערען, וועלכע האָבען פאַראייניגט אין זיך ווייס־רוסישע און אוקראַינישע בלוט. זיין פאָטער איז געווען אַ דאָקטאָר. סערגיי האָט פאַרבראַכט זיינע יונגעל־יאָהרען מיט זיינע עלטערען אויף זייער אימעניע אין דרום־רוסלאַנד, אָבער שפּעטער האָט מען איהם אַריינגעגעבען אין אַ מיליטערישער שולע, און אין יאָהר 1869 איז ער געוואָרען אַן אַרטילעריע אָפיציר.

נאָך זייענדיג אין דער אַרמעע, אַלס 17, 18 יעהריגער בחור, האָט ער שוין אָנגעפאַנגען זיין פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר אַ פרייער דע־מאָקראַטיע. ער האָט איבערהויפּט פיעל געבוים אויף דער אַרמעע, און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט ער אומזיסט געהאָפט און געוואַרט אויף איהר.

אין 1871 האָט ער פאַרלאָזען די סלוזשבע און האָט זיך אָנגע־שלאָסען אָן דעם קרייז פון די טשייקאָווצי׳ס. ער איז געווען איי־נער פון די ערשטע ווירקזאמע שלוחים צו די פּויערים, איינער פון

יענער גרופּע איבערגעבענע מענער און פרויען, וועלכע האָבען אויפגעאָפּפערט זייערע קאַריערען, אַלע זייערע אויסזיכטען אין דער וועלט און געגאַנגען לעבען צוזאַמען מיט די מוזשיקעס אין די דערפער, כדי איינצופלאַנצען אין זיי ליעבע צו פרייהייט און האַס צו דער טיראַניי.

אין 1873 האָט ער פאַרבראַכט זעקס חדשים צווישען דער ראַ־ציאָנאַליסטישער סעקטע פון די „מאָלאָקאַני“, שטודירענדיג זייערע מנהגים און זייער לעבען. אין אַ יאָהר אַרום האָט ער זיך אַרומ־געלאָזט, צוזאַמען מיט זיינעם אַ שול־חבר, דמיטרי ראָגאַטשאָוו, איבער טווערער גובערניע; זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אַלס ברעט־מער־זעגער אין די דערפער, מאַכענדיג פּראָפּאַגאַנדע צווישען די פויערים. אַ פּאָמעשטשיק, וועמען די צוויי „אַרבייטער“ זיינען עפּעס ניט געפעלען, האָט זיי גע׳מסר׳ט. מען האָט זיי אַרעסטירט און אָפּגעשיקט מיט אַ קאָנוואָי, אָבער אויפ׳ן וועג האָט זיך איינ־געגעבען צו געווינען איינעם פון דער וואַך, און סטעפּניאַק איז אַנט־לאָפען קיין אָדעס, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען פון דעם באַוואוסטען רוסישען רעוואָלוציאָנער פ ע ל י ק ס וו א ל כ א וו ־ ס ק י, וועלכער איז זינט דאַן געבליבען איינער פון זיינע אינטימ־סטע פריינד.

סטעפּניאַק האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבען שרייבען פאַר די מאַסען, און זיין פּאָליטישע פאַבעל „די געשיכטע פון אַ קאָפּיקע“ האָט געמאַכט אַ טיפען רושם אין די ברייטע לעזער־קרייזען. פון דאַן אָן ווערט ער אַן „אונגעזעצליכער“, וואָס לעבט אויף אַ פרעמ־דען פּאַס, אָדער גאָר אָהן אַ פּאַס.

סטעפּניאַק איז געווען איינער פון די אונערשראָקענסטע מיט־גליעדער פון דער טעראָריסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז געווען טעטיג אין משך פון די זיבעציגער יאָהרען, און וועמעס טעטיגקייט האָט זיך געענדיגט מיט דער הינריכטונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. אין די יאָהרען 1875 און 1876 האָט ער גענומען אַן אַק־טיווען אַנטייל אין די טעראָריסטישע קאָנספּיראַציעס, אין פאַר־שידענע אַנטלויפונגען און אַלערליי דרייסטע רעוואָלוציאָנערע אונ־

טערנעמונגען, וועלכע ער שילדערט אליין אויף אזא אינטערעסאנ־טען אופן אין זיין ווערק „דאס אונטערערדישע רוסלאנד“, וואס ליגנט דא פאר דעם אידישען לעזער. אין פריהלינג 1818 האט ער, צוזאמען מיט זונדעלעוויטש'ן, אריבערגעשמוגעלט די נייטיגע שריפט און א פרעס פאר אן אונטערערדישער דרוקעריי, וועלכע האט זיך געפונען אין סאמע הארץ פון פעטערבורג, דירעקט אונטער דער נאז פון דער פאליציי. ער האט אויך גענומען אן אקטיווען אנטייל אין אויספילען און רעדאקטירען דעם ארגאן פון דער טעראָ־ריסטישער פארטיי.

לאנג האט ער אבער ניט געקאנט בלייבען אין פעטערבורג. ער האט געמוזט פארלאזען רוסלאנד א שטיקעל צייט פאר דער גרוי־סער געשעהעניש פונ'ם ערשטען מערץ, 1881, ווען דער רוסישער דעספאט האט באצאהלט מיט זיין לעבען פאר זיינע גרויסע פאר־פאלגונגען. זינט דאן האט סטעפניאק פארבראכט אין אויסלאנד, אפגעבענדיג זיין גאנצע צייט, זיין ענערגיע און זיינע פעהיגקייטען צו דערוועקען די סימפאטיע פון מערב־אייראפא און אמעריקא פאר די אפפער פונ'ם צאריזם. ער האט עס געטאן שריפטליך און מינדליך, דורך זיינע ביכער און דורך זיין פערזענליכען איינפלוס. א דאנק זיין איניציאטיווע האט זיך צו יענער צייט אין ענגלאנד פארמירט די געזעלשאפט פון די „פריינד פון רוסישער פרייהייט“, וועלכע איז באשטאנען פון באדייטענדע און איינפלוסרייכע פער־זענליכקייטען פון דער ענגלישער אינטעליגענץ, און וועלכע האט פיעל אויפגעטאן פאר דער ווייטערער רעוואלוציאנערער פראפאגאנ־דע אין רוסלאנד.

נאך זיין אנטלויפען פון רוסלאנד האט זיך סטעפניאק אויף א צייט לאנג באזעצט אין איטאליען, וואו ער האט שוין פריהער פאר־בראכט א שטיקעל צייט און וואו ער האט זאגאר, אין 1877, פאר־זוכט דעם טעם פון געפענגניס פאר אנטייל־נעהמען אין דעם אי־טאליענישען אויפשטאנד פון בענעווענטא. דארט, אין איטאליען, האט ער אנגעשריבען זיין ווערק „דאס אונטערערדישע רוסלאנד“

וואס איז צוערשט ערשינען אין דער איטאליענישער שפראך. שפע־
טער, אין 1882, איז דאס בוך ערשינען אין ענגליש. סטעפניאק
האט זיך באזעצט אין לאנדאן, וואו ער האט זיך אפגעגעבען מיט רע־
וואלוציאנערע ארבייט פאר רוסלאנד און וואו ער האט געשריבען
זיינע אנדערע ווערק: „אנדריי קאזשוכאוו", „רוסלאנד אונטער
די צארען" און נאך אנדערע גרעסערע און קלענערע ביכער.

דעם 23טען דעצעמבער 1895, צו זיין דריי און פערציגסטען
יאהר, אין רעכטען מיטען פון זיין פולער טעטיגקייט, איז סטעפניאק
אפגעריסען געווארען פון דער וועלט, דורך א פלוצלינגען שרעקליכען
טויט. א טריין איז איהם איבערגעפאהרען, בעת ער האט שפאצירט
פארטראכטערהייט ניט ווייט פון זיין היים אין א לאנדאנער פאר־
שטאדט, און ער איז דער'הרג'עט געווארען אויפ'ן שטעל. זיין לויה
איז געווען איינע פון די אימפאזאנטסטע, ריהרענדסטע לויות וואס
לאנדאן האט ווען געזעהן. אלע קלאסען פון דער ענגלישער געזעל־
שאפט, ווי אויך סאציאליסטען און ראדיקאלען פון פערשידענע לענ־
דער זיינען דארט געווען. אין יענעם טאג האט די רוסישע רעאק־
ציע געפייערט א גרויסען יום־טוב, ווארים דער טויט האט פאר
איהר באזייטיגט איינעם פון איהרע ביטערסטע, מעכטיגסטע
שונאים; אבער די רעוואלוציאנערע וועלט בכלל און דאס רעוואָ־
לוציאנערע רוסלאנד בפרט האבען זיך איינגעהילט אין טיעפען
טרויער.

דער ניהיליזם.

.1

טורגעניעוו איז געווען דער ערשטער, וואס האט איינ־געפירט אין אונזער שפראך דאס ווארט ניהיליזם. מיט דעם נאמען האט ער באצייכענט דעם גייסטיגען און מאראלישען שטראם, וועלכער האט זיך געוויזען אין דער רוסישער אינטעליגענץ ביים סוף פון די פופציגער און אין אנהויב פון די זעכציגער יאהרען.

אט דער צונאמען איז געווען ניט וויציגער, ניט ריכטיגער פון א מאסע אנדערע, וועלכע דערזעלבער טורגעניעוו האט ערפונען, שווין ניט ריידענדיג וועגען שטשעדרין. נאר א גליק האט ער געהאט, אט דער צונאמען, גאר א באזונדערן, קיין פארגלייך מיט זיינע חברים. פון טורגעניעוו'ס בארימטען ראמאן, וועלכען דער עולם האט נאך ביז אהער ניט געגעבען דעם ריכטיגען ווערט, איז דער נאמען באלד אריבער אין דער אומגאנגס־שפראך. דאס ווארט ניהיליזם האט באקומען א בירגער־רעכט, צוערשט אלס א מאוס'ער צונאמען, און דערנאך אלס א שטאלץ אנגענומענע עטי־קעטע פון יענער פילאזאפישער שולע, וועלכע האט א געוויסע צייט פארנומען די אנגעזעהענסטע שטעלונג אינ'ם רוסישען אינטע־לעקטועלען לעבען.

אין א יאהר פופצעהן ארום, ווען דער עכטער ניהיליזם איז אין רוסלאנד אראפ פון דער סצענע און איז כמעט פארגעסען געווא־רען, האט דער צונאמען אפגעלעבט אין אויסלאנד, און האט זיך דארט אזוי פעסט באזעצט, אז עס האט אויסגעזעהן, אז מען וועט איהם פון דארט גארניט קענען ארויסטרייבען.

דער אמת'ער ניהיליזם, ווי מען האט איהם געקענט אין רוס־לאנד, איז געווען א קאמף צו באפרייען דאס דענקען פון יעדער ארט טראדיציע; א קאמף וואס איז געגאנגען האנט אין האנט

מיט דעם קאמף פאר דער באפרייאונג פון די ארבייטענדע קלאסען פון זייער עקאנאמישער פארשקלאפונג.

דער פונדאמענט פון דער דאזיגער באוועגונג איז געווען דער פאלקאמענער אינדיווידואליזם. אין נאמען פון דער אינדיווידועלער פערזענליכער פרייהייט איז דער ניהיליזם ארויס געגען אלע צוימען, וועלכע די געזעלשאפט, די פאמיליע און די רעליגיאן לעגען ארויף אויפ'ן מענשען. דאס איז געווען א הייסער און געזונטער קאמף, ניט געגען דעם פאליטישען, נאר מאראלישען דעספאטיזם, וועלכער אונטערדריקט דעם איינצעלנעם אין זיין פריוואטען אינטימען לעבען.

מען מוז אבער צוגעבען, אז אונזערע פארגענגער, איבערהויפט אין דער ערשטער צייט, האבען פארשטאנען אריינצובלאזען אין דעם אייגענטליך פרידליכען קאמף דעמזעלבען רעבעלישען גייסט פון פראטעסט און דיזעלבע באגייסטערונג, וועלכע כאראקטעריזירען די שפעטערע באוועגונג. אט די פעריאדע האט פארדינט, מען זאל זאגען א פאר ווערטער וועגען איהר, ווארים זי איז א מין הקדמה צו יענער גרויסער דראמא, וועלכע האט זיך דערנאך אפגעשפיעלט.

אנגעהויבען האט זיך דער קאמף אויפ'ן רעליגיעזען באדען. דא האט ער ניט לאנג געדויערט; מען האט גיך געזיגט, וויל עס איז ניטא קיין איינציג לאנד אין דער גאנצער וועלט, וואו די רעליגיאן זאל האבען אזעלכע שוואכע ווארצלען אין די געבילדעטע קלאסען פון דער געזעלשאפט, ווי אין רוסלאנד. דער פאריגער דור האט זיך נאך אביסעל געהאלטען אין דער קירכע — מעהר פון יוצא וועגען ווי פון איבערצייגונג. אבער, ווי נאר די יונגע שרייבער, פול טאלאנט, פייער און דורשט צום פראזעליטיזם *); שרייבער, וועלכע זיינען געווען באוואפענט מיט דער נאטורוויסענ־

---

*) פ ר א ז ע ל י ט האט פריהער געהייסען יעדער, ווער עס האט אנגענומען דעם קאטוילישען גלויבען. איצט אבער באצייכענט מען מיט דעם נאמען יעדע פערזאן, וועלכע מען געווינט פאר א נייע אידעע. פ ר א ז ע ל י ט י ז ם איז דאס באשטרעבען צו מאכען פראזעליטען.

שאפט און מיט דער פאזיטיווער פילאזאפיע; ווי נאר די שרייבער האבען געלאזט הערען זייערע שטימען, איז דאס קריסטענטום געפאלען; געפאלען, ווי אן אלטע האלבצעוואליעטע געביידע, וועלכע האלט זיך נאר דערפאר, ווייל קיינעם פאלט נים איין עס א שטופ צו געבען.

די פראפאגאנדא פונ'ם מאטעריאליזם איז געגאנגען מיט צוויי וועגען, וועלכע האבען אונטערשטיצט און ערפילט איינער דעם אנדערן. פון איין זייט האט מען איבערזעצט און אריגינעל געשריבען ווערק, וועלכע האבען אין זיך ענטהאלטען אונבאשטרייטבארע ארגומענטען געגען יעדע רעליגיאן און אין אלגעמיין געגען אלעם איבערנאטירליכעס. ווען מען האט געדארפט ארויסזאגען צו פרייע געדאנקען און מען האט מורא געהאט, די צענזור זאל זיך נים צוטשעפען, פלעגט מען אזעלכע געדאנקען איינוויקלען אין א טומאנע פארם; אבער דער עולם האט גאנץ גוט פארשטאנען דעם מיין. דער אויפמערקזאמער לעזער האט זיך שוין געוואוינט צו דער „עזאפישער מליצה" *), וועלכע די פארטגעשריטענע פארשטעהער פון דער רוסישער ליטעראטור האבען זיך דאן אנגעאיינענט. פון דער אנדער זייט איז געגאנגען א מינדליכע פראפאגאנדא, וועלכע איז געשטאנען אויפ'ן וויסענשאפטליכען באדען. פון די וויסענשאפטליכע געזעצען האט זי געצויגען באשטימטע שליסע, און פלעגט זיך שוין נים שעמען פאר דער צענזור, מיט וועלכער די שרייבער זיינען געוועזען געצוואונגען זיך צו רעכענען. דער אטעאיזם איז געווארען א נייע מין רעליגיאן, און די אנהייגער פונ'ם נייעם גלויבען האבען זיך צוזעעט און צושפרייט, אזוי ווי מגידים, אויף אלע וועגען און שטעגען, זוכענדיג א לעבעדיגע נשמה, כדי זי צו רעטען פון דער קריסטליכער פאסקודסטווא... די אונטערערדישע מאשינקעס האבען דא אויך זייער דינסט געלייסטעט. מען

---

*) עזאפ איז געוועזען דער גרעסטער גריכישער פאבעל-שרייבער, און דערפאר רופט מען נאך איצט א פארשטעלטע שפראך — די עזאפישע שפראך.

האָט אָפּליטאָגראַפירט די איבערזעצונג פון ב י כ נ ע ר ׳ ס ווערק „קראַפט און שטאָף“, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. דאָס דאָזיגע בוך האָט מען געלייענט בסוד, כאָטש עס איז געווען פאַרבונדען מיט געפאַהר, און עס איז זיך צוגאַנגען אין טויזענדע עקזעמפּלאַרען.

אַ מאָל איז מיר אַריינגעפאַלען אין די הענט ז י י צ ע ו ו ׳ ס אַ בריעף. אָט דער זייצעוו איז געווען איינער פון די מיטאַרבייטער פון דעם זשורנאַל „רוסקאַיע סלאָוואָ“ (דאָס רוסישע וואָרט), וואָס איז געווען דער הויפּט־אָרגאַן פונ׳ם אַלטען ניהיליזם. אין דעם בריעף, וועלכער איז געווען באַשטימט פאַר דער אונטערערדישער פּרעסע, זאָגט דער פּראָפאַסער דאָרט, וואו ער רעדט פון זיין צייט און פון די באַשולדיגונגען, וועלכע די איצטיגע ניהיליסטען שטעלען אַרויס געגען די ניהיליסטען פון יענער צייט: „איך שווער אייך ביי אַלעם וואָס איז הייליג, אַז מיר זיינען ניט געווען קיין עגאָאיסטען, אַזוי ווי איהר רופט אונז. דאָס איז געווען אַ פעהלער, איך אַנערקען עס, אָבער מיר זיינען געווען פאַלשטענדיג איבער־ציינגט, אַז מיר קעמפען פאַר דאָס גליק פון דער גאַנצער מענשהייט, און יעדער פון אונז וואָלט מיט פרייד געגאַנגען אויפ׳ן עשאַפאָט און זיך געלאָזט דעם קאָפּ אָראָפּנעמען פאַר מ אָ ל ע ש אָ ט ׳ ן און ד אַ ר ו ו י נ ׳ ן.“ איך האָב אפילו אַ שמייכעל געטאָן ביי די ווערטער, אָבער זיי זיינען געווען גאַנץ אויפריכטיג. ווען עס וואָלט דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, וואָלט די וועלט דערזעהן אַ ספּעקטאַקל—אַ טראַגישען און אויך אַ לעכערליכען אין דערזעלבער צייט: מענשען, וועלכע געהען אויף שרעקליכע ליידען, כדי צו דערווייזען, אַז דאַרווין האָט געהאַט רעכט, און ק י ו ו י ע אַ טעות; אַזוי ווי מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק איז דער גלח אַ ו ו אַ ק ו ם מיט זיינע זינונגס געאַנסען געגאַנגען אויפ׳ן קאָסטיאָר (שייטערהויפען) פאַר דאָס רעכט צו שרייבען א י ס ו ס מיט איין י׳, ניט מיט צוויי, ווי די גריכען שרייבען, און זאָגען צוויי מאָל הללויה, ניט דריי מאָל, אַזוי ווי די שטאַטסקירכע האָט באַשטימט. דאָס איז זעהר אַ כאַראַקטעריסטישער צוג אין דער רוסישער נאַטור

ביי יעדער זאך, וואו דער איינראַפּעער וואָלט זיך געזאָגט זיין אייג־פּאַכען „יא“ אָדער „ניין“, צוהיצט ער זיך און ווערט אַ פאַנאַטיקער. אין דעם פאַל אָבער האָט די פּראָפּאַגאַנדאַ פונ׳ם מאַטעריאַליזם אויף איהר גאַנצען וועג ניט באַגעגענט אַ מעהר, אדער ווענינגער סעריעזען געגענשטרייט. גליקליכערווייז האָבען די „כלי־קודש“ ביי אונז קיינמאָל ניט געהאַט קיין מאָראַלישען איינפלוס אויף דער געזעלשאַפט. דער רעגירונג האָט עס, נאַטירליך, ניט געשמעקט. וואָס האָט זי אָבער געקענט טאָן געגען אַזאַ ריין אינטעלעקטועלע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אויסערליך גאָרניט ארויסגעוויזען?

אויף דעם אופן איז די שלאַכט געווען געוואונען אָהן אָנ־שטרענגונגען, און געוואונען פאָלשטענדיג; צוריק האָט מען שוין ניט געקענט כאַפּען. דער מאַטעריאַליזם איז געווען די הערשענדע רעליגיאָן ביי דער געבילדעטער קלאַסע, און עס איז גאָר איבעריג צו ריידען פונ׳ם ווערט, וועלכען די באַפרייאונג פון רעליגיעזע פּאַראורטיילען האָט געהאַט אויף דער וויטערער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער ניהיליזם האָט זיך אָבער דערמיט ניט געקענט צופרידענ־שטעלען; ער האָט ניט נור ערקלערט קריעג דער רעליגיאָן אַליין, נאָר אַלעם, וואָס איז ניט געווען געגרינדעט אויף דער ריינער און פּאָזיטיווער פאַרנונפט. אַט די באַשטרעבונג, וועלכע איז אַן און פאַר זיך זעהר גרינדליך, איז דערגאַנגען ביי די ניהיליסטען פון די זעכציגער יאָהרען ביז לעכערליכקייט. זיי האָבען, צ. ב. ש., אין גאַנצען אָפּגעלייקענט די קונסט, וויל זי איז אַן ערשיינונג פונ׳ם אידעאַליזם. זיי זיינען אַזוי וויט פאַרקראָכען, אַז זיי האָבען באַ־הויפּטעט דורך איינעם פון זייערע נביאים, אַז דער שוסטער שטעהט העכער פונ׳ם באַרימטען איטאַליענישען קינסטלער ר אַ־פּ אַ ע ל, וואָרים ער מאַכט ניציליכע זאַכען, און ראַפאַעל׳ס ביל־דער טויגען אַבסאָלוט צו גאָרניט. די גאַנצע נאַטור אַליין איז גע־ווען פאַר׳ן ניהיליסט ניט מעהר ווי אַ צושטעלערין פון מאַטעריאַל וועגען כעמיע און טעכנאָלאָגיע. „די נאַטור איז ניט קיין טעמפּעל, נאָר אַ לאַבאָראַטאָריע, אַ ווערקשטאַט, און דער מענש איז דאָרט

אַז ארבייטער", פלעגט זאָגען באַזאַראָוו, דער העלד פון טורגעניעוו'ס ראָמאַן.

2.

דער ניהיליזם האָט אין אַ געוויסען וויכטיגען פונקט זעהר פיעל געטאַן פאַר רוסלאַנד, נעמליך אין דער פרויען־פראַגע. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט אַנערקענט די פאָלקאָמענע גלייכהייט צווישען דער פרוי און דעם מאַן.

אַזוי ווי אין יעדען לאַנד, וואו עס איז ניטאָ קיין פּאָליטישעס לעבען, איז אין רוסלאַנד דאָס גאַסט־צימער געווען דער איינציגער פּלאַץ, וואו מען האָט געקענט דורכריידען זיך וועגען פאַרשידענע פראַגען, וואָס האָבען יעדען איינעם אינטערעסירט. אויף אַזאַ אופן פאַרנעמט די פרוי — די בעל־הבית'טע — דעם פּאַסענדען פּלאַץ אינ'ם אינטעלעקטועלען לעבען פון אַ געבילדעט הויז אַ סך פריהער, ווי עס הויבט זיך נאָך גאָר אָן די פראַגע וועגען איהר געזעלשאַפטליכער גלייכהייט. אָט דער אומשטאַנד און, אפשר נאָך מעהר, די פאַראַרמונג פון אונזער אַדעל נאָך דער באַפרייאונג פון די פּויערען, האָבען שטאַרק אַרויסגערוקט די פראַגע וועגען די פרויען־עמאַנציפּאַציע און האָבען כמעט געזיגט אין דעם.

די פרוי ווערט פאַרשקלאַפט אין נאָמען פון דער הייראַט, פון דער ליעבע; דערפאַר איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז ווי זי הויבט נאָר אויף איהר שטימע צו פאַרטיידיגען איהרע רעכטע, פאַנגט זי אָן מיט דעם וואָס זי פאָדערט פרייהייט פאַר ליעבע און הייראַט. אַזוי איז געווען אין דער אַלטער וועלט, אַזוי איז געווען אין פראַנקרייך אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט און אין דער עפּאָכע פון זשאָרזש סאַנד; אַזוי איז אויך געווען אין רוסלאַנד.

ביי אונז איז זי אַבער געגאַנגען ווייטער. פאַר איהר איז געווען וועניג די קליינע פאָדערונג פון „פרייע ליעבע", וואָס איז אייגענטליך ניט מעהר ווי דאָס רעכט אויסצוקלייבען אַ האַר איבער זיך. די רוסישע פרויען האָבען באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז זעהר וויכטיג צו געווינען די פרייהייט אַליין. אַזוי אַבער ווי פרייהייט איז אונמעגליך אָהן עקאָנאָמישער אונאָבהענגיגקייט,

האט דער קאמף אנגענומען גאר אן אנדער כאראקטער. זיין ציעל איז געווארען: צולאזען די פרוי צו העבערער בילדונג און צו אזעלכע פראפעסיאנען, צו וועלכע די בילדונג האט נור די מענער געגעבען דאס רעכט.

אט דער קאמף האט לאנג געדויערט און דער זיעג איז ניט אזוי לייכט אנגעקומען; ווארים דא איז איהם געשטאנען אין וועג אונזער פאטריארכאלע פאמיליע, וועלכע האט זיך זעהר ווייניג גע־ענדערט פון אדם הראשון'ס צייטען אן. אבער אונזערע פרויען האבען דא ארויסגעוויזען זעהר פיעל העלדענמוט און האבען אויך אין דעם קאמף אריינגעלעגט יענעם פייער, מיט וועלכען עס זיינען געווען דורכגעדרונגען כמעט אלע אונזערע באוועגונגען פון דער לעצטער צייט. ענדליך האט די פרוי געזיעגט, און אפילו די רעגירונג אליין האט עס געמוזט מודה זיין.

קיין פאטער שרעקט שוין ניט זיין אונגעהארכזאמע טאכטער, אז ער וועט איהר אפשניידען דעם צאפ דערפאר, וואס זי וויל פאהרען אין פעטערבורג שטודירען; א יונג מיידעל דארף שוין מעהר וועגען דעם ניט אנטלויפען פון איהר היים, און איהרע פריינד, די „ניהיליסטען", דארפען שוין מעהר ניט מאכען קיינע לפנים'דיגע חתונות, אום זי צו מאכען אונאבהענגיג.

דער ניהיליזם האט טריאומפירט אויף דער גאנצער ליניע, און עס איז איהם מעהר ניט איבערגעבליבען, ווי זיך אויסצובעטען א געלעגער פון רויזען און רוהיג שלאפען. די ערשטע צוויי גע־שטאלטען פון דער דרייאייניגקייט פון זיין אידעאל, וועלכער איז אויסגעדריקט אינ'ם דאמאן „טשטא דיעלאט" (וואס איז צו טאן) — די פרייהייט פונ'ם דענקען און אן ענטוויקעלטע, געבילדעטע לע־בענס-חבר'טע — זיינען שוין געווען. עס האט נאר געפעהלט די דריטע — „פארניפטיגע ארבייט". אזוי ווי ער איז אבער אן אינטעליגענטער מענש, און רוסלאנד נייטיגט זיך אין געבילדעטע מענשען, קען ער זיך זעהר לייכט געפינען אן ארבייט נאך זיין געשמאק נאך.

— נו, וואס וועט ווייטער זיין? — פרעגט א יונגערמאן, פול

קראַפט און קוראַזש, וועלכער איז אַראָפּגעקומען פון ערגעץ א
ווייט־פּאַרוואָרפענע ווינקעל אין רוסלאַנד און האָט באַזוכט זיין גע־
וועזענעם לעהרער.

— וואָס ווייטער? איך האָב מיר מיינס דערגרייכט און בין מיר גליקליך, — ענטפערט יענער.

— יאָ, — זאָגט דער יונגערמאַן, — דו ביזט גליקליך, איך זעה עס. ווי קענסטו אָבער זיין גליקליך, אַז אין דיין אייגענעם לאַנד שטאַרבען מענשען פאַר הונגער, אַז די רעגירונג נעמט אָפּ ביים פאָלק דעם לעצטען גראָשען און לאָזט איהם זיך אַרומשלעפּען איבער דער וועלט אויסבעטלען זיך אַ שטיקעל ברויט? וואָס, דו ווייסט אפשר ניט? און אויב דו ווייסט, וואָס זשע האָסטו גע־טאָן פאַר דיינע ברידער? האָסטו דען שוין פאַרגעסען, וואָס דו אַליין האָסט אַמאָל געזאָגט, אַז דו וועסט קעמפען פאַר דאָס גליק פון אַלע מענשען?

און דער רעכטגלויביגער טורגעניעווסשער ניהיליסט ווערט צו־טומעלט פון דעם בליק, וועלכער וויל ניט אַנערקענען קיין קאָמפּראָ־מיסען; וואָרים דער גלויבען און דער ענטוזיאַזם, וועלכע האָבען איהם באַלעבט אין די ערשטע יאָהרען פונ'ם קאַמף, זיינען פאַר־שוואונדען געוואָרען באַלד נאָכ'ן זיעג. איצט איז ער ניט מעהר ווי אַ קלוגער, אויסגעפּיינטער פּראַקטיקער; דאָס בלוט רינט שוין אַ סך לאַנגזאַמער אין זיין שווער־געוואָרענעם קערפּער. און דער יונגער־מאַן געהט אוועק, פול מיט וועהטאָג, אַלעמאָל מיט דערזעלבער מוטשענדער פראַגע: „וואָס איז צו טאָן?“

דאָס יאָהר 1871 קומט אָן. די דראַטען פונ'ם טעלעגראַף און די טעגליכע צייטונגען גיבען דעם איצטיגען מענשען די מעגליכ־קייט צו האָבען אַ ידיעה וועגען אַלעם וואָס טוט זיך אויף דער וועלט. און דאָ שטעלט זיך דעם יונגענמאַן פאַר דאָס בילד, ווי די גרויסע שטאָדט שטעהט אויף, צו פאַרטיידיגען די פאָלקס־רעכטע. מיט אַן אויפרעגונג, וועלכע פאַרכאַפּט דעם אָטעם באַ־טראַכט ער אַלע סצענען פון דער שרעקליכער דראַמאַ, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף די ברעגען פון דער ס ע ן. ער זעהט טייכען בלוט,

ער הערט טויטעס־יאָמער־געשרייען פון פרויען און קינדער, וועלכע ווערען דערשאָסען אויף די גאַסען פון פ א ר י ז. פאַר וואָס אָבער? פאַר וואָס רינען די טרערען? פאַר וואָס ווערט בלוט פאַרגאָסען? פאַר וואָס שטאַרבען אָט די מענשען? זיי שטאַרבען פאַר׳ן אַרבייטער, פאַר די גרויסע סאָציאַלע אידעע פון אונזער עפּאָכע. און אין דערזעלבער צייט הערט ער דאָס ליעד פון׳ם רוסישען פויער; אַ ליעד וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט פון הונ־דערטער יאָהרען ליידען, אָרימקייט און אונטערדריקונג. אָט שטעהט ער איצט פאַר איהם, אָט דער „זעער און היטער" פון דער רוסישער ערד, צודריקט פון דער אונגעהייערער אַרבייט און נויט, אַן איי־בינער שקלאַף, אָט ביי די פּאָמעשטשיקעס, אָט ביי די טשינאָווני־קעס, אָט ביי זיין אייגענעם ברודער, ביי׳ם קולאַק—דעם עקספּלואַ־טאַטאָר. די רעגירונג האַלט איהם בכיוון אין אונוויסענהייט; יע־דער, ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצען, רויבט, פּלינדערט; יע־דער טרעט איהם מיט די פיס אין בלאָטע, און קיינער דערלאַנגט איהם ניט די האַנט, אויף וועלכע ער זאָל זיך קענען שטיצען. קיינער נים? אַ ניין, ניין און טויזענד מאָל ניין! דער יונגערמאַן וויים אַצונד וואָס ער האָט צו טאָן. ער וועט אויסשטרעקען זיין האַנט צום פויער; ער וועט איהם ווייזען דעם וועג צו פרייהייט און גליק. זיין האַרץ ווערט פול מיט ליעבע צו דעם דאָזיגען אונגליקליכען ליידענדען, און מיט אַ ברענענדען בליק רעדט ער ארויס אין דער טיפעניש פון זיין נשמה די פייערליכע שבועה — אויפצואָפּפערען זיין גאַנץ לעבען, אַלע זיינע קרעפטען, אַלע געדאַנקען פאַר די באַ־פרייאונג פון זיין פאָלק, וואָס טראָגט אַלעס איבער, אום איהם, דעם פון שיקזאַל געצערטעלטען, צו געבען די מעגליכקייט צו לעבען אין איבערפלוס און לוקסוס, זיך צו לערנען און געניסען די קונסט. ער וועט אָראָפּוואַרפען פון זיך דעם פּריצישען לוקסוס; ער וועט אָנטאָן פּראָסטע, גראָבע פויערנקליידער און לאַפּטיעס; ער וועט אַוועקגעהן פון זיין היים, אַוועקוואַרפען דאָס רייכע הויז, אין וועל־כען עס איז איהם ענג און דושנע, אַזוי ווי אין אַ אַסטראָג; ער וועט זיך אַוועקלאָזען אין פאָלק, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפען דער־

פעל, און דארט וועט ער, דער שוואכער און אויסגעמארטעטער פריץ'ל, זיך נעמען צו דער שווערער ארבייט פונ'ם פויער; ער וועט ליידען אלע נויטען, אבי נאר אט דעם אונגליקליכען ברענגען א טרייסט־ווארט, די עוואנגעליע פון אונזער צייט — דעם סאציאליזם. פארשיקען, סיביר, דער טויט, דאס אלעס איז פאר איהם גאר נישט. זיין גרויסע, שטראלענדע, באלעבענדע אידעע פארשלינגט איהם אין גאנצען, אזוי ווי די געבענשטע דרום־זון; ער פאראכט יעדעס ליידען און איז גרייט אנטקעגענצוגעהן דעם טויט אליין מיט א צופרידענעם שמייכעל אויפ'ן פנים.

אט אזוי איז געבארען געווארען דער סאציאליסט־רעוואלוציאנער פון די יאהרען 1872־1874. אזוי זיינען אויך געבארען געווארען זייערע פארגענגער — די קאראמאזאווצעס — א קליין הייפעל אפגעקליבענע מענער, וועלכע האבען זיך ענטוויקעלט אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פונ'ם אינטערנאציאנאל, וועלכער איז דאן ענטשטאנען.

מיר האבען אלזא צוויי טיפען אין דער ענטוויקלונג פונ'ם געזעלשאפטליכען דענקען אין רוסלאנד. איינער, וועלכער געהערט צו די יאהרען 1860־1870, דער אנדערער, וועלכער איז ערשט ערשינען אינ'ם יאהר 1871.

דאס זיינען געוועזען צוויי פאלשטענדיגע קאנטראסטען. דער ניהיליסט שטרעבט צום אייגענעם גליק; דאס אידעאל פון זיין גליק איז א „פארנינפטיגעס" לעבען פון א „דענקענדען רעאליסט". דער רעוואלוציאנער זוכט דאס גליק פאר אנדערע, אויפאפפערענדיג זיין אייגענעם. זיין אידעאל איז — א לעבען פול מיט מאטערניש און ליידען און א מארטירערטוים.

און עפעס אזוי ווי אויף צו־להכעיס האט איראפא דעם ערשטען פון די צוויי טיפען, וועלכער האט אייגענטליך ניט געקענט בעקאנט זיין ווי נאר ביי זיך אין דער היים, גארניט געגעבען קיין נאמען, און דעם צווייטען, וועלכער האט זיך ערווארבען אזא מעכטיגע בארימטהייט, האט זי געבענשט מיט'ן נאמען פונ'ם ערשטען. וואס פאר א איראניע!

די פּראָפּאַגאַנדאַ.

.1

די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, אַזוי ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען, איז געוועזען אַ רעזולטאַט פון די אידעען און געשעהענישען אין מערב־איירָאָפּאַ. אָט די אידעען און געשעהענישען האָבען שטאַרק געווירקט אויף דער רוסישער יוגענד, וועלכע איז געוועזען זעהר גענייגט, זיך צו אונטערוואַרפען אָט די איינפלוסען אויפ'ן העכסטען גראַד. איצט דאַרפען מיר באַצייכענען די אמת'ע אורזאַכען, יעדע באַזונדער, וועלכע האָבען אַרויסגערופען אַזאַ רעזולטאַט, און די ריכטונג, אין וועלכער זייער איינפלוס האָט געווירקט. נאָכדעם ווי מען געפינט דעם אָנהויב און דעם סוף פון אַ גרויסען טייך, דאַרף מען אויסרעכענען די וואַסערען וואָס פאַלען אַריין אין איהם און אויספירליך באַשטימען די ריכטונג פון זיין לויף.

באַווייזען דעם גאַנג, ווי מערב־איירָאָפּאַ האָט געווירקט אין רוסלאַנד, איז ניט שווער. די אידעען־פאַרבינדונג צווישען רוסלאַנד און איירָאָפּאַ האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט, ניט קוקענדיג אויף אַלע מיטלען, וועלכע די צענזור פלעגט אָננעהמען. די פאַרבאָטענע ביכער, ווי די ווערק פון פּרודהאָן, פוריע, אָווען און פון די אַנדערע סאָציאַליסטען פון דער אַלטער שולע, פלעגען אַלע מאָל אָנקומען אין רוסלאַנד געהיים, אפילו אין דער צייט פונ'ם אַזיאַטיש־גרויזאַמען דעספּאָטיזם פון ניקאָלאַי דעם ערשטען.

אָט די שרייבער אָבער האָבען ניט געקענט האָבען אַ דירעקטען שטאַרקען איינפלוס, ערשטענס איבער די שוועריגקייטען, מיט וועלכע עס איז געוועזען פאַרבונדען דאָס ברענגען פון זייערע ווערק

קיין רוסלאַנד, און צווייטענס דורך די שפּראַך, וועלכע איז געווען אונבעקאַנט דער מאַסע פון'ם לעזענדען פובליקום. זיי האָבען גע־ווירקט אויף אַ גרויסען קרייז לעזער דורך די פיעלע גלענצענדע שרייבער, וועלכע האָבען פּאָפּולאַריזירט די סאָציאַליסטישע אי־דעען. אַט די שרייבער האָבען אין יענער עפּאָכע פאַרנומען די אַנגעזעהענסטע פּלעצער אין דער רוסישער ליטעראַטור. אַן דער שפּיץ זיינען געשטאַנען עטליכע פון די טאַלאַנטפולסטע מענער פון די לעצטע צוויי דורות: נ. טשערנישעווסקי, אַ טיעפער דענקער, אַ געלעהרטער און בייסענדער פּאָלעמיקער, וועל־כען מען האָט באַצאָהלט מיט מאַרטירעריי פאַר זיין ערעלער מיסיאָן; דאָבראָליובאָוו, אַ געניאַלער פובליציסט, וועל־כער איז געגען זיין ווילען געוואָרען אַ קריטיקער; כאָטש ער איז געשטאָרבען אַ יונגערמאַן, 26 יאָהר אַלט, האָט ער שוין געלאָזט טיעפע שפּורען, וועלכע זיינען נאָך ביז איצט ניט אָפּגעווישט גע־וואָרען; מיכאַילאָוו, אַ פּראָפעסאָר און אַ שרייבער, וועל־כער איז פאַראורטיילט געוואָרען צו קאַטאָרזשנע ארבייט פאַר אַ רעדע צו די סטודענטען, און אַ סך, אַ סך אַנדערע. הערצען און אָגאַריאָוו, די גרויסגעבער פון'ם ערשטען רוסישען אָרגאַן פון אַ פריי וואָרט — פון'ם לאָנדאָנער „קאָלאָקאָל“ — זיינען געווען די אויסדריקער און פאַרטייטשער פון דער נייער ריכטונג אין אויסלאַנד. אַט די שרייבער האָבען צוגעגרייט דעם באָדען פאַר דער שפּעטערער באַוועגונג, נאָכדעם ווי זיי האָבען ערצויגען אין די פּרינציפּען פון סאָציאַליזם אַ גאַנצען דור פון די זיבעציגער יאָהרען.

ווי עס האָט נאָר אַ קלאַפּ געטאָן די פּאַריזער קאָמונע, וועלכע האָט מיט איהר מורא'דיגער עקספּלאָזיאָן צוטרייסעלט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, האָט דער רוסישער סאָציאַליזם אָנגענומען אַ נייעם פּנים: דאָס איז די קריעגערישע צייט פון זיין ענטוויקלונג; ער איז אַריבערגעגאַנגען פון די קאַבינעטען און פּריוואַט־פאַרזאַמ־לונגען אין די דערפער און ווערקשטאַטען.

אַ סך אורזאַכען האָבען מיטגעהאָלפען דערצו, וואָס די רוסישע יוגענד האָט מיט אַזאַ היץ אָנגענומען די פּרינציפּען פון'ם רעוואָלו־

ציאָנערען סאָציאַליזם, וועלכע די קאָמונע האָט פּראָקלאַמירט. מיר וועלען זיי דאָ נאָר אָנצייגען.

ווי עס איז באַקאַנט, איז די קרימעער מלחמה, וועלכע האָט אויפ'ן אונבאַרעמהערציגסטען אופן אויפגעדעקט די צופּוילטקייט פון דער גאַנצער רוסישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, געווען דער אָנהויב פון דער רוסישער אויפלעבונג. אַלע האָבען איינגעזעהן, אַז רעפאָרמען זיינען נויטיג, אפילו יענע, וועלכע האָבען מורא געהאַט, עס זאָל חלילה דעם שטאַאַט אַ האָר ניט געקרימט ווערען. די רעפאָרמען האָבען זיך אָנגעהויבען. אָבער די פּראָבע איבערצו־מאַכען רוסלאַנד, וואָס איז אונטערנומען געוואָרען אונטער דער השגחה פונ'ם זעלבסטהערשענדען קייזער, וועלכער האָט געוואָלט אַלעם לאָזען אונבאַרירט: אי זיינע הייליגע „רעכטע", פון וועלכע מען וואָלט אייגענטליך געדאַרפט אָנהויבען, אום פּטור צו ווערען פון דער אַלטער אָרדנונג, אי די פּריווילעגיעס פון די פּריצים, וועלכע ער האָט געוואָלט האָבען אויף זיין צד, מורא־האָבענדיג פאַר די רעוואָ־לוציאָן, — אַזאַ פּראָבע האָט געמוזט זיין ניט אַהין, ניט אַהער, אַ צוויי פּנים'דיגע, פול מיט ווידערשפּרוכען, מיט איין וואָרט: אַ טויט־געבאָרענע.

די שרעקליכע, מיזעראַבלע, פון טאָג צו טאָג ערגער־ווערענדע לאַגע פון די פּויערען, ד. ה., ניין־צעהנטעל פון דער באַפעלקערונג, האָט געמוזט צווינגען יעדען איינעם, וועמען עס איז טייער געווען די צוקונפט פון רוסלאַנד, ערנסט נאָכצודענקען. מען האָט געמוזט זוכען פאַרשידענע וועגען, ווי אַזוי אויסצובעסערען די לאַגע פונ'ם פאָלק. נאַטירליך, וואָלט מען זיך געווענדעט צו געזעצליכע און פרידליכע מיטלען, ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער וואָלט, נאָך דער באַפרייאונג פון די פּויערים, אויך באַפרייט רוסלאַנד פון זיין אייגענעם יאָך, און וואָלט געגעבען כאָטש אַביסעלע פּאָליטישע פרייהייט. צו דעם אָבער האָט ער קיין פּיצעל נייגונג ניט גע־האַט; און ווי באַלד די זעלבסטהערשאַפט איז געבליבען אין דער פולער מאַכט, האָט מען בלויז געקענט האָפען אויפ'ן גוטען ווילען פונ'ם קייזער. וואָס ווייטער אָבער איז די האָפנונג אַלץ קלענער־

און שוואכער געווארען, אלס רעפארמאטאר האט אלעקסאנדער דער צווייטער ניט לאנג אויסגעהאלטען.

דער פוילישער אויפשטאנד, וועלכער איז אונטערדריקט געווארען מיט שרעקליכער גרויזאמקייט, איז געווען א סיגנאל פאר דער רעאקציאן, וועלכע איז פון טאג צו טאג געווארען מורא׳דיגער. דא האט מען שוין געמוזט אוועקווארפען יעדע האפנונג אויף פרידליכע און לעגאלע מיטלען. מען האט געדארפט וועהלען: ענטוועדער זיך אונטערגעבען, אדער זוכען אנדערע מיטלען צו רעטען דאס היים־לאנד; און עס איז גאנץ־נאטירליך, אז אלע, וועלכע האבען ליעב געהאט רוסלאנד, האבען אויסגעקליבען דאס לעצטע. אט אזוי איז געוואקסען דאס רעוואלוציאנערע פייער האנט אין האנט מיט דער ווילדקייט פון דער רעאקציע; און געהיימע געזעלשאפטען זיינען ענטשטאנען, איינע נאך די אנדערע, אין אלע הויפטשטעדט פון רוסלאנד.

קאראקאזאוו׳ס שאס, וועלכער איז געווען א רעזולטאט פון דער דאזיגער אויפרעגונג, איז ערשינען אלס א גרויזאמע ווארנונג פאר אלעקסאנדער דעם צווייטען. ער האט ער אבער גוט געוואלט פארשטעהן; נאך מעהר, פונ׳ם יאהר 1866 איז די משוגעת פון דער רעאקציע פארדאפעלט געווארען. אין איינינע מאנאטען איז פארניכטעט געווארען אלעס, וואס האט געטראגען דעם זיגעל פון ליבעראליזם פון די ערשטע יאהרען פון זיין רעגירונג. דאס איז ווירקליך געווען א טריאומפירענדער יום־טוב פאר דער רעאקציע.

2.

נאך דעם יאהר 1866 האט מען באדארפט זיין בלינד אדער א חונף, אז מען זאל גלויבען אין דער מעגליכקייט, עפעס צו פארבעסערען מיט אנדערע וועגען, אויסער געוואלטזאמע. דער רעוואלוציאנערער גייסט איז שטארקער געווארען, און מען האט בלויז געדארפט האבען א קליינעם פונק, אום די ביז איצט בסוד געהאלטענע אונצופרידענהייט צו פארוואנדלען אין אן אלגעמיינער עקס־

פלאזיאן. אזוי ווי מיר האבען שוין געזאגט, האט די פאריזער קא־מונע געשפיעלט די ראלע פון דעם פונק.

באלד נאך דער קאמונע, ד. ה., אין סוף פונ'ם יאהר 1871, האט זיך אין מאסקווע געבילדעט א געהיימער בונד „דאלגושינצי", און אין יאהר 1872 איז אין פעטערבורג ענטשטאנען דער קרוזשאק „טשאיקאווצי", וועלכער האט געהאט זיינע אפטיילונגען אין מאסקווע, קיעוו, אדעס, אריאל און טאגאנ־ראג. ביידע ארגאניזאציעס האבען געהאט איין און דאסזעלבע ציעל: פארשפרייטען די סאציאל־רעוואלוציאנערע פראפאגאנדא אונטער די ארבייטער און פויערן. אויסער אט די גרויסע געזעל־שאפטען האבען אויך עקזיסטירט א סך קליינע, מיט דעם זעלבען פראגראם. איינצעלנע פערזאנען, וואס האבען ניט געהערט צו קיינע קרוזשאקעס, האבען זיך א לאז געטאן „אין פאלק" פראפא־גאנדירען. די באוועגונג האט אויסגעבראכען צו גלייכער צייט אין פארשידענע ערטער, און איז געווען איינפאך א נויטווענדיגער רע־זולטאט פון רוסלאנד'ס לאגע, ווען מען זאל זי באטראכטען פונ'ם שטאנדפונקט פון די סאציאליסטישע אידעען, וועלכע טשערני־שעווסקי, דאבראליובאוו, הערצען און די אנדערע האבען צוזעעט אין דער רוסישער אינטעליגענץ.

צו די רוסישע שטרעמונגען האט זיך באלד אנגעשלאסען א נייע מעכטיגע כוואליע פון אויסלאנד. איהר קוואל איז געווען די „אינטערנאציאנאלע געזעלשאפט פון די ארבייטער", וועלכע האט דערגרייכט איהר גרעסטע קראפט אין פארלויף פון עטליכע יאהר באלד נאך דער פאריזער קאמונע. דא דארף מען אויך אונ־טערזוכען צוויי באזונדערע וועגען, דורך וועלכע דער איינפלוס פונ'ם אינטערנאציאנאל פלעגט איבערגעגעבען ווערען אין רוס־לאנד. פון איין זייט איז עס געווען דורך דער ליטעראטור, און פון דער צווייטער — דורך דער דירעקטער ווירקונג אויף איינצעלנע פערזאנען. צוויי שרייבער — מיכאאיל באקונין, אן אראטאר און אגיטאטאר, וועלכער האט געגרינדעט די אנארכיס־טישע, אדער פעדעראליסטישע סעקציע פונ'ם אינטערנאציאנאל,

און פּ ע ט ע ר ל אַ װ ר אָ װ , אַ באַרימטער פילאָזאָף און פּובּ־ליציסט, — האָבען מיט זייער פעדער זעהר פיעל אויפגעטאָן פאַר אונזער זאַך. דער ערשטער, אַלס פאַרפאַסער פונ׳ם בוך איבער רעוואָלוציאָן און פעדעראַליזם, אין וועלכען ער ענטוויקעלט די אי־דעע פון דער נויטווענדיגקייט פון אַ באַלדיגען אויפשטאַנד; דער צווייטער, אַלס רעדאַקטאָר פונ׳ם זשורנאַל „וופּעריאָד״ (פאָר־ווערטס), וועלכען ער האָט איינגאַנצען אויסגעהאַלטען כמעט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס. ניט קוקענדיג דערויף וואָס אין איינינע פראַגען זיינען די צוויי שרייבער ניט געווען איינפערשטאַנען, דאָך האָבען זיי ביידע אַנערקענט די פּויערים־רעוואָלוציע פאַר דאָס איינציגע מיטעל, וואָס קען ווירקליך פאַרענדערען די אונערטרעגליכע לאַגע פונ׳ם רוסישען פאָלק.

דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָבער אויך געהאַט אַ דירעקטען איינפלוס אויף דער רוסישער באַוועגונג. דאָ דאַרפען מיר זיך אביסעל אומקערען צוריק, וואָרים אין דעם דאָזיגען פּונקט ריהרט זיך די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אָן מיט דער ריין־אינ־ווידואַליסטישער פון דעם אַזוי־גערופענעם ניהיליזם, פון וועלכען עס איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען. די פרויען האָבען גע־קעמפּט פאַר זייער עמאַנציפּאַציע און צו דערזעלבער צייט פאַר העכערע בילדונג. אַזוי ווי די טירען פון די העכערע שולען אין רוסלאַנד זיינען געווען צוגעמאַכט פאַר זיי, האָבען זיי באַשלאָסען פאָהרען נאָך אויסלאַנד, אום דאָרט צו ערווערבען די קענטעניסען, וועלכע זייער אייגען לאַנד האָט זיי ענטזאָגט. די פרייע ש ו ו י י ץ, וועלכע האָט אַמאָל פאַר קיינעם ניט צוגעמאַכט ניט איהרע גרע־נעצען, ניט איהרע אוניווערזיטעטען, איז געוואָרען דאָס ליעבלינג־לאַנד פון אַט די נייע „עולה־לרגל׳ניקעס״; און די באַרימטע שטאָדט צ י ר י ך איז איין צייט געוואָרען זייער ירושלים. פון אַלע עקען פון רוסלאַנד, פון דער װ אָ ל ג אַ, פונ׳ם שטילען ד אָ ן, פונ׳ם ק אַ װ ק אַ ז, פונ׳ם וויטען ס י ב י ר, האָבען זיך אַ לאָז געטאָן יונגע מיידלאַך, כמעט קינדער, מיט אַ לייכטען טשעמאָדאַנ־טשיק אויף די הענט, כמעט אָהן מיטעל, גאַנץ אַליין, אויף טויזענדער

ווערסט, וואוהין זיי האט געטריבען דער דורשט נאך קענטעניסען, וועלכע האבען געקענט פארזיכערען זייער געווינשטע אונאבהענגיגקייט. אנקומענדיג אין דעם לאנד, נאך וועלכען זיי האבען געביינקט, האבען זיי דארט געפונען ניט נור מעדיציניסע שולען, נאר אויך א גרויסע באוועגונג, פון וועלכער פיעל פון זיי האבען אין דער היים קיין באגריף ניט געהאט. דא ווייזט זיך ווידער ארויס דער אונטערשיעד צווישען דעם פריהעריגען ניהיליזם און דעם סאציאליזם פונ׳ם שפעטערן דור.

— וואס איז די גאנצע וויסענשאפט, — האבען זיך געפרעגט יונגע מיידלאך, — אויב ניט א מיטעל צו קריגען א פארטיילהאפטע לאגע צווישען די פריווילעגירטע קלאסען, צו וועלכע מיר געהערען סיי־ווי־סיי? ווער וועט אויסער אונז באנוצען אט די אלע פארטיילען, וועלכע די קענטעניסען גיבען? און אויב קיינער ניט, וואס־זשע פאר אן אונטערשיד איז צווישען אונז און דער גאנצער מאסע בלוטזויגער, וואס לעבען פונ׳ם בלוט און פון די טרערען פון אונזער אונגליקליכען פאלק?

און אנשטאט די מעדיציניסע שולען האבען די מיידלאך אנגעהויבען באזוכען די זיצונגען פונ׳ם אינטערנאציאנאל, שטודירען די פאליטישע עקאנאמיע, די ווערק פון מארקס, באקונין, פרודהאן און אנדערע גרינדער פונ׳ם אייראפעאישען סאציאליזם. אין גיכען איז די שטאדט ציריך—אן ארט פון וויסענשאפטליכע קענטעניסען, — געווארען איין גרויסער קלוב. איהם נאמען האט זיך פארשפרייט איבער גאנץ רוסלאנד און האט צוגעצויגען הונדערטע פון דער יוגענד. דאן האט די קייזערליכע רעגירונג ארויסגעגעבען א לעכערליכען און שענדליכען אוקאז, אין וועלכען זי איז מתרה, אז די רוסען, וועלכע וועלען באלד ניט פארלאזען די שרעקליכע שטאדט, וועלען געשטעלט ווערען אויסער דעם געזעץ. די רעגירונג האט דא זעהר צוגעטראפען, ווארים סיי־ווי־סיי האבען א סך רוסען אין ציריך אויסגעארבייט פלענער, ווי אזוי צו קומען אהיים, נאטירליך מיט דעם צוועק, דארט צו פראפאגאנדירען די אידעען פונ׳ם אינטערנאציאנאל, און דער אוקאז האט נור צו־

געהאַלפען: אנשטאַט וואָס זיי האָבען געזאָלט פאַהרען איינציג־ווייז און לאַנגזאַם, האָבען זיי זיך אַ לאָז געטאָן אַלע מיט אַמאָל, זייערע פריינד אין רוסלאַנד האָבען זיי באַגעגענט מיט באַגייס־טערונג און זיי האָבען זיך באַלד גענומען מיט'ן גאַנצען פייער פון דער יוגענד צו פאַרברייטען די אידעען פונ'ם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

.3

אין ווינטער פון דעם יאָהר 1873, אין איינע פון די אָרימע שטיבעלאַך אין דער אומגעבונג פון פעטערבורג, פלעגען זיך אַלע וואָך אַרומקלייבען אַ גרויסע צאָהל פון אַרבייטער אַרום דעם פירסט **פעטער קראָפּאָטקין**, וועלכער פלעגט זיי ערקלערען די פרינציפּען פון סאָציאַליזם און פון רעוואָלוציאָן. אַ רייכער קאָ־זאַק, **אַבּוכאָוו**, וועלכער איז שוין געווען אין די לעצטע גראַ־דען פון שווינדזוכט, האָט דאָסזעלבע געטאָן אויף די ברעגען פונ'ם דאָן. דער אָפיציר **לעאָניד שישקאָ** איז אַריינגעטראָטען אַלס וועבער אין אַ פאַבריק אין פעטערבורג מיט דעמזעלבען ציעל צו פּראָפּאַגאַנדירען. צוויי אַנדערע מיטגלידער פון דערזעלבער געזעלשאַפט, **דמיטרי ראַגאַטשאָוו** מיט איינעם פון זיינע פריינד, האָבען זיך אָוועקגעלאָזט אין **טווערסקי גו־בערניע**, אַלס פּילשטשיקעס (האָלצזעגער), אום צו פּראָפּאַגאַנ־דירען צווישען די פּויערען. אינ'ם זעלבען ווינטער האָט אַ דאָר־טיגער פּאָמעשטשיק זיי גע'מסר'ט און מען האָט זיי ביידען אַרעס־טירט. מיט דער הילף פון פּויערען איז זיי געלונגען זיך אַרויס־צוכאַפּען פון דער פּאָליציי'ס לאַפּעס, און זיי זיינען אַנגעקומען אין מאָסקווע, וואו זיי האָבען אַנגעהויבען פיהרען פּראָפּאַגאַנדע צווישען דער יוגענד. דאָ האָבען זיי זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט צוויי פרויען, וועלכע זיינען ניט לאַנג אַנגעקומען פון ציריך מיט'ן זעל־בען ציעל. אויף אַזאַ אופן האָבען זיך די צוויי שטראָמען, איינער אַ לאָקאַלער, דער צווייטער פון אויסלאַנד, באַגעגענט אויף שריט און טריט, און ביידע האָבען געפיהרט צו איין זאַך. די אונטער־

ערדישע ביכער און זשורנאלען האבען אויסגערופען: „עס האט שוין אויסגעשלאגען די לעצטע שעה פון דער אלטער בורזשואזער וועלט, זי דארף צושטערט ווערען... א נייע וועלט, געגרינדעט אויף דער סאלידאריטעט, אויף דער ברידערשאפט פון אלע מענשען; א וועלט, וואו עס וועלען ניט זיין ניט קיין טרערען, ניט קיין ארימ־קייט און נויט, איז שוין גרייט צו ענטשטעהן אויף די חורבות פון דער אלטער. צו דער ארבייט, אלזא! לעבען זאל די רעוואלוציא, דאס איינציגע מיטעל צו פארווירקליכען אט דעם גאלדענעם אי־דעאל!" די סטודענטען און סטודענטקעס, וועלכע זיינען צוריק־געקומען פון אויסלאנד, פלעגען אריינברענגען א נייעם פייער אין די הערצער פון דער יוגענד דורך זייערע ערצעהלונגען פונ'ם גרוי־סען קאמף, וועלכען דער מערב־אייראפעאישער פראלעטאריאט האט אנגעהויבען; פונ'ם אינטערנאציאנאל און זיינע בארימטע גרינ־דער; פון דער קאמונע און איהרע מארטירער. און צוזאמען מיט נייע אנהענגער האבען זיי זיך גרייט געמאכט צו געהן „אין פאלק", אריינצופיהרען דיזעלבע אידעען אין לעבען. די, וועלכע זיינען שוין געוועזען אין די דערפער, פלעגט מען באפאלען, ווי בינען אויף האניג, מיט פארשידענע פראגען: וואס איז אזוינס דאס מעכטיגע און רעטזעלהאפטע פאלק, צו וועלכען זייערע עלטערען האבען זיי איינגעפלאסען אזא שרעק, און וועלכע זיי האבען דאך שוין ליעב באקומען מיט'ן גאנצען פייער פון א יונגען הארצען, כאטש זיי קענען עס נאך גארניט? און די געפרעגטע, וועלכע האבען שוין דורכגעמאכט דיזעלבע יסורים פון צווייפעל און שרעק, פלעגען ענטפערען מיט פייער, אז דאס „שרעקליכע" פאלק איז גוט, איינ־פאך און צוטרויליך, אזוי ווי א קינד; אז עס נעמט אויף זיינע פריינד ניט נור אהן יעדען חשד, נאר מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס און מיט אן אפען הארץ; אז אלע, אלט און יונג, זאמלען זיך צונויף, נאך דעם לאנגען, שווערען ארבייטסטאג, ארום זיי אין א פינסטערער, פארשוואַרצטער, פאררויכערטער שטוב, און דארט, ביים שוואכען ליכט פון א פויערן־לעמפעלע, דערצעהלען זיי זיי איבער סאציאליזם, אדער לייענען זיי פאר עפעס א ביכעל. אז א

פראפאגאנדיסט קומט אין א דארף, הערען אויף אלע דארפס־פאר־זאמלונגען, ווארים די פויערען ווילען בעסער איהם הערען. דער־ביי פלעגען זיי אויך אויסמאלען דאס בילד פון די אונגעהייערע לײדען פונ׳ם אונגליקליכען פאלק; ליידען, וועלכע זיי האבען אליין מיט זייערע אויגען געזעהן, און פלעגען אויך אנווייזען אויף די שוואכע צייכענס, וועלכע זייער פאנטאזיע האט אפשר אביסעל צו גרויס געמאכט, וועלכע האבען זיי אבער פארזיכערט, אז דאס פאלק איז נאך ניט אזוי דערשלאגען, ווי מען מיינט; אז אין איהם קומט עפעס פאר א מין אויפרעגונג. אלעס דאס וויזט, אז זיין געדולד שעפט זיך אויס, אז עס דארף עפעס געשעהן, אז רוס־לאנד שטעהט ביים שוועל פון שרעקליכע געשעהענישען.

אט די אלע פארשידענע און מעכטיגע איינפלוסען האבען שטארק געווירקט אויף די עמפפענגליכע מחות פון דער רוסישער יוגענד, און האבען ארויסגערופען יענע גרויסע באוועגונג פון די יאהרען 1873־1874, פון וועלכע עס הויבט זיך אן אין רוסלאנד א נייע רעוואלוציאנערע עפאכע.

אזוינס איז ניט געווען ניט פריהער, ניט שפעטער. עפעס אזוי ווי א מין אנטפלעקונג וואלט דא געארבייט, ניט קיין פראַ־פאגאנדא. אין אנפאנג קען מען נאך אנווייזען דאס אדער יענעס בוך, די אדער יענע פערזאן, וועלכע האבען דעם איינפלוס אויף דעם אדער אויף יענעם, ער זאל צושטעהן צו דער באוועגונג; וויי־טער אבער ווערט עס אונמעגליך. א מעכטיגער קול האט זיך געלאזט הערען אין גאנצען לאנד, צורופענדיג אלע, ווער עס האט נאר א לעבעדיגע נשמה, צו דער גרויסער זאך: רעטען דאס היים־לאנד און די מענשהייט. און אלע, אין וועמען עס איז נאר געווען א לעבעדיגע נשמה האבען זיך אפגערופען און זיינען געגאנגען נאכ׳ן קול, פול אומעט און אונצופרידענהייט מיט זייער פארגאנגענעם לעבען. זיי האבען איבערגעלאזט אלעס: דעם אייגענעם דאך, רייכטום, כבוד, פאמיליע; איבערגעגעבען זיך דער באוועגונג מיט יענעם ענטוזיאזם, מיט יענעם פייערדיגען גלויבען, וועלכער קען ניט קיין הינדערניסען, צעהלט ניט די קרבנות, און פאר וועלכע ליידען

און אומקומען זיינען אונפארמיידליך, נויטווענדיג צו אזא ארבייט.

מיר ווילען שוין ניט ריידען פון די יונגע לייט, אפילו פון אריסטאקראטישע פאמילען, וועלכע פלעגען צו פופצעהן שעה א טאג ארבייטען אין די פאבריקען, אין די ווערקשטאטען, אויפ'ן פעלד. קוראזש און גרייטקייט אויף אפפער פאסט פאר דער יוגענד. כאראקטעריסטיש איז דאס, אז אויך עלטערע מענשען, ריכטער, דאקטוירים, אפיצירען, מענשען מי א גוטער לאגע, אויף וועלכע זיי האבען פארבראכט זייערע בעסטע יונגע יאהרען, ביז זיי האבען זי ערררייכט, אויך אזעלכע האבען זיך אנגעשטעקט מיט אט די אידעען; און צווישען זיי זיינען געווען איבערגעגעבענע מענער.

אט די באוועגונג קען קוים אנגערופען ווערען א פאליטישע. גיכער איז דאס געווען א מין קרייץ־צוג; זי האט געהאט דעם אנשטעקענדען און אלעס פארשלינגענדען כאראקטער פון די רעליגיעזע באוועגונגען. מענשען האבען זיך באשטרעבט ניט נור צו דערגרייכען באשטימטע פראקטישע ציעלען, נאר האבען אויך געוואלט באפרידיגען דאס טיעפע באדערפעניש פון דער פערזענליכער מאראלישער רייניגונג.

אט די עדעלע באוועגונג האט אבער ניט אויסגעהאלטען און האט ניט געקענט אויסהאלטען דעם צוזאמענשטוים מיט דער רויהער, הארטער ווירקליכקייט.

מיר ווילען דערמיט ניט זאגען, אז דער רוסישער פויער איז געווען גלייכגילטיג אדער פיינדליך צום סאציאליזם. אלס אן ארבייטער־פאלק הויפטזעכליך, וואס איז געוואוינט צו אסאציאציעס פאר פארשידענע פראדוקציעס, און וואס האלט פון אוראלטע צייטען אז דאס הויפטווערקצייג פון דער פראדוקציע — די ערד — געמיינשאפטליך, איז דאס רוסישע פאלק פעהיג זיך צו פארהאלטען געגען דעם סאציאליזם סימפאטישער און שכל'דיגער פון אן אנדערען. אויב עס וועט, ווען עס ניט איז, מאכען א רעוואלוציאן, וועט עס נאר זיין אינ'ם נאמען פון סאציאליסטישע פאדערונגען. א רעוואלוציאן אבער פאדערט שטענדיג א שטארקע ארגאניזאציע, וועלכע קען נור באשאפען ווערען דורך סאציאליסטישע אדער ריין

רעוואלוציאנערע פראפאגאנדא. אפען פיהרען אזא פראפאגאנדא האט מען ניט געקענט, און מען האט געמוזט אנקומען צו דער געהיימער, וועלכע איז אין אונזערע דערפער גאנץ אונמעגליך.

יעדער איינער, וועד עס באזעצט זיך אין דארף, סיי א בעל־מלאכה, סיי א דארפס־לעהרער אדער א שרייבער, איז ער באלד ביי אלעמען אויף די אויגען. אויסער דעם קען דער פויער אויך ניט באהאלטען א סוד פאר די אנדערע דארפסלייט. וואס הייסט, ער וועט זיך ניט דורכריידען מיט זיין שכן פון אזא אונגעוועהנ־ליכען פאקט, ווי לייענען א בוך, און נאך באזונדערס, אז דאס בוך רעדט פון אזא נאטירליכער, אמת'ער און גוטער זאך, ווי די, וואס דער סאציאליסט דערצעהלט איהם? און גאנץ נאטירליך, ווי נור א פראפאגאנדיסט קומט צו איינעם פון זיינע פריינד, דער־וויסט זיך דערפון באלד דאס גאנצע דארף, און איז איין האלבע שעה איז שוין די שטוב פול מיט לאנג־בערדיגע פויערען, וועלכע לויפען הערען דעם אונבאקאנטען; זיי געפינען אפילו ניט פאר נייטיג אנזאגען פריהער ניט איהם, ניט דעם בעל־הבית. אויב די שטוב איז קליין פאר אלע, פיהרט מען דעם גאסט אין די דארפס־אופראווא, אדער איינפאך אויף דער גאס, און דארט לייענט ער זיינע ביכלאך, אדער האלט א רעדע אונטער דעם אפענעם הימעל. זעלבסטפארשטענדליך, אז ביי אזעלכע זיטען האט די רעגירונג אהן שוועריגקייטען זיך באלד דערוואוסט פון דער אגיטאציע צווישען די פויערען.

באלד האבען זיך אנגעהויבען ארעסטען איינע נאך די אנדערע. לויט א ראפארט פון א רעגירונגס־צירקולאר זיינען זיבען און דרייסיג גובערניעס געווען „אנגעשטעקט" מיט דער פראפאגאנדא. באשטימט וויים קיינער ניט די צאהל פון די ארעסטירטע; אין איין פראצעס פון די „193", וועלכער האט זיך געצויגען פיער יאהר, האט די צאהל דערגרייכט, נאך דער אפיציעלער סטאטיסטיק, טויזענד פיער הונדערט.

נאך די פארלארענע אבער פלעגען ארויסטרעטען אויף דער סצענע נייע רייהען פון קעמפער, ביז ענדליך, דורך דער אונגע־

הייערער צאהל פון אפפער, האט דער קאמף אנגעהויבען שטילער ווערען. דאך האט די באוועגונג, אט וואקסענדיג, אט פאלענדיג, געדויערט צוויי יאהר. ענדליך האט מען געמוזט מודה זיין, אז מיט'ן שטערן קען מען די וואנד ניט דורכשלאגען. פונ'ם יאהר 1878 האט זיך דער כאראקטער פון דער באוועגונג געענדערט. די גרויסע פראפאגאנדא, ד. ה., דאס איינציגע מיטעל, וואס וואלט נאך אימשטאנד געווען אויפצוהויבען די פויערען צו אן אויפשטאנד, האט מען אפגעלאזט, און איהר פלאץ האבען פארנומען די „פאסעלעניעס" — קליינע קאלאניעס, וועלכע האבען נור גערעכענט אויף א מעהר אדער ווייניגער דויערנדע טעטיגקייט אין אן אויסגעקליבענעם ארט. אום אויסצומיידען די אונטערוואסער פעלזען, אין וועלכע די פריהערדיגע באוועגונג האט זיך צושלאגען, זיינען די קאלאניסטען געווען זעהר פארזיכטיג; זיי האבען געזעהן, אז זיי זאלען ניט ציהען קיינעמ'ס אויפמערקזאמקייט אויף זיך, ניט מאכען קיין רעש, פיהרען די אגיטאציע נאר צווישען אזעלכע פויערען, וועלכע זיי האבען פערזענליך געקענט אלס זיכערע און פארניפטיגע. די קאלאניעס זיינען געווארען ווייניגער אונטערווארפען די ריזיקע אויסגעפונען צו ווערען, און האבען זיך געהאלטען אייניגע יאהר; דערפאר אבער האבען זיי ניט געלאזט קיין שפורען פון זייער טעטיגקייט. אנדערש האט עס אויך ניט געקענט זיין; זיי האבען ניט געקענט פיעל אויפטאן, ווארים רוסלאנד איז אונגעהייער גרויס, און זיי האבען געמוזט, אפילו אין די אויסערוועהלטע ערטער, אויך באגרענעצען דעם קרייז פון זייער ארבייט.

.4

די פראצעסען פון די פראפאגאנדיסטען אין די יאהרען 1877 און 1878 באצייכענען דעם סוף און אויך די גרויסקייט פון דער דאזיגער ערשטער פעריאדע פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

דער רוסישער רעגירונג האט זיך זעהר געוואלט נאכטאנצען דער צווייטער פראנצויזישער אימפעריע, וועלכע האט גוט פארשטאנען, ווי זיך צו שפילען מיט דעם רויטען קענצייכען; און

דערפֿאַר האָט זי באַשטימט, אַז דער ערשטער גרויסער פּראָצעס פֿון די „50“ זאָל זיין אָפֿען; זי האָט געהאָפֿט, אַז די דערשראָקענע פּריווילעגירטע קלאַסען וועלען זיך ענגער צוזאַמענשליסען און וועלען אַוועקוואַרפֿען אַלע דומע אידעען. זי האָט אָבער אַ גרויסען טעות געהאַט. אפילו יענע, וועלכע האָבען זיך פֿאַרהאַלטען פֿיינד־ליך צו די רעוואָלוציאָנערען, זיינען ערשטוינט געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהן זייער מערקווירדיגע גרייטקייט צו זעלבסטאויפֿ־אָפּפֿערונג.

„דאָס זיינען דאָך הייליגע!“, האָט יעדער איינער אויסגעשריען, ווער עס האָט נאָר ביייגעוואוינט דעם דאָזיגען פּראָצעס.

דער פּראָצעס פֿון די „193“, וואָס איז פֿאָרגעקומען אויפ׳ן צווייטען יאָהר, האָט נאָך פֿאַרשטאַרקט דעם איינדרוק.

און ווירקליך, ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז אַלעס עדעלע און ערהאַ־בענע אין דער מענשליכער נאַטור איז קאָנצענטרירט געווען אין דעם דאָזיגען הייפֿעל פֿון דער העלדישער יוגענד. איבערגעגעבען אויפ׳ן העכסטען גראַד דער גרויסער אידעע, האָבען זיי געוואָלט אויפֿאָפּפֿערען ניט נאָר זייער לעבען, זייער צוקונפֿט, זייער קאַריערע, נאָר אויך זייער נשמה. זיי האָבען זיך געוואָלט באַפֿרייען פֿון אַלערליי אַנדערע געדאַנקען, פֿון יעדען פּערזענליכען באַנד, כדי זיך אָהן טענות, אין גאַנצען איבערצוגעבען דער זאַך. די שטרענג־סטע מאָראַל איז געוואָרען איינע פֿון די עיקרים, און עס איז געווען אַ צייט, ווען יונגע לייט פֿון ביידע געשלעכטען האָבען זיך געהאַל־טען אין זייערע פֿאַרהעלטניסען ווי שטרענגע נזירים.

פֿאַר זיך האָבען די פּראָפּאַגאַנדיסטען גאָרניט געוואָלט. זייער איינענער „איך“ האָט ביי זיי ניט עקזיסטירט. דערפֿאַר אָבער האָבען זיי ניט געפּאַסט פֿאַר׳ן פֿאַרשטעהענדען שרעקליכען קאַמף. דער טיפּ פֿונ׳ם פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון די זיבעציגער יאָהרען האָט גיכער געהערט צו אַזעלכע, וועלכע ווערען אַרויסגערופֿען דורך רעליגיעזע, אָבער ניט רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. דער סאָ־ציאַליזם איז געווען זיין אמונה, דאָס פֿאָלק — זיין גאָט. כאָטש מען האָט אַרויסגעזעהן די אונמעגליכקייט, דאָך איז ער געווען זי־

כער, אז היינט־מארגען וועט אויסברעכען א רעוואלוציאן, אזוי ווי אין מיטעלאלטער האבען מענשען געגלויבט, אז דער יום־הדין קומט אן. די ווירקליכקייט האט געבראכט א שרעקליכען קלאפ דעם פייערדיגען באגייסטערטען גלויבען, ווארים זי האט איהם געוויזען זיין גאט, אזוי ווי ער איז, ניט אזוי ווי ער האט זיך איהם אויסגעמאלט אין זיין פארשטעלונג. ער איז טאקע ווייטער געווען גרייט אויף אפפער, איהם האט שוין אבער געפעלט דער פריהער־דיגער פייער, דער פריהערדיגער דארשט צום קאמף. איין מאל האט ער זיך אפגענארט, האט ער פארלארען יעדע האפנונג אויפ׳ן זיעג, און אויב איהם האט זיך נאך געוואלט א קראנץ, איז עס שוין געווען א קראנץ פון דערנער, ניט פון רויזען. אזוי ווי דער קריסט אין די ערשטע יאהרהונדערטען, איז ער געגאנגען אויף מארטירעריי, קלאר זעהענדיג און פארשטעהענדיג אלעס; האט אלעס איבער־געטראגען מיט פולער גייסטעסרוה, זאגאר מיט פארגניגען, ווארים ער האט געוואוסט, אז ער ליידט פאר זיין גלויבען. ער איז געווען פול ליעבע און האט צו קיינעם ניט געפיהלט קיין האס, אפילו ניט צו זיינע תלינים.

אט דאס איז געווען דער פראפאגאנדיסט פון די יאהרען 1875־1872. ער האט געהאט צופיעל אידעאליזם, אום ער זאל קענען ביישטעהן אינ׳ם שווערען, הארטען קאמף. אדער ער האט זיך געמוזט ענדערען, אדער פארשווינדען.

און עס האט זיך שוין אנגעהויבען אויסארבייטען א נייער טיפ פונ׳ם רעוואלוציאנער, וועלכער איז שוין גרייט געווען יענעמ׳ס פלאץ צו פארנעמען. אויפ׳ן האריזאנט האט זיך שוין אנגעהויבען ווייזען א טונקעלע פיגור, באלויכטען ווי מיט׳ן פייער פון גיהנום; מיט שטאלץ אויפגעהויבענעם שטערן און בליק, פול ארויספאדע־רונג און ראכע, האט זי זיך אנגעהויבען דורכשלאגען א וועג צווישען דער דערשראקענער מאסע, כדי מיט א פעסטען שריט ארויפצו־טרעטען אויף דער סצענע פון דער געשיכטע.

דאס איז געווען דער טעראריסט.

די טעראָריסטען.

1.

די יאָהרען 1876 און 1877 זיינען געוועזן די פינסטערסטע און שווערסטע פאַר די רוסישע סאָציאַליסטען. די באַוועגונג „אין פאָלק“ האָט צו טייער געקאָסט. דער דעספּאָטיזם, אין אַז אַנפאַל פון פאַרריקטען שרעק, האָט אָפּגעשניטען גרויזאַם און אָהן רחמנות אַ גאַנצען דור. די אָסטראָגען זיינען געוועזן פול; עס איז שוין קיין פּלאַץ ניט געוועזן, האָט מען געבויט נייע. וואָס זיינען אָבער געוועזן די פאָלגען פון די אַלע אָפּפער?... זיי זיינען געוועזן גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דער מאַסע פון די פאַרצעהרטע קרעפטען.

וואָס האָט מען געקענט ערוואַרטען פון אַ קליינער צאָהל פּויערען און אַרבייטער, וועלכע האָבען זיך אַנגעאייגענט די אידעען פונ׳ם סאָציאַליזם? וואָס האָבען געקענט אויפטאָן די „קאָלאָניעס“, וועלכע זיינען געוועזן צושפּרייט דאָ און דאָרט? די פאַרגאַנגענהייט איז געוועזן טונקעל, די צוקונפט פינסטער און האָפנונגסלאָז.

אָפּשטעלען זיך אָבער האָט די באַוועגונג ניט געקענט. די אויפגערעגטע רעוואָלוציאָנערע יוגענד, פאַרברענט פונ׳ם דאָרשט נאָך טעטיגקייט, האָט נור געזוכט אַז אַנדער וועג צו פאַרווירקליכען דיזעלבע צוועקען. געפינען אַזאַ וועג איז געוועזן גאָר ניט לייכט ביי די באַדינגונגען פונ׳ם רוסישען לעבען. דאָס זוכען האָט לאַנג געדויערט און איז געוועזן געפעהרליך. אַ סך קרבנות זיינען געפאַלען אויפ׳ן וועג, וואָרים עס האָט געהייסען: זוכען אַז אויסגאַנג פון אַ פינסטערער הייל, פול אָפּגרונדען און גריבער, וואו יעדער שריט פאַרוועהרט קאָסט מעהרערע לעבענס, און נאָר דאָס קריכען פון די געפאַלענע ברידער ווייזט דעם וועג די, וועלכע זיינען געבליבען ביים לעבען.

צום באַוואונדערן איז געווען דאָס געהן „אין פאָלק"; עס האָט אויסגעפּרואווט די מאַכט פון'ם וואָרט; איצט האָט מען געדאַרפט אויספּרואווען אַ געגענגעזעצטען וועג — אַ וועג פון אַרבייט.

„אונז איז עס ניט געלונגען, ווייל מיר זיינען געווען פּוסטע פּלאַפּלער; ניט פעהיג צו אַ ווירקליכער אַרבייט." דאָס איז געווען דער ביטערער פאַרוואורף, וואָס זיי האָבען זיך אַליין געמאַכט, ווען זיי האָבען באַמערקט דעם נייעם רעוואָלוציאָנערען דור, וועלכער האָט געדאַרפט זייער פּלאַץ פאַרנעמען; און דאָס האָבען געזאָגט מענשען, וועלכע האָבען איבערגעלעבט אַזאַ גרויסע באַוועגונג.

דער צורוף: „צו דער אַרבייט!" איז געוואָרען אַזוי אַל־געמיין, ווי מיט איניגע יאָהר צוריק דער קול: „אין פאָלק!" נו, איז געווען די פראַגע, וואָס פאַר אַ מין אַרבייט זאָל מען אונטער־נעמען?

די רעוואָלוציאָנערען, געטריבען דורך דעם אונאייגענוציגען וואונש צו טאָן אַלעס פאַר דאָס פאָלק און נאָר פאַר דאָס פאָלק, האָבען קודם־כל אָנגעווענדט זייערע קרעפטען אַרויסצורופען אַ באַ־וועגונג צווישען דעם פּויערנטום. די ערשטע קרוזשאָקעס פון די אַזוי־גערופענע „בונטאַרעס" (עמפּערער), וועלכע האָבען געזעהן דעם ערפאָלג פון דער באַוועגונג אין אַ באַלדיגען אויפשטאַנד, האָבען זיך נאָך אָנגעהויבען אין'ם יאָהר 1875.

„בונטען" קען מען אָבער קינסטליך ניט מאַכען; זיי קומען פון זיך אַליין.

ס ט ע פּ אַ נ אָ ו ו י ט ש איז געווען דער איינציגער, וועל־כער האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם רוסישען פּויער קען מען אַנדערש ניט געווינען, סיידען ווייזענדיג איהם זיינע אייגענע צרות, וועלכע ער זעהט טאָג־טעגליך מיט זיינע אייגענע אויגען; און דערפאַר איז די פאַרשווערונג, וועלכע ער האָט געמאַכט, מעהר געלונגען פון אַלע אַנדערע. און אפילו דאַ האָט אויך די רעגירונג פריהער פאַרכאַפּט, איידער עס איז דערגאַנגען צו אַן אויפשטאַנד. אין אַנדערע פעלע זיינען די רעזולטאַטען געווען נאָך טרויעריגער.

אין די שטעדט האָט דיזעלבע שטרעבונג אַרויסצורופען אַ בונט אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם: די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך פּראָבירט צום ערשטען מאָל אַרויסצוגעהן אויף די אָפענע פּלעצער.

די יאָהרען 1876, 1877 און די ערשטע חדשים פון 1878 זיינען געווען אַ פּעריאָדע פון מעהר אָדער ווייניגער באַדייטענדע דעמאָנסטראַציעס, ווי די לויות פון טשערנישעוו'ן און פּאָדלעווסקי'ן, די דעמאָנסטראַציע אויף דעם קאַזאַנסקי פּלאַשטשאַד, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ טראַגישען סוף און, ענדליך, די אָדעסער דעמאָנסטראַציע אינ'ם טאָג, וואָס קאָוואַלעווסקי איז פאַראורטיילט געוואָרען, וועלכע איז געווען אַן אמת'ע שלאַכט מיט טויטע און פאַרוואונדעטע פוןביידע זייטען און מיט הונדערטע אַרעסטירטע אויפ'ן צווייטען טאָג. עס איז גאַנץ לייכט געווען צו פאַרשטעהן, אַז מיט אַזאַ וועג וועט מען ווייט ניט געהן. די כחות פון די רעוואָלוציאָנערען און פון דער רעגירונג זיינען אַזוי געווען ניט גלייך, אַז אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס האָבען נאָר געפיהרט צו אָפּפער. די בעסטע פון דער רוסישער יוגענד האָבען זיך פרייוויליג אויפגעאָפּפערט צום קייזערליכען מולך.

אין די גרויסע שטעדט אין רוסלאַנד קומט אַ רעוואָלוציאָן, אָדער אפילו אַן אויפשטאַנד, זעהר שווער אָן. אין אונזערע שטעדט איז קאָנצענטרירט גאָר אַ קליינער טייל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פונ'ם לאַנד; דריי פערטעל טייל פון די דאָזיגע שטעדט זיינען ניט מעהר ווי גרויסע דערפער, וועלכע שטעהען אָפּ אויף הונדערט ווייאָרסט איינער פונ'ם אַנדערן. שטעדט מיט פערציג־פופציג טויזענד איינוואוינער האָבען ניט מעהר ווי פיער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, ד. ה., אונגעפעהר פיער מיליאָן. פאַר דער רעגירונג אָבער, וועלכע האָט אין איהרע הענט די מיליטער־קרעפטען פונ'ם גאַנצען לאַנד, איז גאַנץ לייכט פון אַזעלכע 6־5 הויפּט־שטעדט, וואו עס איז נאָר מעגליך אַ גרויסע באַוועגונג, צו מאַכען מיליטער־לאַגערען; און אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן.

אָט די קאָמבינאַציע דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אויב מען וויל

פארשטעהן די אורזאכען פון דעם אלעם, וואס האט ווייטער פּאַסירט. מען האט זיך אפּגעלאָזט פון אלערליי דעמאָנסטראַציעס און פונ׳ם יאהר 1878 פארשווינדען זיי אינגאנצען.

שוין אויך אין משך פון דער דאָזיגער צייט איז געוואָרען א גרויסע ענדערונג אינ׳ם טיפּ פונ׳ם רעוואָלוציאָנער. ער איז שוין נים געווען דאס, וואס מיט פינף יאהר צוריק. ער האט נאך קיין צייט נים געהאט זיך ארויסצעווייזען מיט א העלדענטאט, וועלכע פּאַסט פאר אן אמת׳ען קעמפּער, אבער דענקענדיג שטענדיג אין אט דער ריכטונג, ווידערהאָלענדיג אלע מאָל דאסזעלבע, אז די קויל האט מעהר ווערט פון ווערטער, ארומטראָגענדיג זיך אימער מיט בלוטיגע געדאנקען, האט ער זיך געמוזט אונטערוואַרפען דעם איינפלוס פון זיינע אייגענע ווערטער און געדאנקען, ער האט געמוזט אליין אננעמען זייער פארב, זיך פארהארטעווען, זיך רעוואָלוציאָניזירען: אזוי איז שוין די אייגענשאַפט פונ׳ם מענשען, די רעגירונג פון איהר זייט האט געטאָן אלעס, וואס זי האט נאר געקענט, אום צו דערשנעלערן דעם דאָזיגען פּראָצעס. דורך איהרע טאטען איז די פארוואנדלונג פונ׳ם ערשט-געוועזענעם טרוימער אין א מענשען פון טאט גיכער צוגעגאנגען.

דער קלענסטער חשד איז געווען גענוג, אום איינעם צו אַרעסטירען; אן אדרעס, א בריעף פון א פריינד, וועלכער איז אוועק אין פּאָלק; אן ערקלערונג, וועלכע מען פלעגט ארויסמוטשען ביי א צוועלף יעהריגען אינגעל, וועלכער האט פון שרעק נים געוואוסט וואס צו ענטפערן, איז געווען גאנץ גענוג, אום מענשען אין אַסטראָג צו וואַרפען און דאָרט זיי מוטשען יאהרענלאַנג אין איינזאַמע קעמערלאַך. פאר דער אונטערזוכונגס-צייט פונ׳ם פּראָצעס פון די „193“, וועלכער האט זיך געצויגען פיער יאהר, האט די צאָהל פון זעלבסטמאָרדען, פאלען פון וואהנזין און טויט צווישען די פּאָליטישע דערגרייכט די ציפער 175 די אורטיילען פונ׳ם געריכט פון דער „אָסאָבאָיע פּריסוטסוויע“, וועלכע איז געווען א געהארזאַמעס ווערקצייג אין די הענט פון דער רעגירונג, זיינען געווען שרעקליך גרויזאם. מען האט פאר׳משפּט מענשען אויף צעהן,

צוועלף, פופצעהן יאָהר קאַטאָרגע, נאָר פאַר איינינע רעוואָלוציאָ־נערע געשפּרעכען מיט אַ הייפעלע אַרבייטער; פאַר אַ ביכעל, וואָס מען האָט פאַרגעלייענט אָדער געגעבען צו לייענען. פאַר דאָסזעלבע, וואָס אין יעדען מערב־אייראָפּעאישען לאַנד טוט מען גאַנץ פריי, פלעגט מען ביי אונז באַשטראָפען גלייך מיט מאָרד. פאַר דער רעגירונג זיינען נאָך געווען ווענינ די גרויזאַמקייטען, וועלכע זי פלעגט איינוויקלען אין אַ יורידישען מאַנטעל; זי האָט נאָך פאַרגרעסערט די צרות פון די פּאָליטישע דורך נידערטרעכטיגע געהיימע באַפעלען. ווי אונערטרעגליך זייער לאַגע איז געווען, קען מען זעהן פון דעם, אַז אין כאַרקאָווער צענטראַל־געפענגנים, אין אָט דעם „הויז פון שרעק", האָבען זיי געמאַכט עטליכע „בונטען" אויס־שליסליך מיט דעם צוועק צו פאַרגלייכען זייער לאַגע מיט די קרי־מינאַל־פאַרברעכער. פון צייט צו צייט, דורך מיטלען וואָס נאָר אַזעלכע אונגליקליכע זיינען פעהיג צו געפינען, פלעגען פון די דאָ־זיגע לעבעדיג־באַגראָבענע אָנקומען אויף דער ליכטיגער וועלט בריעף, אָנגעקריצט אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר; אין די בריעף פלע־גען זיי מיטטיילען די נידערטרעכטיגע און לעבערליכע גרויזאַמקיי־טען, וואָס זיי מוזען ליידען פון די געפענגנים־באַאַמטע, וועלכע ווילען זיך אויסצייכענען פאַר „נאַטשאַלסטוואָ". אָט די בריעף פלעגען אַרומגעהן פון האַנט צו האַנט; די נאַכריכטען פלעגען זיך איבערגעבען פון מויל צו מויל, און ביי אַלעמען אַרויסרופען רחמנות און שרעקליכע אונצופרידענהייט; אפילו אין די הער־צער פון די ווייכסטע מענשען פלעגען זיי אַריינבלאָזען געדאַנקען פון בלוט, האַס, נקמה.

2.

די ערשטע בלוט־טאַטען האָבען זיך אָנגעהויבען אַ יאָהר צוויי פאַר דעם ווירקליכען טעראָר. דערווייל זיינען עס געווען איינ־צעלנע פאַקטען, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין באַזונדערן פּאָלי־טישען ווערט; זיי האָבען אָבער קלאָר באַוויזען, אַז די גרויזאַמע מעשים פון דער רעגירונג האָבען שוין אָנגעהויבען צו טראָגען זייער

פרובט און אז די ערהאבענע ליעבע פון די סאציאליסטען פונ'ם פאריגען דור איז ביסלעכווייז פארוואנדעלט געווארען אין א בייזען האס. אזוי ווי די אטאקעס האבען אייגענטליך ארויסגעשטאמט פונ'ם געפיהל פון ראכע, זיינען זיי אין אנהויב געריכטעט געווא־רען אויף די דירעקטסטע גאהענטסטע שונאים — די שפיאנען, און אין פארשידענע טיילען פון רוסלאנד איז פון זיי דער'הרג'עט גע־ווארען א האלבער טוץ.

אהן צווייפעל האבען די ערשטע פארזוכען געדארפט פיהרען צו ווייטערע; וויבאלד שוין פארלירען צייט אויף הרג'ענען א שפיאן, פאר וואס זשע זאל מען לאזען אונבאשטראפט דעם זשאנ־דאר, וועלכער ערמוטיגט איהם אין זיין ניטערטרעכטיגער מסירה פאר ארעסטען, אדער ענדליך דעם שעף פון די זשאנדארען, וועל־כער פיהרט אלעס? און ווייטער, ווייטער הויבט מען שוין אן צו דענקען וועגען דעם קייזער אליין, דורך וועמעס מאכט אט די גאנצע באנדע ווירקט. די לאגיק פון די זאכען האט געמוזט צווינגען די רעוואלוציאנערען דורכצוגעהן די אלע טרעפלאך, איינע נאך די אנדערע, און זיי האבען זיי ניט געקענט אויסמיידען. איהר מעגט דעם רוס באשולדיגען אין אלע פעהלערען, נאר ניט אין דעם, אז ער האט ווייניג קוראזש צו זיין קאנזעקווענט ביז'ן סוף.

עס האט אבער געטראפען א זעהר וויכטיגער אומשטאנד, וועל־כער האט אזוי שטארק א רוק געטאן די באוועגונג, אז דער איבער־גאנג, וועלכער וואלט ביי אנדערע אומשטענדען געדויערט פיליכט יאהרען, איז אנגעקומען מיט א מאל.

דעם 25טען יאנואר 1878 האט אפגעקלונגען דער בארימטער שאס פון **וועראַ זאַסוליטש**. אין צוויי וואכען ארום איז זי געווען באפרייט פון די געשווארענע.

עס איז ניט נויטיג צו ריידען וועגען די איינצעלהייטען פונ'ם פאקט און וועגען דעם פראצעס; אויך ניט באשטעהן אויף זייער גרויסע באדייטונג. יעדער, ווער עס האט איבערגעלעבט יענע צייט געדענקט, אין וואס פאר א פיבערישען צושטאנד די גאנצע געזעלשאפט איז דאן געווען, דער גאנצער עולם, אהן אונטערשיד

פון עלטער, קלאַסען, פּאַרטייען. מען קען זיך שווער פאָרשטעלען, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין'ם הארצען פון די רעוואָלוציאָנערען.

זאַסוליטש איז גאָרניט געוועזען קיין טעראָריסטקע. זי איז געוועזען דער מלאך פון נקמה; אַ קרבן, וועלכער האָט זיך פרייוויליג אָפּגעגעבען צום מזבח, כדי אָפּצעוואַשען פון דער פּאַרטיי דעם שענדליכען פלעק פון טיפער באַליידיגונג. נאַטירליך, ווען יעדע נידערטרעכטיגע האַנדלונג זאָל דאַרפען וואַרטען אויף אַ „זאַסוליטש", וואָלט דער, וואָס האָט זי באַגאַנגען, זיך געמעגט זיכער שלאָפען און דערלעבען ביז גרויע האָר.

און דאָך האָט דער שאָס פונ'ם 24טען יאַנואַר 1878 געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין דער ענטוויקלונג פונ'ם טעראָריזם. ער האָט איהם באַלויכטען מיט דער זון פון זעלבסטאויפאָפּפערונג, און דורך איהם האָט די געזעלשאַפט סאַנקציאָנירט, גערעכטפאַרטיגט דעם טעראָריזם.

די באַפרייאונג פון זאַסוליטש איז געוועזען אַ טריאומ־פירענדער אורטייל אויף דעם גאַנצען סיסטעם, וואָס האָט געצוואונ־גען דאָס דאָזיגע מיידעל אויפצוהויבען אויפ'ן תליון די האַנט פון נקמה. די פּרעסע און די געזעלשאַפט האָבען איינשטימיג באַגריסט דעם אורטייל פון די געשוואָרענע.

ווי אַזוי אָבער האָט זיך די רעגירונג פאַרהאַלטען צו דער פאָלקסשטימע?

אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט פּערזענליך באַזוכט טרע־פּאָוו'ן, וועלכער איז געוועזען געבראַנדמאַרקט מיט דער אַלגע־מיינער פאַראַכטונג; נאָך מעהר, ער האָט איבערגעקערט די גאַנצע שטאָדט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, אום אויפצוזוכען די פריינגעשפּראָכענע זאַסוליטש און זי ווידער אַריינוואַרפען אין תפיסה.

נאָך אונפאַרשעמטער, נאָך פּרעכער אַרויסווייזען זיין פאַראַכ־טונג צו דער יוסטיץ און צו דער אַלגעמיינער מיינונג, איז געוועזען אונמעגליך.

די אונצופרידענהייט איז געוואַקסען. דער טעות איז געוועזען

גרויס; ער האָט ארויסגעגאָסען בוימעל אויפ'ן ברענענדען פייער פונ'ם באַליידיגטען געפיהל.

דאָ וואָלט אייגענטליך געפּאַסט צו געבען אַ איבערבליק איבער די ריין־ליבעראַלע באַוועגונג, וועלכע איז ענטשטאַנען, אין אָנפאַנג פון דער פאָריגער רעגירונג, צווישען די געבילדעטע קלאַסען פון דער רוסישער געזעלשאַפט. נאָר אַזוי ווי דערצעהלען עס אין אַ פּאָר ווערטער איז אונמעגליך, וויל איך נאָר באַמערקען, אַז די געשעהעניש וואָס האָט געגעבען דער דאָזיגער באַוועגונג אַ באַזונ־דערע קראַפט, איז געווען דער טערקישער קריעג, וועלכער האָט אויך, אַזוי ווי דער קרימער, אויפגעדעקט אַלע וואונדען פון אונזער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן און האָט אויפגעוועקט האָפנונגען אויף נייע רעפאָרמען, באַזונדערס נאָך דער קאָנסטיטוציע, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געגעבען בולגאַריען.

דער צוריקקעהר פונ'ם קייזער אין דער הויפטשטאָדט האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט דעם פּראָצעס פון זאַסוליטש.

די אילוזיעס, די פאַנטאַזיעס פון די ליבעראַלען האָבען זיך צושטרייט ווי רויך. דאַן ערשט האָבען זיי געווענדעט זייערע בליקען אויף דער איינציגער פּאַרטיי, די סאָציאַליסטישע, וועלכע האָט געקעמפט געגען דעם דעספּאָטיזם. אין יאָהר 1878 האָבען זיי גע־נומען זוכען מיטלען, ווי זיך צו פאַראייניגען מיט די רעוואָלוציאָ־נערען.

.3

די רעגירונג, ווי עס שיינט, האָט באַשלאָסען, שטאַרק אויפצו־רייצען ניט בלויז די ליבעראַלען, נאָר אויך די רעוואָלוציאָנערען. אוים דעם נידעריגען געפיהל פון ראַכע, האָט זי פאַרדאָפּעלט די גרויזאַמקייטען געגען די, וועלכע זיינען געווען אין איהר מאַכט. אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז ער האָט געענדערט דעם אורטייל פון זיין אייגענעם סענאַט, וועלכער האָט פריי־געשפּראָכען דעם גרעסטען טייל פון די אָנגעקלאָגטע אינ'ם פּראָצעס פון די „193“.

וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ רעגירונג, וואָס שפּאַט אַזוי פרעך איבער די געזעצען פון לאַנד; וועלכע שטיצט זיך ניט און וויל זיך ניט שטיצען ניט אויפ׳ן פאָלק, ניט אויף דער געזעלשאַפט, ניט אויף אַן איינצעלנעם קלאַס, ניט אפילו אויף די געזעצען, וועלכע זי אַליין האָט געמאַכט? וואָס שטעלט דען פאָר אַזאַ רעגירונג, אויב ניט די פאַרקערפּערונג פון ווילדער, רויהער קראַפט?

געגען אַזאַ רעגירונג איז אַלעס ערלויבט. זי קען שוין ניט דינען אַלס אויסדריקערין פונ׳ם מאַיאָריטעטס־ווילען, נאָר אַלס אָר־גאַניזירטע באַנדע, און פאַרדינט אויך דיזעלבע אַכטונג, ווי אַ שייקע רויבער, וואָס ליגען אויפ׳ן גרויסען וועג, שלאַגען, רויבען, שניידען, ביז וואַנען די קראַפט איז אויף זייער זייט.

ווי אַזוי ווערט מען אָבער פּטור פון אַט דער באַנדע, וועלכע האָט זיך באַהאַלטען אונטער אַ וואַלד פון ביקסען און קאַנאָנען? ווי אַזוי באַפרייט מען פון איהר דאָס לאַנד?

עס איז געווען אונמעגליך צו דענקען, אַפּצונעהמען די פּעס־טונגען פונ׳ם צאַריזם מיט אַנפאַל, אַזוי ווי עס איז געווען אין אַנדערע גליקליכערע לענדער. מען האָט געדאַרפט אַרומגעהן דעם שונא פון הינטען, דערנאָך כאַפּען זיך מיט איהם פּנים־אל־פּנים אין אַזאַ פּאָזיציע, וואו אַלע זיינע פאָלקען זאָלען איהם ניט קענען העלפען.

אַט אַזוי איז ענטשטאַנען דער טעראָריזם.

געבאָרען פון האַס, אויפגעהאָדעוועט אויף דער ליעבע צום אייגענעם לאַנד און אויף דער זיכערקייט צום נאָהנטען זיעג, איז ער אויסגעוואַקסען און פעסט געוואָרען אין דער עלעקטרישער אַטמאָספערע, אין דער אַנשטעקענדער לופט פון ענטוזיאַזם, וועל־כען די העלדישע טאַט האָט אַרויסגערופען.

דעם 16טען אויגוסט 1878, ד. ה., פינף מאָנאַט נאָך זאַסוליטש׳ס באַפרייאונג, איז דורך זיין האַנט געפאַלען דער גענעראַל מעזענ־צעוו, שעף פון די זשאַנדאַרען און דער קאָפּ פון דער גאַנצער באַנדע. מיט דעם פאַקט האָט דער טעראָריזם אָפען אַרויסגערופען די זעלבסטהערשאַפט צום צוויי־קאַמף. פון יענעם טאָג אָן איז ער

אהן אויפהער געגאנגען מיט ריעזען־טריט פארווערטס. ער איז געווארען אלץ שטארקער און שטארקער און האט זיך ערווארבען א בארדען, ביז ער האט ענדליך דערגרייכט זיין העכסטען פונקט, אינ׳ם שרעקליכען צוויי־קאמף מיט א מענשען, וועלכער איז געוועזן דער דעספאטיזם אליין.

איך וויל דא ניט דערצעהלען די העלדענטאטען פונ׳ם טערא־ריזם; זיי זיינען שוין מיט פייערדיגע בוכשטאבען איינגעקריצט אין די בלעטלאך פון דער געשיכטע. דריי מאל זיינען זיך די געגנער צוזאמענגעקומען פנים־אל־פנים; דריי מאל האט דאס מזל געשפילט דעם טיראן; דריי מאל איז דער טעראריסט גע־ווארען באזיעגט. נאך יעדען שלאג אבער פלעגט ער זיך ווייטער אויפהויבען, גרויזאמער און מעכטיגער ווי פריהער. נאך ס א ־ לאוויאוו׳ס אטענטאט קומט הארטמאנ׳ס; נאך דעם דאזיגען די שרעקליכע עקספלאזיאן אינ׳ם ווינטער־פאלאץ, וועלכע האט איבערטראפען אלעס, וואס די פארשטעלונג האט נאר געקענט אויסקלערען. ענדליך איז אנגעקומען דער ערשטער מערץ. די שונאים האבען זיך ווייטער געטראפען, און דאס מאל איז דער אלמעכטיגער קייזער שטארבענד געפאלען צו די פיס פון זיין געגנער.

דער טעראריסט האט ענדליך געזיעגט אין דעם דאזיגען צוויי־קאמף, וועלכער האט געקאסט אזוי פיעל קרבנות.

* * *

צווישען דער גאנצער קיניג־בויגענדער מאסע האט בלויז ער אליין הויך־געהאלטען זיין שטאלצען קאפ, וועלכער איז געוועזן פול מיט וואונדען, וועלכער האט זיך אבער קיינמאל ניט איינגעבויגען פאר׳ן פיינד.

ער איז שעהן, גרויזאם, באצויבערנד; ער פאראייניגט אין זיך דיביידע העכסטע טיפען פון דער מענשליכער גרויסקייט: פון א מארטירער און פון א העלד.

ער איז א מארטירער. פונ׳ם מאמענט אן, ווען ער האט אין דער טיפעניש פון זיין זעעלע געשווארען צו באפרייען זיין לאנד,

וויסט ער, אַז ער האָט זיך איבערגעגעבען דעם טויט. ער האָט איהם שטענדיג פאַר די אויגען אויף זיין שטורמישען וועג. אונ־ערשראָקען געהט ער איהם אַנטקעגען, ווען עס איז נויטיג, און ער קען שטאַרבען, אָהן זיך אַ קרים צו געבען; אָבער שוין ניט ווי דער קריסט פון דער אַלטער וועלט, נאָר ווי אַ קריגער, וועלכער איז געוואוינט צו קוקען דעם טויט גלייך אין די אויגען; דאָס איז אַ קעמפער, אין גאַנצען פון מוסקלען און אָדערען, וועלכער עראינערט מיט גאָרניט דעם אידעאַליסט פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע. ער איז אַ רייפער מאַן, און זיינע יוגענד־חלומות, וועלכע האָבען ניט געקענט מקוים ווערען, זיינען פאַרשוואונדען מיט די יאָהרען. אַלס טיעף־איבערצייגטער סאָציאַליסט, וויסט ער פונדעסטוועגען, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן פאָדערט אַ לאַנגע צוגרייטונגס־אַרבייט, וועלכע קען ניט געפיהרט ווערען אין אַ לאַנד פון קנעכטשאַפט. דערפאַר גיט ער נאָך דער נויטווענדיגקייט און באַשרענקט דער־ווייל זיינע פאָדערונגען, כדי שפּעטער, ווען די צייט וועט קומען, זיי צו פאַרגרעסערען. דערווייל האָט ער נאָר איין צוועק: פאַר־ניכטען דעם פאַרהאַסטען דעספּאָטיזם; געבען זיין לאַנד דאָס, וואָס אַלע ציוויליזירטע פעלקער פון דער וועלט האָבען שוין — די פּאָליטישע פרייהייט; געבען איהם די מעגליכקייט זיך צו רוקען ווייטער אויפ׳ן וועג צו דער פאָלקאָמענער באַפרייאונג. יענע קראַפט, יענע ווילדע ענערגיע, יענעם גייסט פון זעלבסטאויפאָפּ־פערונג, וועלכע זיין פאַרגענגער האָט געשעפּט אין דער שעהנקייט פון זיין אידעאַל, געפינט ער איצט אין דער גרויסקייט פון זיין אויפגאַבע, אין די מעכטיגע ליידענשאַפטען, וועלכע אָט דער אונ־ערהערבאַרער, באַרוישענדער קאַמף הויבט אויף אין זיין ברוסט.

וואָס פאַר אַ מערקווירדיג בילד! האָט מען ווען עס איז אַזוינס געזעהן? איינזאַם, אָהן מיטלען, האָט ער גענומען אויף זיך די פאַרטיידיגונג פונ׳ם באַליידיגטען, ערנידעריגטען פאָלק. ער האָט אַרויסגערופען צום טויט־קאַמף דעם מעכטיגסטען קייזער אין דער וועלט, און יאָהרענלאַנג האָט ער אויסגעהאַלטען דעם

אַנפאַל פון אַלע זיינע גרויסע קרעפטען. שטאָלץ, ווי דער שטן, וואָס האָט מורד געווען אין זיין גאָט, האָט ער זיין אייגענעם ווי־לען געשטעלט געגען דעם ווילען פון אַ מענשען, וועלכער האָט, איינער צווישען אַ פאָלק פון קנעכט, זיך גענומען דאָס רעכט צו באַשליסען אַלעם פאַר אַלעמען. וואָס פאַר אַן אונטערשיד איז אָבער צווישען דעם ערדישען גאָט און משה'ס ביבלישען גאָט! ווי קראַמפפהאַפט ציהט ער זיך צוזאַמען אונטער די שטאַרקע שלעג פונ'ם טעראָריסט! ווי ער באַהאַלט זיך, ווי ער ציטערט! אמת, ער האַלט זיך נאָך, אָבער די בליצען, וועלכע זיין ציטערענדע האַנט וואַרפט, זיינען שוין ניט אימשטאַנד איהם צו באַשיצען. זיי טרע־פען טאַקע אַמאָל און הרג'ענען אויף טויט, אָבער וואָס מאַכט עס אויס? מענשען געהען פאַרלאָרען, די אידעע אָבער איז אונ־שטערבליך.

און אַט דער אַלעס־פאַרשלינגענדער קאַמף, אַט די גרויסקייט פון דער אויפגאַבע, די זיכערקייט אינ'ם ענדליכען זיעג, גיבען איהם יענעם קאַלטען ענטוזיאַזם, יענע כמעט אונמענשליכע ענערגיע, וועלכע ערשטוינען די גאַנצע וועלט. אויב ער איז געבאָרען גע־וואָרען אַ טאַפּפערער, וועט ער אין דעם קאַמף ווערען אַ העלד; אויב איהם האָט ניט געפעהלט קיין ענערגיע, וועט ער דאָ ווערען אַ גבור; אויב זיין כאַראַקטער איז געווען אַ האַרטער, וועט ער דאָ ווערען אַן אייזערנער.

* * *

דאָס איז אַ מענש פון שטאַרקער, פולער אינדיווידואַליטעט. ער האָט ניט און זוכט ניט דעם ריח ניחוח, דעם פיינעם גערוך פון דער מאָראַלישער שעהנקייט, וועלכע האָט פונ'ם פּראָפּאַגאַנדיסט געמאַכט אַ מין וועזען, ווי ניט פון דער וועלט. ער קוקט ניט אַריין טיעף אין זיך; זיין בליק איז אַנגעשטעלט אויפ'ן שונא, וועלכען ער האַסט מיט אַלע פּעדים פון זיין זעעלע. ער קעמפּפט ניט נור פאַר דאָס אונטערדריקטע פאָלק, ניט נור פאַר די געזעלשאַפט, וועלכע ווערט פאַרשטיקט אין דער לופט פון קנעכטשאַפט, נאָר ער קעמפּפט אויך פאַר זיך אַליין, פאַר אַלע די, וואָס זיינען איהם

ליעב און טייער; פאַר די פריינד, וועלכע מוטשען זיך אין די קאַזעמאַטען פון די צענטראַל־געפענגניסען, און וועלכע שטרעקען פון דאָרט אויס צו איהם זייערע שוואכע, אויסגעמוטשעטע הענט. ער קעמפּט פאַר זיך אליין; ער האָט געשוואָרען צו זיין פריי, און ער וועט פריי זיין. וואָס עס זאָל ניט געשעהן, ער בויגט ניט זיינע קניע פאַר קיין אַפּגאָט. ער האָט געווידמעט זיינע שטאַרקע הענט דער זאַך פונ׳ם פאָלק, אָבער ער פאַרגעטערט עס שוין מעהר נים. און ווען דאָס פאָלק זאָל אין זיין פאַרפיהרטקייט איהם זאָגען: „זיי אַ קנעכט!“ וואָלט ער מיט עקעל אויסגעשריען: „קיינמאָל ניט!“ ער וועט זיך אָוועקגעהן מיט זיין אייגענעם וועג, פאַראַכטענדיג די בייזקייט און די קללות פונ׳ם פאָלק, אין פולער זיכער־קייט, אַז אויף זיין קבר וועלען מענשען פאַרשטעהן, ווי איהם צו שעצען נאָך זיין פאַרדינסט נאָך.

ביאגראפיען

נאכדעם ווי איך האב אין קורצען דערצעהלט די געשיכטע פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג פאר די צעהן יאהר, פון 1871 ביז 1881, וויל איך איצט פרואווען אריינפיהרען דעם לעזער אין דאס אינערליכע לעבען פונ'ם אונטערערדישען רוסלאנד. איך וויל איהם באקאנט מאכען כאטש מיט עטליכע פון יענע מעכטיגע מענער, וועלכע האבען אזוי פיעל געמאכט ציטערן דעם, פאר וועמען אלעס האט געציטערט.

איך וועל זיך באמיהען זיי צו ווייזען אזוי, ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט, ניט פארגרעסערען, אבער אויך ניט פארקלענערען זייערע מעלות. נאטירליך, אום צו מאלען אזעלכע פיגורען, ווי סאפיא פעראווסקאיא, וויערא זאסוליטש, דמיטרי ליזאגוב, איז מיין פעדער צו שוואך. איך זאג עס ניט אויס באשיידענהייט, נאר אויס דעם געפיהל פון אונבאגרענעצטער באוואונדערונג און ענטציקונג, וואס די דאזיגע מענער פליסען אין מיר איין, און וואס זיי וואלטען איינגעפליסט אין יעדען איינעם, ווער עס וואלט זיי געקענט אזוי ווי איך.

וואס איז שייך דעם אויסוואהל פון פאקטען און דאס גרופירען פון פערזאנען, האב איך נאר אין זינען געהאט בעסער צו ערקלערען דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון דער באוועגונג. דערפאר האב איך געגעבען מיין ערצעהלונג א פארם — פיליכט אביסעל א לייכטזיניגע — פון פערזענליכע עראינערונגען, ווייל זי איז זעהר גינסטיג אין אן אנדער הינזיכט אויך. דערביי דערמאנט מען זיך אין איניגע איינצעלהייטען און קלייניגקייטען, וועלכע זיינען אפשר יעדע באזונדער ניט אזוי וויכטיג; אין איינעם אבער שטעלען זיי ריכטיג פאר די אייגענטימליכקייטען פונ'ם לעבען פונ'ם רעוואלוציאנערען רוסלאנד.

יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש.

.1

צווישען די בעאַמטע פון טשיגרינער אויעזד (קיעווער גובערניע) איז אין זומער פון 1877 געווען אַז אונגעוועהנליכער גערודער, אַ גאַנצע איבערקעהרעניש.

די זשאַנדאַרען זיינען געפלויגען אַהין און צוריק, ווי משוגעים, ווי פאַר'סמ'טע מייז. די סטאַנאָוואָיעס און דער איספּראַווניק זיינען שוין געפאַלען פון די פיס; זיי האָבען ניט געהאַט קיין רוה ניט ביי טאָג און ניט ביינאַכט. דער גובערנאַטאָר אַליין האָט באַזוכט דעם אויעזד.

וואָס איז אַזוינס געשעהן?

אָט וואָס עס איז געשעהן: די גלחים האָבען אָנגעהויבען אויסזאָגען אַלעס, וואָס די פּויערען זיינען זיך מתודה פאַר זיי, זיינען איינפאַך געוואָרען מוסרים, און דורך זיי האָט די פּאָליציי דערשמעקט, אַז צווישען די פּויערען געהט אַן אַ שרעקליכע פאַרשווערונג, און אַז אַן דער שפּיץ פון דער פאַרשווערונג שטעהען די „ניהיליסטען", הפקר־מענשען, וועלכע זיינען פעהיג אויף אַלעס.

דאָך איז אונמעגליך געווען צו ערפאַהרען די איינצעלהייטען פון דער פאַרשווערונג, וואָרים ווען די פּויערען האָבען זיך דערוואוסט, אַז די גלחים גיבען אויס, האָבען זיי אויפגעהערט צו געהן זיך מתודה זיין. די רעגירונג האָט אָבער ניט געטאָרט פאַרלירען קיין צייט: די פאַרשווערונג איז געוואַקסען פון שעה צו שעה. אַ סך אונרוהיגע צייכענס האָבען אָנגעוויזען אויף דעם. אַזוי, צום ביישפּיעל, האָבען די פּויערען, אוים מורא, אַז שכור'ערהייט זאָלען זיי עפּעס ניט אויספּלוידערען, אויפגעהערט צו טרינקען, און אין יענע דערפער, וואו זיי זיינען געווען די מעהרהייט, האָט מען באַ־

שלאָסען צוצומאַכען די שענקען. דאָס איז געווען אַ גוטער סימן, אַז די באַוועגונג וואַקסט. ווי אַזוי אָבער קומט מען צום סוף, אום אָפּצוהאַלטען די ווייטערע פאַרשפּרייטונג? מען האָט געמאַכט אָביסקעס, מען האָט הונדערטער אַרעסטירט. עס האָט אָבער גאָר־ניט געהאָלפען. אַלעס איז געווען אומזיסט.

פון די פּויערען האָט מען ניט געקענט אַרויסקריגען קיין זילבע; אפילו דורך שמייסען אַזי ניט געלונגען אַרויסצוציהען פון זיי אַ וואָרט. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז עס ווערט אונבאַדינגט זיין אַ שטאַר־קער, אָרגאַניזירטער אויפשטאַנד. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ סלוך, אַז די פאַרשווערער, אַזוי ווי די פאַריזער סאַנקילאָטען *), האָבען זיך אין געהיים פאַרזאָרגט מיט פּיקעס, העק און מעסערס. דער איספּראַווניק האָט אָוועקגעשיקט אויפ'ן יאַריד זיינע מענשען, ד. ה. שפּיאָנען, אַלס אייזענהענדלער, האָפענדיג, אַז אויף אַזאַ אופן וועט ער זיין אימשטאַנד נאָכצושפּירען ווער עס קויפט געוועהר. די פאַר־שווערער האָבען עס אָבער פאַרשטאַנען, און קיינער פון זיי האָט זיך ניט געלאָזט כאַפּען אין נעץ.

די פּאָליציי איז געווען אין פאַרצווייפלונג און האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. מיט אַמאָל, אין אַ שעהנעם אָבענד, שוין שפּעטליך, קומט צום איספּראַווניק אַ שענקער, מיט'ן נאָמען ק אָ־נ אַ ג ר אַ י, און דערצעהלט איהם, אַז צו איהם איז געקומען אַ פּויער, אַ געוויסער פּ ר י כ אָ ד ק אָ, מיעד און הונגעריג, אַז ער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען, האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ גוט גלעזעל בראַנפען, פון וועלכען ער איז אַ ביסעל באַרוישט געוואָ־רען, און דאַן האָט ער אָנגעהויבען שרייען, אַז באַלד וועט אַלעס „אַנדערש" ווערען, אַז ער האָט שוין „געשוואָרען", אַז ער האָט אַליין דאָס „פּאַפּיר" געזעהן. נאַטירליך, איז ער געווען איינער פון די קאָנספּיראַטאָרס, און קאָנאַגראַי'ען איז איינגעפאַלען דורך

---

*) „סאַנקילאָט" הייסט אין פראַנצויזיש איינער, וואָס האָט אפילו קיין הויזען ניט. מיט דעם נאָמען האָט דער העכערער קלאַס באַצייכענט געוויסע רעוואָלוציאָנערען אין פראַנקרייך אין יאָהר 1789.

איהם אויך אַריינצוטרעטען. אזוי אָבער ווי מען האָט פאַרלאַנגט אַ שבועה דערצו, איז ער געקומען צום איספּראַווניק נעהמען אויף דעם ערלויבניש. דער איספּראַווניק איז געוואָרען אויסער זיך פאַר פרייד. ער האָט איהם געבענשט מיט ביידע הענט, האָט איהם ניט נור ערלויבט צו שווערען, נאָר ער האָט איהם נאָך צוגעזאָגט געלט און לאַנד.

קאַנאַגראַי האָט באַלד אויפגעזוכט פּריכאַדקאַ'ן, האָט זיך צורעדט, זיך פאַרשטעלט, אַזוי ווי ער פיהלט מיט, ביז מען האָט איהם ענדליך דערלאָזט צו דער שבועה. דערנאָך האָט איהם פּריכאַדקא באַוויזען דאָס „פּאַפּיר", וואָס איז אייגענטליך געווען די סטאַטוטען פון דעם געהיימען בונט. ווען קאַנאַגראַי האָט עס דורכגעלייענט האָט ער זיך געווענדט צו פּריכאַדקאַ'ן גלייך, אָהן שום חכמות: „הער נאָר אויס", האָט ער איהם געזאָגט, „איך זעה, אַז דו ווייסט אַלעס. וועהל אויס: אָדער לאָמיר ביידע געהן צום איספּראַווניק מיט די פּאַפּירען, און דאַן וועט מען דיר מוחל זיין און מען וועט דיר נאָך געבען געלט, וויפיעל דו וועסט וועלען, אָדער דו וועסט ליגען אין דר'ערד; די פּאַפּירען זיינען דאָך ניט שווער, איך קען זיי אַליין אויך אַוועקטראָגען."

אויף אַזאַ אופן איז ער געבליבען שטעהן צווישען צוויי פייערען; און אַנשטאַט צו הרג'ענען קאַנאַגראַי'ען, איז דער אונגליקליכער געוואָרען אַ פאַררעטער. כאָטש ער אַליין האָט אויך ניט פיעל געוואוסט, אָבער דאָס ביסעל איז געווען גענוג, אום אויך דאָס איבעריגע צו ערפאַהרען. גאָר אין אַ קורצער צייט האָט שוין די פּאָליציי געהאַט אין איהר האַנט אַלע פעדים פון דער פאַרשווערונג און האָט געוואוסט אַלע נעמען פון די פאַרשווערער. און דאָס איז ניט געווען קיין שפּילכעל. די צאָהל פון די איינגעשוואָרענע איז געווען ביז דריי טויזענד, און אַזוי ווי דער בונט איז געווען אָרגאַניזירט מיליטעריש, זיינען אייניגע גובערניעס געווען פאַרוויקעלט אין דעם. דעם סיגנאַל צום אויפשטאַנד האָט מען געדאַרפט געבען אין איינעם פון די קומענדע ימים טובים.

די גאַנצע מערקווירדיגע אָרגאַניזאַציע איז באַשאַפען געוואָ־

רען אין אַכט מאָנאַט צייט און איין מענש האָט זי באַשאַפען. דאָס איז געווען יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש.

ער האָט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן, וועלכער ברייננט יעדען איינעם צום ערשטוינען, דורכדעם וואָס אין איהם איז פאַראייניגט דרייסטקייט מיט אונפאַרשעמטקייט, גרויסקייט און פּראַקטישער פאַרשטאַנד מיט פולער פּרינציפּענלאָזיגקייט. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם: אויפהויבען דאָס פאָלק געגען די גאַנצע עקזיס־טירענדע אָרדנונג און אויך געגען צאַר אַליין — אין נאָמען פון׳ם זעלבער צאַר. סטעפּאַנאָוויטש האָט פאַרפאַסט און זיך אַליין אי־בערגעגעבען אַ געהיימען קייזערליכען מאַניפעסט, וועלכער רופט דאָס פאָלק צום אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, ווייל דער קייזער אַליין איז מאַכטלאָז און אונטערוואָרפען דעם אַדעל און די טשינאָווניקעס. דאָס איז געווען די אַלטע „סאַמאָזוואַנשטשינאַ" *), אָנגעקליידט אין אַ נייער פאָרם. אַזאַ נעוויסענלאָזע אויסנוצונג פון צוטרוי און דערזעלבער צייט אַזאַ מעכטיג ווערקזייג אויפצוהעצען די מוחות פון דער רוסישער פויערענמאַסע, האָט קיין גנבה׳שער קאָפּ פון דער „ראַזין׳ער" **) אָדער „פּוגאַטשאָוו׳ער" ***) באַנדע ניט אויסגעקלערט.

*) אין די צייטען פון באָריס גאָדונאָוו און פון יעקאַטערינאַ זיינען אין רוסלאַנד געווען „סאַמאָזוואַנצי", מענשען, וועלכע האָבען זיך אויסגעגעבען פאַר צאַרען; זיי פלעגען זאָגען, אַז ניט די רעגירער, נאָר זיי זיינען אייגענטליך די געזעצליכע קיסרים. „סאַמאָזוואַנשטשינאַ" הייסט די האַנדלונג דערפון, דאָס אויסגעבען זיך ניט פאַר דעם, וועך מען איז אין דער אמת׳ען.

**) ראַזין איז געווען אַ פּראָסטער רוסישער אַרבייטער, וועל־כער האָט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן אָנצופאַלען אויף מאָסקווע; ער האָט אויפגעהעצט אַ מאַסע רוסען דערצו. עס איז איהם אָבער ניט געלונגען. נאָך ביז יעצט איז זיין נאָמען געאַכטעט און געשעצט ביי דער מאַסע, וועלכע זיצט ביי דעם טייך וואָלגאַ.

***) אין דער צייט פון דער קייזערין יעקאַטערינאַ, אין סוף פון

דעם פּרינציפּ פון סטעפּאַנאָוויטש'עס פּלאַן — אָפּנאַרען דאָס פאָלק, עס מעג זיך זיין אפילו וועגען זיין טובה, און אונטערשטי־צען די נידערטרעכטיגע קייזערליכע לעגענדע, עס מעג זיך אפילו זיין מיט אַ רעוואָלוציאָנערען ציעל — האָט די פּאַרטיי גאָר אָהן פיעל טענות אָפּגעשטופּט, און ער האָט ניט געהאַט קיין איינציגען נאָכאַהמער. די ענערגיע האָט אָבער אַ באַצויבערונג, באַזונדערס פאַר רוסען, וועלכע האָבען זעהר ווייניג ענערגישע מענשען. אויסער־דעם האָט סטעפּאַנאָוויטש'עס פּלאַן געהאַט נאָך אַ פאָרצוג, וועלכער האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט די מאָנאַרכיסטישע פאָראורטיילען: דאָס איז געווען דער ערשטער און דערווייל דער איינציגער פאַרזוך צו שאַפען אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע אויפ'ן באָדען ניט פון אַלגע־מיינע טעאָריעס, נאָר פון לאָקאַלע באַשטרעבונגען, ווי עס איז דאָ געווען אין טשיגירינער אויעזד דער קאַמף פון די „אָבשטשיניקעס", וועלכע האַלטען דאָס לאַנד אין אַלגעמיינעם באַזיץ, געגען די אינ־דיווידואַליסטען, וועלכע האָבען געוואָלט צוטיילען דאָס לאַנד יע־דען באַזונדער. יעדענפאַלס איז דאָס געווען אַ צייט, ווען סטעפּאַ־נאָוויטש איז געווען כמעט דער פּאָפּולערסטער מענש אין דער פּאַרטיי. זיין רעדע פאַר'ן געריכט איז געווען עטוואָס אונערוואַר־טעטעס פאַר זיינע פריינד און אויך פאַר פרעמדע. די ליידענ־שאַפט צו געהן מיט אומוועגען האָט מיט איהם זעהר אַ בייזע שפּיעל געשפּילט. די מוזשיקעס האָט ער גענאַרט צוליעב דער רעוואָלוציאָן, און אַזוי האָט ער געוואָלט אָפּנאַרען די רעגירונג צוליעב דער פריי־

יאָהר 1773 און אין אָנפאַנג פון 1774, האָט אַ קאָזאַק פונ'ם דאָן — יעמעליאַן פּוגאַטשאָוו — אָנגעמאַכט אַ גרויסען רעש אין רוסלאַנד. ער האָט זיך אויסגעגעבען פאַר פּעטער דעם דריטען, האָט געריזט איבער רוסלאַנד, זיך ערוואָרבען אַ סך אָנהענגער, און איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט מיט זיין חיל איינגענומען פיעלע פעסטונגען. ענדליך אָבער איז ער אַריינגעפאַלען צו דער רעגירונג אין די הענט. איהם האָט מען אַראָפּגענומען דעם קאָפּ און אַלעם איז צו גרונד געגאַנגען.

הייט, אַנטוענדיג אויף זיך אַ מאַסקע פון מאָנאַרכיזם. דאָ אַבער איז ער אַריינגעפאַלען, די רעגירונג האָט זיך פון איהם אויסגעלאַכט; און דאָס לעצטע איז פאַר איהם געווען ביטערער, איידער דאָס ערשטע.

אין דער צייט, פון וועלכער מיר ריידען, איז סטעפּאַנאָוויטש געווען אויפ'ן העכסטען פונקט פון זיין באַרימטקייט. זיין טשיגירינער אונטערנעמונג איז ניט געלונגען. די רעגירונג האָט געהאַט אין איהרע הענט אַלע דאָקומענטען, האָט אַרעסטירט מעהר פון טויזענד מענשען און אויך כמעט אַלע אָנפיהרער. זעהר ווייניגע איז עס געלונגען זיך צו ראַטעווען. גאָר אין גיכען איז סטעפּאַנאָוויטש אויך אַרעסטירט געוואָרען אין דער צייט, ווען ער איז געגאַנגען מיט זיין פריינד ליעוו דייטש, זיך זעהן מיט איינינע גאַנץ־געבליבענע אַנטיילנעמער אין דער פאַרשווערונג. איוואַן באָכאַנאָווסקי, וועלכער האָט געדרוקט אַלע דאָקומענטען און פּראָקלאַמאַציעס פון דער פאַרשווערונג, איז אַרעסטירט געוואָרען מיט עטליכע טעג פריהער. אַלע אַרעסטירטע האָט מען אַריינגעוואָרפען אין קיעווער טורמע, וואו מען האָט פון זיי קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט און מען האָט זיי געהאַלטען אין דער גרעסטער שטרענגקייט. דעם פּראָצעס האָט מען ערוואַרט זומער 1878, און ביי קיינעם איז קיין ספק ניט געווען, אַז די הויפּטשולדיגע וועלען פאַראורטיילט ווערען צום טויט.

.2

איך האָב יענעם זומער פאַרבראַכט אין פּעטערבורג. זעהר אָפט פלעגט מיר דאָ אויסקומען צו זיין ביי אַלעקסאַנדראַ מאַלינאָווסקאַיאַ *), אַ טאַלאַנטפולע קינסטלערין. זי איז געווען איינע פון די איבערגעבענסטע מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי. אייגענטליך האָב איך מיט איהר קיין געשעפטס־פאַרהעלטניסען ניט געהאַט, וואָרים הגם זי האָט געטאָן וויכטיגע אַרבייט פאַר

*) אַרעסטירט ווינטער 1879; געשטאָרבען אין קאַזאַנער דולהויז.

דער ארגאניזאציע, האט זי אבער ניט געארבייט אין יענער גרופע, צו וועלכער איך האב געהערט. נאר קיינער האט ניט געקענט בליי־בען גלייכגילטיג געגענאיבער דעם צויבער פון דער דאזיגער ארטיס־טישער, עלעגאנטער נאטור און איהרע אנציהענדע געשפרעכען, פול וויץ און גלאנץ. און איך בין געוועזן ניט דער איינציגער פון „נאש בראט" — אונלעגאלע, וועלכער האט זיך ערלויבט די קליינע פארלעצונג פון די קאנספיראטיווע רעגעלען.

אלזא, איך בין אפט געוועזן ביי איהר. איינמאל ביז איך געקומען פריהער ווי געוועהנליך און האב די בעל־הבית'טע ניט געטראפען; איך האב באשלאסען צו ווארטען, ביז זי וועט קומען. אין עטליכע מינוטען ארום איז אין צימער אריינגעקומען מ א ש א ק א ל י ע נ ק י נ א, א פריינדין פון די קיעווער „בונטארעס" און פון מאלינאווסקאיא.

מיר האבען זיך פונאנדערגערעדט. א האלבע שעה איז דורכ־געגאנגען אונבאמערקט. פלוצלונג — א קלונג מיט'ן טיר־גלעקעל. מאלינאווסקאיא האט עס ניט געקענט זיין, איהר קלינגען האב איך געקענט; עס האט אויך ניט געקענט זיין איינער פון „אונזע־זערע", ווארים „אונזערע" קלינגען ניט אזוי. דאס איז געוועזן א קלינגען פון א מאכטהאבענדען מענשען. עס האט זיך אויסגע־לאזט, אז עס איז געוועזן דער טעלעגראמען־טרעגער, וועלכער האט געבראכט א טעלעגראמע, אדרעסירט צו מאלינאווסקאיא. קאליענ־קינא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט אליין אויפגע־עפענט די טעלעגראמע; מיך האט עס ניט געוואונדערט, ווייל איך האב געוואוסט, ווי באפריינדעט זיי זיינען. ווי ערשטוינט בין איך אבער געווארען, ווען איך האב דערזעהן, ווי די געוועהנליך איינגעהאלטענע מאשא, האבענדיג דורכגעקוקט די טעלעגראמע, איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען פון איהר פלאץ, האט אנגעהויבען פאטשען מיט די הענט, שפרינגען און מאכען משוגע'נע העויות פון ווילדער שמחה.

— וואס איז, וואס איז געשעהן? — האב איך זי פארוואונדערט געפרעגט.

— נאט, נאט, זעהט! — האט זי אויסגעשריען, מיר געבענדיג די טעלעגראמע.

איך האב זי דורכגעלייענט; דער אדרעס, דאן איז גאנצען דריי ווערטער: „ראדילסיא מאלטשיק, ראדויטעס״ (א אינגעל איז געבארען געווארען, פרעהט זיך); דאן די אונטערשריפט און מעהר גארנים.

— וואס זשע איז די שמחה אויף אייך אזוי גרויס? — האב איך זי געפרעגט. — האט איהר דען אזוי ליעב אינגלאך?

— וואס מיר אינגעל! — האט מאשא אויסגעשריען, מאכענדיג מיט די הענט. — זיי זיינען אנטלאפען פון אסטראג!

— ווער זיי? וואו? ווי אזוי?

— סטעפאנאוויטש, דייטש און באכאנאווסקי פון קיעוו.

— אלע דריי?

— אלע, אלע!

דא האב איך מיר שוין אויך ניט געקענט איינהאלטען אויפ׳ן פלאץ.

אין איינינע טעג ארום איז אנגעקומען א בריעף, אז סטעפאנא־וויטש און דייטש וועלען באלד זיין אין פעטערבורג.

איך האב זיי ערווארטעט מיט שרעקליכער אונגעדולד, באזונ־דערס סטעפאנאוויטש׳ן, מיט וועלכען איך האב מיט עטליכע יאהר פריהער געהאט געשעפטס־פארהעלטניסען.

איך האב געבעטען דעם פריינד, וועלכער האט איהם באדארפט באגעגענען אויפ׳ן וואקזאל, אז ער זאל איהם ברענגען צו מיר, אויב עס איז מעגליך, באלד ווי ער וועט אנקומען.

איך האב דאן געוואוינט אויף א פאספארט פון א הויכשטע־הענדער פערזאן, האב געהאט א צימער מיט א באזונדער אריינ־גאנג, און ביים דווארניק און ביי דער בעל־הבית׳טע בין איך גע־ווען גאר ריין.

אינ׳ם באשטימטען טאג בין איך געזעסען אין דער היים, ערווארטענדיג סטעפאנאוויטש׳ן, וועלכער האט געדארפט אנקומען 10 אזייגער ביינאכט. איך האב אבער געוואוסט, אז איידער ער

וועט קומען צו מיר, וועט ער זיך מוזען ערגעץ איבערטאָן און „זיך אָפּרייניגען”, ד. ה., פּטור ווערען פון שפּיאָנען, אין פאַל זיי וועלען איהם נאָכשפּירען פונ׳ם וואָקזאַל. אַזוי האָב איך אויסגערעכענט, אַז פאַר האַלבע נאַכט וועט ער קוים קענען זיין ביי מיר. אָבער פון 11 אַזייגער אָן בין איך שוין געווען זעהר אונגעדולדיג און האָב יעדע מינוט געקוקט אויפ׳ן זייגער. די צייט האָט זיך געצויגען שרעקליך לאַנגזאַם. דאָס הויז, וואו איך האָב געוואוינט, איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ לאַנגע, זעהר לאַנגע גאַס, און דורך דער דאָזיגער גאַס האָבען מיינע געסט געדאַרפט אָנקומען צו מיר. איך בין אַרויסגעגאַנגען זעהן, צי זיי געהען שוין.

עס איז געווען איינע פון יענע באַצויבערנדע נעכט, וועלכע געהערען צו דער צאָהל פון די גרעסטע שעהנקייטען פון אונזער הויפּטשטאָדט. די אָבענד־און מאָרגען־רויטקייט האָבען זיך אַזוי ווי געקושט אינ׳ם בלייכען הימעל, אויף וועלכען מ׳האָט קיין איין שטערן ניט געזעהן, און פון וועלכען עס האָבען זיך ווי געגאָסען שטראָמען פון אַ צאַרטען פאַנטאַסטישען ראָזאַ־ליכט; און די לייכטע גאָלד־שימערענדע וואָלקענס האָבען לאַנגזאַם געשוואומען אין דער אַטמאָספערע פון שטוינענדער דורכזיכטיגקייט. ווי ליעב האָב איך פריהער געהאַט אָט די ווייסע נעכט! איינער אַליין אין אַ לאָדקע מיט אַ צוויייענדיגען רודער אין די הענט, גליטשט מען זיך אין דער מיט פון דער מאַיעסטעטישער נ ע ו ו אַ, אַזוי ווי מען וואָלט הענגען אין דער לופטען צווישען דעם אונערמעסליכען גע־ וועלב פונ׳ם הימעל און דער גרונדלאָזער טיעפקייט פון אַן אַנדער געוועלב, וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אויף דער שוואַרצער אויבערפלאַך פונ׳ם טייך. ווי האָב איך אָבער דערנאָך אָנגעהויבען צו האַסען אָט די פאַררעטערישע זשאַנדאַרישע נעכט!

לאַנג בלייבען אויף דער גאַס האָב איך ניט געקענט, וואָרים איך האָב געקענט צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ שפּיאָן, וועלכער דרעהט זיך אפשר צופעליגערווייז אַרום, אָדער פון אַן אָקאָלאָ־ דאָטשני, וועלכער געהט אַרום זיין אוטשאַסטאָק. גאָר ניט קיין

אָנגענומע „באַגעגעניש“ אין אַזאַ נאַכט. איך בין אַוועק צוריק אַהיים.

פון מינוט צו מינוט איז מיין אומגעדולד געוואָרען גרעסער. ווען דער זייגער האָט געשלאָגען צוועלף, און קיינער איז נאָך ניט געקומען, האָב איך שוין אָנגעהויבען פיהלען, אַזוי ווי איך וואָלט אויסשטעהן אַ מאַטערניש, וואָס איז נור באַקאַנט דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער; די מאַטערניש וואָס ער פיהלט, בעת ער לאָזט אָב גאָר אויף אַ קורצער צייט זיין פריינד, זיין ברודער, זיין פרוי, און ער קען ניט זיין זיכער, אַז ער האָט זיך שוין ניט אָפּגעזעגענט מיט זיי אויף אייביג. מיין פאַנטאַזיע האָט מיר שוין אָנגעהויבען מאָלען די פינסטערסטע בילדער, ווען איך האָב אין אַ מינוט צעהן אַרום נאָך האַלבע נאַכט דערהערט, ווי דאָס קליינע טירעל פונ׳ם הויף עפענט זיך, און טאַקע באַלד האָב איך דערהערט טריט אויף מיינע טרעפּ. איך האָב געעפענט די טיר. דאָס זיינען געווען זיי. סטעפּאַנאָוויטש׳ן האָב איך באַלד דערקענט. אַזוי ווי עס איז שוין די מאָדע אין רוסלאַנד צו פאָטאָגראַפירען אַלע פּאָליטישע, אַזוי האָט מען אויך דאָ געטאָן. אַז ער איז אַנטלאָפען, האָט מען אַלע פּאָליציי־אַגענטען, וועלכע האָבען איהם געדאַרפט זוכען, צושיקט זיינע פאָטאָגראַפיען, און נאַטירליך זיינען איינינגע אויך אין אונזערע הענט אַריינגעפאַלען. אָהן ווערטער האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין האַלז און האָב איהם צוגעפּרעסט צו מיין ברוסט. איך האָב היים באַדאַנקט מיין פריינד, און האָב אַריינגעפיהרט סטעפּאַנאָוויטש׳ן אין צימער. איך האָב ניט אַראָפּגעלאָזט פון איהם מיין אויג, פול ליעבע. איך האָב מיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט. מיר האָבען איהם שוין געהאַלטען פאַר פאַרלאָרען; די שטריק פון דער תליה איז שוין געווען ביי איהם אויפ׳ן האַלז; און מיט אַמאָל שטעהט דער מענש איצט דאָ פאַר מיר, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר ניט געשעהן, לעבעדיג, פריש, ווייטער גרייט צום קאַמף און צו טעטיגקייט.

מיר האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען „דוטצען“, אַזוי ווי אַלטע פריינד. מיר האָבען זיך דערמאָנט אין אונזערע פריהעריגע פאַר־

בינדונגען. ער האָט גאָר ניט געהאַפּט מיך צו געפינען אין פּעטער־בורג, וואָרים אין דער פּראָווינץ האָט ער געהערט, אז איך בין נאָך אין ז ש ע נ ע װ ו אַ. איך האָב שוין געוואוסט אַלע איינ־צעלהייטען פון זיין אַנטלויפען, און האָב איהם נאָר געפרעגט, ווי איז עס איהם געלונגען זיך אַרויסצודרעהען פון דער מאַסע שפּיאָ־נען, וועלכע זיינען געווען פול אויף אַלע סטאַנציעס.

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן און האָט אָנגעהויבען דערצעהלען. און איך האָב כסדר געקוקט אויף איהם, אויף אָט דעם שרעקליכען מענשען, וועמען קיין זאַך אין דער וועלט האָט ניט געקענט צו־טומלען און וועלכער האָט נאָר דורך זיין מעכטיגע ענערגיע געקענט ווערען אַ הערשער איבער טויזענדע פון אָט די האַרטנעקיגע פוי־ערען און וואָלט לייכט געקענט שטעהן אָן שפּיץ פון אַ שרעקליכען אויפשטאַנד.

ער איז געווען מיטעלוויקסיג, מאָגער, מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט און מיט שמאָלע פּלייצעס. וואַרשיינליך איז ער פיזיש געווען זעהר שוואַך. קיין מאָוס'ערען מענשען האָב איך אין מיין לעבען ניט געזעהן; און דאָך איז אָט דער ניט־שעהנער פּנים גע־ווען אָנציהענד. פון זיינע גרויסע אויגען האָט אַרויסגעפונקעלט שכל, און אין זיין שמייכעל איז געווען עפּעס ביטערדיגעס און פיין־שפּאָטישעס, אַזוי ווי עס ליעגט אינ'ם כאַראַקטער פונ'ם גאַנצען קליין־רוסישען פאָלק, צו וועלכען ער געהערט.

ווען ער פלעגט דערצעהלען פון אַ שפּיצעל, וואָס ער האָט אויס־געקלערט, אום די פּאָליציי אָפּצונאַרען, פלעגט ער לאַכען פון גאַנ־צען האַרצען, און דערביי פלעגען זיך ווייזען צוויי רייהען ציינער, וויים ווי עלפאַנטביין. זיין גאַנצער אויסערליכער אויסזעהן, מיט דעם געקנייטשטען שטערן, מיט דעם קאַלטען, האַרטען קוק, האָט אויסגעדריקט ענטשלאָסענקייט און אַ פעסטען קאָנטראָל איבער זיך אַליין. ביים ריידען, האָב איך באַמערקט, מאַכט ער ניט קיינע באַוועגונגען.

מיר האָבען גערעדט פון אונזערע פריינד, וועלכע ער האָט אויפ'ן

וועג באַזוכט; פון די פּראָיעקטען, מיט וועלכע ער איז געקומען אין פּעטערבורג, און פון פיעלע אנדערע זאַכען.

"Che il tacer e bello, si com'era il parlar cola dav'era."

(פון וועלכע עס איז אַזוי פּאַסענד דאָ צו שווייגען, ווי עס האָט גע־פּאַסט פון זיי צו ריידען דאָן, אין דעם צושטאַנד, אין וועלכען מיר זיינען געוועזן.)

מען האָט געדאַרפט באַוואונדערען די ניכטערקייט פון זיין אורטיילען איבער פּאַרשידענע פראַגען, וועלכע ער פלעגט באַ־טראַכטען פון אַ זעהר אָריגינעלען און פּראַקטישען שטאַנדפּונקט; באַזונדערס איז געוועזן צו באַוואונדערען זיין קענען די מענשען. אַ פּאָר טעג באַקאַנטשאַפט איז געוועזן גענוג פאַר איהם, אום צו קענען אַ מענשען. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסע נייגונג צום פּעסימיזם אין דער הינזיכט.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען מיר האָבען געענדיגט אונזער געשפּרעך, און האָבען זיך ענדליך געלעגט שלאָפען.

3.

סטעפּאַנאָוויטש איז געבליבען אין פּעטערבורג אַ גאַנצען מאָ־נאַט. מיר האָבען זיך אָפט געזעהן, און איך האָב געהאַט די מעג־ליכקייט איהם גוט צו דערקענען. און איהם דערקענען האָט גע־הייסען איהם ליעב באַקומען. דאָס איז אַן אָריגינעלע און זעהר קאָמפּליצירטע, צוזאַמענגעשטעלטע נאַטור. אָהן צווייפעל איז עס אַ מענש מיט גרויסען פאַרשטאַנד און באַזיצט אַ זעלטענע כאַ־ראַקטער־קראַפט. ביי גינסטיגע אומשטענדען ווערען אַזעלכע מענ־שען שעפּער פון דער געשיכטע. ער באַזיצט די פעהיגקייט מאַסען צו רעגירען, ווי מען האָט אַרויסגעזעהן פון דער טשיגירינער זאַך. ער איז אָבער ניט פון די, וואָס געהען גלייך צום ציעל, אַזוי ווי אַ קאַנאָנען־קויל, איבערקעהרענדיג און פאַרניכטענדיג אַלעס אויפ'ן וועג. ניין, ער אַרבייט בעסער באַהאַלטען; ער גיט נאָך, ווען עס איז נייטיג, אָבער מיט אַ תנאי ביים ערשטען בעסטען פאַל עס

אַנצויאַגען. איינינע האַלטען סטעפּאַנאָוויטש'ן פאַר אַ ליסטיגען, פאַר אַ כיטרען. דאָס איז קוים אמת. ער כיטרעוועט נאָר אין דער פּאָליטיק. אין פּערזענליכע פאַרהעלטניסען, מיט פריינד, איז ער איינפאַך, אויפריכטיג. אין אַלגעמיין איז ער זעהר אַן איינגע־האַלטענער מענש, אין גאַנצען פאַרשלאָסען אין זיך אַליין. ער רעדט זעהר וועניג און אויף פאַרזאַמלונגען קיין מאָל ניט. ווען ער הערט עפּעס צו, האַלט ער דעם קאָפּ שטענדיג נידעריג אַראָפּ־געלאָזען, אַזוי ווי ער וואָלט שלאָפען. אין טעאָרעטישע שטרייטיג־קייטען לאָזט ער זיך קיינמאָל ניט אַריין, און ווען עס פלעגט איהם אויסקומען צו זיין ביים לייענען אַ „פּראָגראַם“ אָדער אַן „ערקלע־רענדען נאָטיץ“, פלעגט ער זעהר אָפט איינשלאָפען; פון זיין שטאַרקען בראָפּען האָט מען עס פאַרשטאַנען. דאָס איז אַ מענש פון אַרבייט; אָבער ניט אין שמאָלען זינען פון וואָרט, ווי אַנ־דערע, וועלכע קענען ניט בלייבען קיין מינוט אָהן אַרבייט. ער האָט געקענט וואַרטען. דאָס איז אַ מענש פון גרויסע פּלענער, דער בעסטער טיפּ פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, וועלכען איך האָב אין מיין לעבען באַגעגענט. זיין קלאָרער און באַזונדערס פּראַקטישער פאַר־שטאַנד, דער שטאַרקער און פאַרזיכטיגער כאַראַקטער, דאָס קענען די מענשען און דאָס פאַרשטעהן ווי זיך צו באַגעהן מיט זיי, האָ־בען איהם געמאַכט באַזונדערס פעהיג פאַר אָט דער שווערער ראָלע.

כאָטש ער איז געוועזען אַ גרויסער סקעפּטיקער צו מענשען, דאָך איז ער געוועזען זעהר פעהיג אויף פריינדשאַפט, וועלכע פלעגט ביי איהם דערגעהן ביז פאַרגעטערונג. זיין בעסטער פריינד איז געוועזען ל. זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט פאַנאַנדערגעשיידט, אויסער די מאָמענטען, ווען די „געשעפטען“ האָבען געשטערט. דאַן פלע־גען זיי זיך יעדען טאָג שרייבען לאַנגע בריעף, וועלכע זיי פלעגען שטאַרק אָפּהיטען, אַז זיי זאָלען ניט אַריינפאַלען צו אַן אַנדערן אין די הענט.

ניט קוקענדיג אויף אַלע פאַרשידענע אונבאַשטענדיגקייטען פון זיין לעבען, האָט סטעפּאַנאָוויטש קיין מאָל ניט איבערגעריסען די פאַרבינדונגען מיט זיין פאָטער, אַן אַלטער דאָרפס־גלח, וואָס

איז געווען געפעהרליך פאַר אַ מענשען, איבער וועלכען מען האָט איבערגעקעהרט גאַנצע שטעדט, ווען די פּאָליציי האָט נאָר אַ פאַרדאַכט געהאַט. אַז ער דאַרף דאָ זיין. ער האָט ליעב זיין פאָטער און אַכטעט איהם זעהר; רעדט אָפט פון איהם און מיט אַ באַזונדערן פאַרגניגען דערצעהלט ער אַנעקדאָטען פון זיין לעבען און ציטירט שטעלען פון זיינע בריעף, וועלכע ווייזען **אַרויס זיין שטאַרקען פאַרשטאַנד, זיין עהרליך, אויפריכטיג האַרץ.**

דמיטרי קלעמענס.

.1

קלעמענס איז געווען איינער פון גאַר די ערשטע טשייקאָווצעס. אין מערץ 1879 איז ער אַרעסטירט געוואָרען. מען האָט איהם פאַר שיקט קיין סיביר, וואו ער איז געבליבען אויף שטענדיג.

אין זיין כאַראַקטער ליגט ניט קיין שום קאָנספּיראַטיוועס. ער איז אַ פּראָסטער מענש, אַ אָפענהערציגער; ווען מען אונטערהאַלט זיך מיט איהם, איז מען זיך מחיה. אַלס ערצעהלער האָט ער זיין גלייכען ניט. זיין שפּראַך איז פליסענד, רייך, פול מיט בילדער און משלים; זי גלאַנצט מיט אַלע אוצרות פון דער רוסישער פאָלקס־שפּראַך, וועלכע ער באַזיצט מיט וואונדערליכער קרי־לאָוו'שער מייסטערשאַפט.

צווישען אונזערע פּראָפּאַגאַנדיסטען איז ער דער בעסטער. די אַרט און ווייזע צו ריידען און צו פיהרען פּראָפּאַגאַנדאַ איז ביי איהם אַן אייגענטימליכע; קיינער קען איהם ניט נאָכמאַכען. דאָס איז ניט די ליידענשאַפטליכע, באַגייסטערטע, פייערדיגע רעדע פון ברעשקאָווסקאַיאַ, ניט די סאָקראַטישע מעטאָדע פון מיכאַאיל קופּריאַנאָוו, אַ געניאַלער בחור, וועלכער איז צו 19 יאָהר געשטאָרבען אין געפענגניס. קלעמענס פיהרט זיין גאַנצע פּראָפּאַגאַנדאַ אין וויצען; ער לאַכט אַליין און אַלע מוזשיקעס, וועלכע הערען איהם צו, אַלט און יונג, מוזען זיך האַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער. ער פאַרשטעהט אָבער אין זיינע וויצען אַריינצולייגען אַ ערנסטען געדאַנק, וועלכער בלייבט שוין ביי זיי פעסט אין קאָפּ. זעלטען איז איינעם געלונגען צו האָבען אַזוי פיעל אָנהענגער צווישען די פויערען און די שטאָדט־אַרבייטער, ווי קלעמענס'ן.

רעדעס, וועלכע ער פלעגט אמאל האלטען ערגעץ אין א שענ־קעל, פלעגען ביי איהם אויסקומען אמת'ע פערל פון דער קונסט. איך געדענק, אז איך בין מיט איהם ארומגעגאנגען איבער די דער־פער, פלעג איך שטונדענלאנג ניט וועלען איבערשלאגען דעם שטראם פון זיינע גלעצענדע אימפראוויזאציעס, וועלכע האבען זיך ביי איהם קיין מאל ניט אויסגעשעפט; איך פלעג פארגעסען אין דער פראפאגאנדא, און אין גאנצען זיך איבערגעבען דעם עסטעטי־שען, דעם פיינעם געפיהל פון א צוהערער.

שעהן איז קלעמענס ניט געווען, גיכער אומגעקעהרט. אבער עס איז געגוג געווען איין קוק צו טהאן אויף זיין געזיכט, אז עס זאל אויף שטענדיג בלייבען איינגעקריצט אין זכרון. דער אוי־בערשטער טייל פון זיין פנים, מיט דעם ברייטען שטערן פון א פי־לאזאף, מיט די לעבעדיגע, ווייכע, ברוינע אויגען, אין וועלכע עס האבען זיך צייטענוויז אנגעצונדען פונקען פון איינגעהאלטענעם לאכען, האט ארויסגעוויזען, אז ער איז אן אייראפעער אינ'ם פולען זין פונ'ם ווארט. אבער נאכ'ן אונטערשטען טייל פון זיין געזיכט האט מען איהם געקענט אננעמען פאר א קאלמיק, פאר א קירגיז, פאר א באשקיר, פאר וועמען איהר ווילט, נאר ניט פאר איינעם, וואס געהערט צו דער קאווקאזער ראסע. מען קען ניט זאגען, אז ער האט געהאט אין זיך עפעס ווילדעס, אומגעלומפערטעס; ניין, זיין מויל מיט די דינע, אזוי ווי אויסגעשליפענע ליפען, איז גראד געווען שעהן, און אין זיין שמייכעל איז געווען עטוואס עדעלעס, פיינעס און אנציהענדעס. איינס איז דא, וואס מאכט פונ'ם ערשטען אנבליק אזא שלעכטען איינדרוק, און מאכט אזוי קאמיש זיין גאנצע פיגור — דאס איז די נאז, וועלכע לאזט זיך ניט באשרייבען: ברייט, אביסעל פאררוסען, און אזוי פלאך, אז אין פראפיל איז זי קוים מערקבאר; אן אמת'ער שפיעל פון דער נאטור.

* * *

ווען איינעם זאל איינפאלען צו זוכען צוויי מענשען, וועלכע זאלען זיין א פאלקאמענער קאנטראסט, וואלט מען געקענט אנוויי־

וויזען אויף יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש און דמיטרי קלעמענס. איי־נער איז דער טיפּ פון אַ קונסטפולען אָרגאַניזאַטאָר, דער אַנדערער האָט קיין מאָל אין זיין לעבען ניט געגרינדעט און האָט זיך אויך די מיה ניט געגעבען צו גרינדען אפילו אַ קרוזשאָק. איינער איז שטענדיג טעטיג, אַריינגעטאָן אין גראַנדיעזע גרויסע פּלענער, קלייבט אַ סך ניט איבער קיין מיטלען, מיט דעם טייוועל אַליין וואָלט ער חבר געוואָרען, ווען ער זאָל איהם נאָר ניצליך זיין; דער אַנדערער, דורכדרונגען פון אַ רוהיגער, אונבאַפלעקטער איבערגע־בענהייט צו דער זאַך פונ׳ם סאָציאַליזם, האָט ניט אָנערקענט קיין קאָמפּראָמיסען, איז קיין מאָל ניט אַראָפּ פונ׳ם גלייכען וועג צוליעב דירעקטע נוצען. דער ערשטער איז געווען פעהיג ניט נאָר איינ־צעלנע פּערזאָנען, נאָר גאַנצע מאַסען צו פיהרען נאָך זיך אויף אַ זאַך, וועלכע ער אַליין האָט אונטערנומען און באַשלאָסען; דער אַנדערער האָט קיין מאָל ניט פאַרזוכט און ניט געוואָלט באַצוויג־גען אַ פרעמדען ווילען; דאָס איז איהם געווען עקלהאַפט; און ווען איינער זאָל אַליין קריכען צו איהם אונטער׳ן יאָך, וואָלט אזא מענש איהם געווען אונערטרעגליך.

ניט קוקענדיג דערויף האָב איך קיין איין מענשען ניט געקענט, ווער עס זאָל האָבען אזאַ איינפלוס אויף די איבעריגע, ווי קלעמענס.

זעהר אָפט איז איין וואָרט זיינס געווען גענוג, צו מאַכען אַ סוף צו די פייערדיגסטע שטרייטיגקייטען; פאַרשידענע מיינונגען, וועלכע האָבען געשיינט קיין מאָל זיך ניט צו קענען אויסגלייכען, פלעגט זיין וואָרט איין אָרדנונג ברענגען. אָט דעם איינפלוס האָט ער ניט געזוכט; עס פלעגט קומען עפּעס ווי פון זיך אַליין, וואו ער פלעגט נאָר ערשיינען; באַזונדערס אין פערזענליכע פאַר־העלטניסען. איך האָב ניט געקענט קיין מענשען, צו וועמען מען זאָל קענען אַזוי צוגעבונדען ווערען, ווי צו קלעמענס. מיר פלעגט אויסקומען דורכצולייענען געוויסע בריעף צו איהם פון פאַרשידענע פּערזאָנען. ווען איך וואָלט ניט געוואוסט פון וועמען און צו וועמען זיי זיינען, וואָלט איך זיי געהאַלטען פאַר ליעבעס־ערקלערונגען. צוגעבונדען צו איהם פלעגט מען ווערען ניט אויף אַ ווייל; דאָס

איז ניט געווען קיין מאָמענטאַנע צונייגונג, וועלכע איינינע גלענ־צענדע נאַטורען קענען איינפלייסען. ניין, אַזאַ מענשען, ווי קלעמענס קען מען ניט פאַרגעסען. ווער עס האָט איהם נור ליעב געקראָגען, איז ניט די וויטקייט, ניט די צייט אימשטאַנד איהם אָפּצוקילען.

אין וואָס ליעגט דען דאָ דער סוד, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ מאַכט צו באַצווינגען מענשליכע הערצער? דאָס געהיימניס איז אין דער טיפקייט און גרויסקייט פון זיין אייגען האַרץ פול מיט ליעבע.

ער פלעגט זיך ניט גיך באַפריינדען מיט מענשען; אַזוי ווי אַלע מיטפיהלענדע נאַטורען, געהט ער זיך שווער צונויף און עפענט ניט אַזוי גערן זיין האַרץ פאַר אַן אַנדערן. ער אַליין האַלט זיך פאַר אַ קאַלטע, האַרטע נאַטור; און די אַלע געפיהלען, וועלכע ער דערוועקט צו זיך געגען זיין ווילען, זיינען איהם עפּעס אַזוי ווי אונאַנגענעהם, זיי דריקען איהם; ער מיינט, אַז ער קען ניט ענטפערען אויף זיי, און דערפאַר שיינט עס איהם, אַז זיי זיינען גע'גנב'עטע, אַז ער האָט אויף זיי ניט קיין רעכט. פון זיינע אונצעהלבאַרע פריינד אָבער איז ניטאָ קיין איינער, ווער עס זאָל איהם קענען מאַכען אַזאַ פאַרוואורף.

ווי איהר זאָלט ניט זיין צוגעבונדען צו איהם, וועט עס קיין מאָל ניט האָבען קיין איינפלוס אויף זיינע פאַרהעלטניסען צו אייך. דאָס איז אַ מענש, וואָס לאָזט זיך בשום־אופן ניט אונ־טערקויפען; באַמערקט ער אָבער אַ סימפּאַטישען צוג אין אַן אַנדערן, וועט ער עס שוין ניט דורכלאָזען; אומגעקערט, ער וועט עס נאָך פאַרגרעסערען. ער שעצט ניט די מענשען נאָך די נוצען וואָס זיי קענען ברענגען דער פאַרטיי. צווישען זיינע חברים, — די קאָנספּיראַטאָרס, — איז ער געבליבען מ ע נ ש . אַז ער געהט זיך מיט איינעם צונויף, האָט ער קיין מאָל ניט דערביי עפּעס אַ הינטער־געדאַנק, אַזוי ווי דאָס רוב פאַרשווערער, וואָס זיינען גע־צוואונגען צו באַטראַכטען יעדען מענשען, נאָר אַלס אַ נוצליכקייט צו דער זאַך. דערפאַר פיהלט זיך טאַקע יעדער מיט איהם לייכט

און פריי. יעדער איז גרייט איהם אָוועקצוגעבען די נשמה, בלינ־דערהייט צו געהן אויף זיין ערשט וואָרט, ווייל ער איז זיכער, אַז קלעמענס וועט אַלע מאָל שטעהן אויף דער וואַך און וועט דער ערשטער אַנזאָגען פון דער קלענסטער געפאַהר.

ווען ער זאָל וועלען איינעם שיקען אויף די געפעהרליכסטע שליחות, וואָלט יעדער געלאָפען, ניט פאַרקלערענדיג זיך אפילו אויף א מינוט, וואָרים אַז קלעמענס האָט געזאָגט, מן הסתם איז ווערט מען זאָל ריזיקירען; אויב ניט, וואָלט ער ניט געשיקט. קלעמענס האָט אָבער זיין מאַכט קיין מאָל ניט באַנוצט. אַליין פלעגט ער געהן אויף יעדע געפאַהר, אָבער קיין אַנדערן האָט ער ניט געשיקט. אפילו דאָרט, וואו דער „ניט־לעגאַלער" וואָלט איי־גענטליך געדאַרפט אָנקומען צו אַנדערע; דאָרט, וואו ער, דער „ניט־לעגאַלער" ריזיקירט מיט זיין קאָפּ, און וואו דער לעגאַלער קען אָפּקומען העכסטענס מיט איינינגע טעג ארעסט, אפילו דאַן פלעגט ער אויך אַלעס נעמען אויף זיך, און האָט קיין מאָל ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל איינעם א האָר געקרימט ווערען איבער איהם. זיינע בעסטע פריינד פלעגען איהם מאַכען פאָרווירפע, פאַר וואָס ער שפּילט אַזוי מיט זיין לעבען, וואָס איז אַזוי טייער פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; אַלעס איז אָבער געווען אומזיסט. אַט דאָס לעצטע, אַז זיין לעבען איז אַזוי טייער, האָט ער בשום־אופן ניט געוואָלט אַנערקענען. ער איז די עניוות אַליין; אָבער ניט די ערנידעריגטע קריסטליכע עניוות, וועלכע איז אונז געבליבען בירושה פון הונדערטער יאָהרען קנכטשאַפט און חניפה; עניוות, הינטער וועלכע עס איז זעהר אָפט פאַרשטעקט די שרעקליכסטע זעלבסטמיינונג. ניין, קלעמענס איז אַן אונאָפּהענגיגער מענש, שטאָלץ אויף זיין מענשליכען ווערט, און בויגט פאַר קיינעם ניט זיין קאָפּ. די עניוות קומט ביי איהם פון זיך אַליין. אויב ער אַנערקענט ניט די אַלע מערקווירדיגע אייגענשאַפטען, וועלכע האָ־בען איהם געמאַכט אַזוי פיעל פאַרעהרער, איז דאָס גאַנץ אויפ־ריכטיג און ענטשלאָסען. עפּעס דורך א מין אָפּטישע אילוזיע, דורך די אָפּנאָרונג פונ'ם אויג, וועלכע די וויסענשאַפט האָט נאָך

ניט ערקלערט, זעהט ער די אלע מעלות ניט אין זיך, נאר אין זיינע פריינד.

.2

דמיטרי קלעמענס איז געבארען געווארען אויף די ברעגען פונ'ם טייך וואלגא, וואו זיין פאטער איז געווען פארוואלטער פון אן אימעניע. זיינע קינדער־יאהרען האט ער פארבראכט צווישען די פאסטוכער פון די דארטיגע גרויסע סטעפען, וועלכע ער האט אזוי שעהן באשריבען אין איינע פון זיינע יוגענד־פאעמען.

אט דאס פרייע, אונגעצוואונגענע לעבען אינ'ם שוים פון דער ווילדער מאיעסטעטישער נאטור האט געגעבען זיין כאראקטער יענע פאעטישע פארב און האט אין איהם אויסגעארבייט יענע ליעבע צו געפאהרען און ריזיקאלישע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען נאך געבליבען ביי איהם אין די עלטערע יאהרען. ביי איהם איז אבער אלעס געווען אריגינעל, אייגענטימליך. אזוי ווי מיר האבען שוין געזאגט פון זיין פראפאגאנדא, אויף וואס פאר אופן ער האט זי געפיהרט. אזוי איז אויך זיין מוטה געווען אייגענטימליך. ער האט ליעב געהאט די געפאהר ניט ווי א קריגער, וואס זוכט אין איהר דעם קוואל פון שטארקע געפיהלען, נאר ווי אן ארטיסט, וועלכער געניסט זי רוהיג, באזונדערס איהרע לעבערליכע זייטען. ער איז געווען באגאבט פון דער נאטור מיט א הארץ, וואס פיהלט פיזיש קיין מורא ניט. אין דער גרעסטער געפאהר האט קלעמענס קיינמאל ניט פארלארען דעם קוראזש. ער פלעגט בלייבען גאנץ קאלטבלוטיג, לאכען, זאגען וויצען, גלייך ווי עס וואלט גארניט געווען, און אפטמאל מיט אזא הומאר, אז מען האט קלאר געזעהן, אז ער האט נאר די גאנצע צייט ניט געקלערט פון דער געפאהר, ער האט זיך נאר לוסטיג געמאכט מיט איינינע לעבערליכע מאמענטען. א סך מאל איז ער געווען זעהר אונפארזיכטיג, אבער ניט זיך צו באריהמען, אדער אוים אייטעלקייט, נאר איינפאך אוים ליעבע צו שפיצלאך.

נאך גאר אין אנהויב פון זיין רעוואלוציאנערע קאריערע, ווען

ער איז נאך ניט געווען „אונלעגאל“, נאר ער פלעגט זיך שוין באהאלטען פאר דער פאליציי, איז ער אליין אוועקגעגאנגען צום פראקוראר בעטען, ער זאל ארויסלאזען א נ א ט א ל י ס ע ר ד י ו ק א ו ו ׳ ן אויף ערבות. גליקליכערווייז איז דער פראקוראר געווען א נייער; פון קלעמענס׳ן האט ער גארניט געוואוסט, און דער האט גערעדט אזוי שטארק, אזוי דרינגענד, אז מען האט איהם צוגעזאגט צו ערפילען זיין בקשה. עס איז איהם ענדליך ניט געלונגען, ווייל סערדיוקאוו׳ס זאך האט זיך פארערגערט ביי דער אונטערזוכונג; ווען ניט, וואלט געווען שעהן צו זעהן, ווי א פאליטישער ארעסטירטער ווערט באפרייט אויף דער גאראנטיע פון א מענשען, וועלכער באהאלט זיך אליין פאר דער פאליציי.

אמאל פלעגט ער פון זיינע איינפעלע מאכען א גאנצע קאמישע עפאפעע, א גאנצע קאמישע פאעטישע ערצעהלונג מיט אלע פיצעלאך, ווי א וואהרער ארטיסט. אלס ביישפיעל וועל איך דא דערצעהלען, ווי אזוי ער האט באפרייט איינעם, טעלסיעוו׳ן, וועלכער איז געווען אביסעל פארמישט אין דער נעטשאיעווער באוועגונג און אדמיניסטראטיוו פארשיקט קיין פעטראזאוואדסק.

קלעמענס איז אוועקגעפאהרען אהין מיט פאלשע דאקומענטען פון אן אינזשעניר, קאפיטאן ש ט ו ר ם, וועלכער האט געזאלט מאכען איינגע געאלאגישע אויספארשונגען אין פ י נ ל א נ ד. באלד ווי ער איז געקומען, האט ער באזוכט דעם גובערנאטאר, דעם איספראווניק און די אנדערע פארשטעהער, אלעם מיט אן אויסרייד, אז ער דארף האבען אויסקינפטע. נאטירליך האט ער אלעמען באצויבערט. א גאנצע וואך איז ער געבליבען אין פעטראזאוואדסק, האט געמאכט פארשידענע וויסענשאפטליכע שפּיצלאך, און די גאנצע שטאדט האט נאר גערעדט פון איהם; ער איז געווארען דער ליעבלינג ביי אלעמען. אין דערזעלבער צייט האט ער אויך אלעם צוגעגרייט צום אנטלויפען, און אין א שעהנעם טאג איז ער אוועקגעפאהרען אינאיינעם מיט טעלסיעוו׳ן, כדי יענער זאל ניט דארפען מאכען אזא שלעכטע, אונבאקוועמע רייזע אליין. כאטש זייער ביידענס פארשווינדען האט זיך אזוי אקוראט צוזא־

מענגעטראָפען, איז דאָך אין פּעטראָזאַוואָדסק קיינעם ניט איינ־געפאַלען, אַז קלעמענס האָט דאָ עפּעס אַן אַנטהייל גענומען. אַזוי גוט האָט ער געשפּילט זיין ראָלע. אין אַ יאָהר אַרום, אַז איינער פון זיינע פריינד איז דורכגעפאָהרען פּעטראָזאַוואָדסק, האָט איהם דער איספּראַווניק געפרעגט, צי קען ער ניט אַ געוויסען קאַפּיטאַן שטורם, און האָט איהם דערביי דערצעהלט פיעלע־קליינינגקייטען פון דער צייט, וואָס יענער איז דאָרט געווען. ענדליך האָט ער צוגע־לעגט די ווערטער: „זעהר אַ בראַווער מאַן. ער האָט אונז פאַר־שפּראָכען צו זיין דאָ, ווען ער וועט צוריקפאָהרען פון פינלאַנד, אָבער מען זעהט איהם עפּעס ניט. אַ שאָד, אַ שאָד! ער האָט אודאי באַשלאָסען צו פאָהרען מיט'ן ים". וואָס וואָלט ער געזאָגט, ווען ער וויים, ווער דער קאַפּיטאַן שטורם איז געווען?

* * *

קלעמענס האָט געהאַט אַ געזונטען קאָפּ אויף זיך; אין דעם פּרט איז ער איינער פון די גרעסטע, וועלכע זיינען געווען אין די רייהען פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט גענומען אַזאַ אַנטייל אין דער באַוועגונג; ניט קוקענדיג אויף אַלע אונבאַשטענדיגקיי־טען פון אַן אונלעגאַלען לעבען, איז ער קיינמאָל ניט אָפּגעשטאַ־נען פון'ם אינטעלעקטועלען פּראָגרעס פון מערב־אייראָפּאַ. אַ באַזונדערע נייגונג האָט ער געהאַט צו די עקאָנאָמישע וויסענשאַפ־טען; ער פלעגט זיך אָבער ניט אַריינלאָזען אין זיי אויסשליס־ליך. זיין שרעקליכער דאָרשט צו קענען האָט איהם געצוואונגען צו לערנען אַלעס, און ער פלעגט זיך ווייניג קימערן, צי ער וועט פון דעם האָבען אַ דירעקטען נוצען, אָדער ניט.

אין יאָהר 1875, ווען ער איז געווען אין בערלין, האָט ער זיך אַזוי אַריינגעצויגען אין די לעקציעס פון פּראָפעסאָר ה ע ל מ־ה אָ ל ץ, אַז זיינע בריעף צו מיר זיינען געווען פול מיט באַריכ־טען איבער די דאָזיגע לעקציעס, און עס האָט מיר געקאָסט פיעל מיה, ביז איך האָב זיך אַרויסגעדרעהט פון זיי.

און אַזוי גרויס ווי דער דאָרשט צו קענען, אַזוי גרויס זיינען אויך געווען זיינע אַנשויאונגען.

קלעמענס איז ניט געווען קיין מענש פון אַ פּאַרטיי. אַלס טיעף־איבערצייגטער סאָציאַליסט האָט ער אָפּגעגעבען דער פאָלקס־זאַך אַלעס, וואָס ער האָט נאָר געקענט: זיינע קענטעניסען, זיין העלען, שאַרפען פאַרשטאַנד; אָבער פאַר די שמאָלע ראַמען פון אַ געהיימען בונט האָט ער אַבסאָלוט ניט געטויגט. פאַר איהם האָט זיין פּאַרטיי קיינמאָל ניט געקענט ווערען זיין היים, זיין פאַמיליע, זיין אַלעס; ער האָט שטענדיג געלעבט אָפּגעזונדערט. די פּאַר־טייאישע אייגענליעבע, וועלכע איז דאָס שטאַרקסטע רייץ־מיטעל, וואָס פיהרט דעם קאָנספּיראַטאָר, באַזיצט ער ניט. ער האָט ליעב די גאַנצע וועלט, און וואו ער קען נאָר, נעהמט ער אַנטייל אין איהר לעבען. ער האָט געשריבען ניט נור פאַר דער אונטערערדישער פּרעסע, נאָר פיעל מעהר פאַר די „לעגאַלע" פּעטערבורגער זשורנאַ־לען, וואו ער האָט מיטגעאַרבייט אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָני־מען. ער האָט עס ניט געטאָן בלויז אום צו זיין מעהר אונאָפּהענגיג און לעבען פון אייגענער אַרבייט, נאָר אויך דערפאַר, ווייל ער האָט געדאַרפט האָבען מעהר צוהערער; דאָס לעזע־פּובליקום, וואָס די אונטערערדישע ליטעראַטור האָט איהם געקענט געבען, איז גע־ווען צו קליין פאַר איהם.

פון די אַלע צאַנקערייען, וואָס שטאַמען אַרויס פון די „פּראָ־גראַמען" און וועלכע צוטיילען אָפט אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין צוויי לאַגערען, האָט ער זיך שטענדיג געהאַלטען אָן אַ זייט. אין די פּרינציפּען פון׳ם סאָציאַליזם האָט ער געגלויבט פאָלשטענ־דיג, אָבער אין די מיטלען, וועלכע די רעוואָלוציאָנערען פּלעגען צייטענווייז האַלטען פאַר אוניווערזאַלע וואָהרהייטען, האָט ער ניט געגלויבט. אָט דער מיסטרויען האָט נאַטירליכערווייז פּאַראַליזירט זיין קראַפט אין׳ם אונטערערדישען קאַמף. דאָרט וואו דאָס פעלד צו טאָן איז קליין, קען אויך ניט זיין קיין גרויסער אויסוואַהל פון מיטלען. און אַלס קאָנספּיראַטאָר האָט קלעמענס ווירקליך קיין באַזונדערען ווערט ניט געהאַט. ער האָט צוגעצויגען אַ סך אַנהענ־

גער צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, באַזונדערס פון דער יוגענד, אָבער ווייטער פיהרען זיי צו אַ באַשטימטען צוועק, איז ער שוין ניט געווען אימשטאַנד; דאָס האָבען אַנדערע געדאַרפט טאָן. ניט דערפאַר, ווייל איהם האָט געפעהלט יענע קראַפט, וואָס מאַכט דעם מענשען פאַר אַ הערשער איבער דעם אַנדערנס ווילען; ניין, די קראַפט האָט ער געהאַט; מען האָט עס געקענט ארויסזעהן פון דער באַצויבערונג, וועלכע פלעגט, ווי אַ מאַגנעט, צוציהען מענשען צו איהם. אין סטעפּאַנאָוויטש׳עס אונטערנעמונג, צום ביישפּיל, מיט וועלכער מען האָט אפילו אין פּעטערבורג אָנגעהויבען צו סימפּאַטיזירען, איז ער אַליין געווען נעגען די גאַנצע פּאַרטיי. דאָס האָט געצייגט, אַז ער איז פריי פון יעדער אייגענליעבע און לוסט צו כבוד, אַז ער באַזיצט דעם זעלטענעם מוט אַרויסצוטרעטען געגען אַלע אַנשויאונגען, זיי מעגען זיין אַנערקענט אפילו פון אַלעמען, ווען ער האַלט זיי נאָר פאַר אונבאַגרינדעט. איהם האָבען אָבער געפעהלט יענע אויסשליס־ליכקייט, יענע האַרצענס־האַרטקייט, אַמאָל געפיהל־לאָזיגקייט, וועלכע שטאַמען אַרוים פונ׳ם ליידענשאַפטליכען גלויבען, און וועל־כע זיינען אַזוי נויטיג, ווען מען דאַרף שיקען מענשען צום טויט.

ווענען די אַלע אורזאַכען האָט קלעמענס פאַר דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג ניט אויפגעטאָן קיין הונדערסטען טייל פון דעם, וואָס ער וואָלט געקענט אויפטאָן לויט זיין טאַלאַנט, מיט וועלכען די נאַטור האָט איהם באַשענקט.

דאָס איז אַ טייערער מוסטער פון אַ דענקער מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות.

וואַלעריאַן אָסינסקי.

.1

אָסינסקי האָט ניט ליעב געהאַט צו זיצען אויף איין פּלאַץ. ער איז שטענדיג אַרומגעפּלויגען איבער גאַנץ רוסלאַנד, איבער־הויפּט אין דרום, וואו עס זיינען געווען די הויפּט־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג. דערפאַר טאַקע האָב איך איהם קיין סך ניט געזעהן, וואָרים איך בין שטענדיג געזעסען אין פּעטערבורג. דאָ האָב איך זיך באַגעגענט מיט איהם, ווען ער איז געקומען אַהער אַמאָל אויף עט־ליכע טעג; באַלד איז ער ווידער פאַרשוואונדען, ווי אַ מעטעאָר, ווי אַ לופט־ערשיינונג, אָבער דאָס מאָל שוין אויף שטענדיג...

עס איז דאַן געווען זעהר אַ שלעכטע צייט אין פּעטערבורג, און באַזונדערס פאַר אונז „אונלעגאַלע“; פאַר באַקאַנטשאַפט מאַכען איז די צייט גאָר ניט געווען פּאַסענד. ערשט ניט לאַנג איז דער׳הרג׳עט געוואָרען דער גענעראַל מעזענצעוו אין מיטען העלען טאָג, אויף איינעם פון די הויפּט־פּלעצער פון דער הויפּט־שטאָדט, און די מערדער זיינען פאַרשוואונדען. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אי אויף דער געזעלשאַפט, אי אויף דער רע־גירונג, וואָרים דאָס איז געווען דער ערשטער פאַקט אין דער דאָזיגער ריכטונג. די פּאָליציי האָט איבערגעקעהרט די שטאָדט מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. מען האָט דערצעהלט, אפשר אַביסעל מגזם געווען, אַז אין די ערשטע צוויי טעג האָט מען אַרעסטירט ביז טויזענד מענשען. פאַר „נאַש בראַט“ איז גע־ווען געפעהרליך אויפ׳ן גאַס אַרויסצוגעהן, און איך האָב געמוזט האַלטען קאַראַנטין — דאָס אונערטרעגליכסטע פון אַלעס, וואָס נאָר דער רוסישער רעוואָלוציאָנער דאַרף אויסשטעהן. איך האָב

זיך אַריבערגעקליבען צו אַ פריינד, וואו איך בין געוועזן זיכער, ווייל ער איז געוועזן אין אַזאַ לאַגע, אַז קיין פאַרדאַכט האָט אויף איהם ניט געקענט פאַלען. איך האָב אָבער ניט געטאָרט אַרויסגעהן פון שטוב, אפילו ביי נאַכט. איך האָב דאַן עטוואָס געשריבען, און אַז דאָס שרייבען פלעגט מיר נמאס ווערען, פלעג איך זיך נעהמען צו די פראַנצויזישע ראָמאַנען, אָבי די צייט צו פאַרטרייבען. זעהר זעלטען פלעגען מיך באַזוכען איינינע גוטע ברידער, וועלכע זיינען געווען געריהרט איבער מיין טרויעריגען שיקזאַל.

אין אַ שעהנעם טאָג קומט צו מיר אַ ל ג אַ נ אַ ט אַ נ ס אַ ן מיט די נייעס, אַז וו אַ ל ע ר י אַ ן אָ ס י נ ס ק י איז אין פעטערבורג. איך האָב איהם פערזענליך ניט געקענט, נאָר געהערט האָב איך פיעל פון איהם; און נאַטירליך האָב איך שטאַרק געוואָלט איהם זעהן, באַזונדערס, אַז דאָס איז געווען אַן אויסרייד פטור צו ווערען כאָטש אויף אַ קורצער צייט פון מיין היים־אַרעסט.

פאַרנאַכט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דער היים. מיין פריינד האָט געוואוינט אין עק שטאָדט; די גאַסען זיינען געווען ליידיג, פונדעסטוועגען האָב איך געמוזט זיין זעהר פאָרזיכטיג; און איך האָב גענומען גראָד אַ פאַרקערטען וועג. אַ היבשע צייט האָב איך זיך אַרומגעדרעהט, ביז איך בין ענדליך אַריינגעקומען אין איינע פון די לעבעדיגסטע גאַסען. דאָס ערשטע וואָס מיינע אויגען האָבען דערזעהן זיינען געווען קאָזאַקען אויף זייערע פערד מיט פיקעס, און גאַנצע מאַסען שפּיאָנען אויף יעדען שריט און טריט. דערקענען זיי איז געווען זעהר לייכט פאַר יעדען איינעם, ווער עס איז נאָר געווען ערפאַהרען אין אָט די אַנגעלעגענהייטען. זייער געשפּאַנטעס אויסזעהן, זייערע פרעכע און אויך דערשראָקענע בליקען, וועלכע זיי פלעגען אָנשטעלען אויף יעדען פאַרבייגעהער, האָבען זיך באַלד געוואָרפען אין די אויגען. דאָס זיינען געווען די פּראָפעסיאָנעלע שפּיאָנען. די אַנדערע אָבער, די „צייטליכע", די פּראָוויזאָרישע שפּיאָנען, האָבען אויסגעזעהן זעהר קאָמיש. דאָס זיינען געווען איבערגעטאָנענע סאָלדאַטען. געוואוינט צו דער פראָנט פלעגען זיי זיך ניט קענען האַלטען לאַנג אויף איין פּלאַץ,

ניט געהן איינציגווייז; ניט־ווילענדיג פלעגען זיי זיך אויסשטע־לען, ווי נאָך דער קאָמאַנדע. זייערע קליידער זיינען געווען אַזוי קאָמיש, ווי זייער אויסזעהן. אין איילעניש האָט מען ווארשיינליך ניט געקענט קריגען פאַר יעדען אַ פּאַסענדען אַנצוג, און אַלע האָבען געטראָגען איינע און דיזעלבע היטעל, דיזעלבע פּאַלטאָס און הויזען. איינינגע האָבען זיך אָנגעטשעפּעט גרויסע בלויע ברילען אויף די נעזער, כדי מען זאָל זיי רעכענען פאַר סטודענטען. דאָס אַלעס איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז מען האָט זיך געקענט קייקלען פאַר געלעכטער.

נאָכדעם ווי איך האָב מיר ערלויבט דעם פאַרגניגען זיי גוט צו באַקוקען, בין איך אוועקגעגאַנגען אויף דער קאָנספּיראַטיווער וואוינונג פון אונזער קרוזשאָק. נאָך זייענדיג אויף דער צווייטער גאַס, האָב איך באַמערקט, אַז דער דאָמענשירם — אַ צייכען, אַז אַלעס איז אין אָרדנונג, קיין געפאַהר — שטעהט אינ'ם געוויסען פענסטער. דאָס איז אָבער געווען ווענינ פאַר מיר; וואָרים איך האָב געוואוסט, אַז די זשאַנדאַרען האָבען דערשמעקט פון אונזערע ציי־כענס, און באַקוקענדיג גוט אַלע פענסטער, פלעגען זיי אַלעס שטע־לען צוריק אין דערזעלבער אָרדנונג. דערפאַר האָב איך זיך נאָך אַביסעל ארומגעדרעהט, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ געוויסען אָרט, וואו איך האָב געדאַרפט געפינען פּינקטליכע באַשטימונגען, איבער וועלכע די פּאָליציי האָט ניט געקענט קיין מאַכט האָבען, ווען זי זאָל אפילו ערפאַהרען אונזערע כיטראָסטען. דער פּלאַץ, וואוהין איך בין אריינגעגאַנגען, איז געווען דאָרט, ווי מען זאָגט, וואו אפילו דער קייזער אליין געהט צו פוס... אין אַ געוויסען ווינ־קעל האָט דאָרט געדאַרפט זיין אַ קוים באַמערקבאַרער צייכען, וועלכער פלעגט זיך יעדען טאָג בייטען, און אין אַן אונרוהיגע צייט צוויי מאָל טעגליך. דער צייכען איז געווען אויפ'ן פּלאַץ און האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין געפאַהר. יעצט בין איך שוין געווען זיכער; יעדער צווייפעל איז פארשוואונדען.

אַזוי אָבער ווי די „ספּראַוואָטשנאַיע ביוראָ" (די ערקונדיגונגס־ביוראָ), ווי מיר האָבען אין שפּאַס גערופען אַט דעם פונקט, איך

געווען אַ וויאַרסט ווייט פון דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, און אויפ'ן וועג האָט מען נאָך געקענט אַנטרעפן שפּיאָנען, האָב איך באַשלאָסן זיך צו איבערצייגען, אַז מען קוקט מיר ניט נאָך. אַ שעהנע אונבאַקאַנטע פרוי איז גראָד געגאַנגען אַנטקעגען מיר. אַז מיר זיינען שוין געווען נאָהענט איינער לעבען אַנדערן, האָב איך זיך שטאַרק איינגעקוקט אין איהר, און אַז זי איז פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך זיך אומגעקעהרט און האָב איהר נאָכגעקוקט. קיינער איז הינטער מיר ניט געווען.

איך בין שוין ביים הויז. רוהיג בין איך אַרויף אויף די טרעפּ און האָב אַ קלונג געטאָן אויף אַ געווויסען אופן. מען האָט מיר באַלד געעפענט.

דאָס צימער איז געווען פול מיט מענשען. אויף אַ הילצערנעם טיש זיינען געשטאַנען פלעשלאַך ביער און צוויי טעלער: איינער מיט שינקען, דער אַנדערער מיט גערויכערטע פיש. איך בין גראָד צו דער צייט געקומען. די „ניהיליסטען“ פלעגען זיך זעלטען ערלויבען צו מאַכען אַזעלכע קליינע ימים־טובים'לאַך, וועלכע פלעגען זיין ניט מעהר ווי נאָר אָפּצורוהען זיך פון דער שרעקליכער נערווענער אָנשטרענגונג, אין וועלכער זיי זיינען געצוואונגען שטענדיג צו לעבען. דאָס מאָל איז דער יום־טוב געמאַכט געוואָרען צוליעב אָסינסקי'ס קומען. ער אַליין איז נאָך ניט געווען.

די גאַנצע חברה איז געווען זעהר פרעהלאַך אויפגעלעגט, און מען האָט מיר אויפגענומען אויפ'ן פריינדליכסטען אופן, כאָטש איך האָב אַליין איבערגעטראָטען מיין קאַראַנטין. איך האָב שטענדיג ליעב געהאַט די ימים־טובים'לאַך. ווי פרעהלאַך, ווי לעבעדיג, ווי מונטער פלעגט זיך יעדער פון אונז דאָרט פיהלען! אַלע זיינען דאָרט געווען „אונגעזעצליכע“, יעדער האָט געהאַט זיין פּעקעל „עבירות“ אויף זיך. אַ קינזשאַל און אַן אָנגעלאָדענער רעוואָלווער זיינען געווען ביי יעדען אויפ'ן גאַרטעל, און אין פאַל פון אַ פּלעצליכען אָנפאַל איז יעדער גרייט געווען זיך צו פאַרטיידיגען ביז אין לעצטען טראָפּען בלוט. זיי זיינען שוין אָבער אַזוי געוואוינט

געוואָרען צו לעבען אונטער דעם דאַמאָקלעס־שווערד *), אַז זיי האָבען שוין אויפגעהערט צו דענקען וועגען אַ געפאַהר, און דאַ האָט מען אַן אַלעס פאַרגעסען. מען האָט געלאַכט, וויצען האָבען זיך געשאָטען פון אומעטום, עס איז געווען לעבעדיג. גוטע ברידער האָבען זיך פאַרוויילט צוזעצט אין די ווינקעלאַך, אום אויסצוגיסען די הערצער איינער פאַר'ן אַנדערן. צייטענווייז האָט מען אויך געקענט זעהן די טראַדיציאָנעלע צערעמאָניע פון דער דייטשער „ברודערשאַפט". דאָס באַדערפעניש צו געבען דעם געפיהל זיין פרייען ווילען, אַ באַדערפעניש, וואָס איז אַזוי נאַטירליך צווישען מענשען, וועלכע זיינען דורך אַלגעמיינע באַשטרעבונגען, אידעען און געפאַהרען ענגער צוזאַמענגעבונדען, ווי דורך פאַרוואַנדשאַפטס־באַנדען, אַט דאָס באַדערפעניש פלעגט געבען אַט די זעלטענע פאַר־זאַמלונגען אַן אונגעוועהנליך פאַטישען און פרעהליכען כאַראַק־טער.

2.

איך האָב געפרעגט, וואו איז אָסינסקי. ער איז אַוועקגעגאַנגען צו אַ פריינד און האָט געדאַרפט באַלד צוריקקומען. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער ווירקליך געקומען.

ער איז אַריין אין צימער, האַלטענדיג אין דער האַנט, וועלכע איז געווען אַנגעטאָן אין אַן עלעגאַנטען שוואַרצען האַנדשוה, אַ

*) ד אַ מ אָ ק ל ע ס איז געווען דער ליעבלינג פון אַ געוויסען טיראַן ד ע נ י ס. דער לעצטער האָט איהם אַמאָל איינגעלאַדען אויף אַ יום־טוב, און האָט איהם געהייסען זיך זעצען אויף ז י י ן פּלאַץ, און די דינער האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלען איהם באַהאַנדלען, גלייך ווי ער וואָלט עס זיין אַליין. דאַמאָקלעס איז געווען איבערגליקליך; מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט, ווי איבער זיין קאָפּ הענגט אַ שווערער, זעהר שאַרפער שווערד, וועלכער האָט זיך אינגאַנצען געהאַלטען אויף אַ האָר פון אַ פערדישען צאָפּ. מיט דעם אויסדרוק „דער דאַמאָקלישער שווערד" מיינט מען אַן אונערוואַרטעטע געפאַהר, וועלכע קען טרעפען דעם מענשען אין מיטען פון זיין שיינענדען גליק.

פּאַרמענע פוראַזשקע (אַ היטעל), פאַר וועלכע מען האָט אין רוס־לאַנד גרוים דרך־ארץ.

איך בין צוגעגאַנגען, האָב איהם געדריקט די האַנט, און לאַנג האָב איך זי געהאַלטען אין מיינע, ניט זייענדיג אימשטאַנד אָפּ־צורייסען די אויגען פון איהם.

ער איז געווען שעהן ווי די ליכטיגע זון: שלאַנק, פּראָפּאָר־ציאָנעל, שטאַרק און ריהרעווידיג. זיין בלאָנדער קאָפּ, אָביסעל צוריקגעוואָרפען, האָט זיך געהאַלטען גראַציעז אויף׳ן עלעגאַנטען, נערוועזען האַלז. דער הויכער מאַרמאָר־שטערן מיט די דינע בלוי־ליכע אָדערן איז געווען עטוואָס צוזאַמענגעדריקט ביי די שלייפען. די נאָז, וועלכע איז געווען אַזוי רעגעלמעסיג, גלייך ווי דער סקולפּטאָר, דער שניצער, וואָלט זי געהאַט אויסגעשניצט מיט זיין שניידצאַהן, האָט זיין שעהנקייט געגעבען יענעם קלאַסישען כאַ־ראַקטער, וועלכען מיר זעהען זעלטען אין רוסלאַנד. פון די ניט־גרויסע העל־בלאָנדע וואָנציעס און פון׳ם בערדעלע האָט זיך אַרויס־געוויזען אַ שעהנער, אויסדרוקספולער מויל. און דאָס דאָזיגע שעהנע געזיכט איז געווען באַלויכטען מיט אַ פּאָר גרויסע הימעל־בלויע אויגען, פול פייער און יוגענד־ענטשלאָסענקייט.

אָסינסקי האָט אונז געבראַכט די פרישסטע נייעסען איבער אַלעס, וואָס האָט זיך געטאָן אין דרום־רוסלאַנד, וואָרים אויף׳ן וועג פון קיעוו אַהער האָט ער אוספּעיעט צו זיין דאָרט אין אַלע הויפּט־שטעדט און זעהן זיך מיט אַלע פאַרשטעהער פון די לאָקאַלע אָר־גאַניזאַציעס.

ער איז געווען ענטציקט פון די גרויסע פאָרטשריטען, וועלכע דער טעראָריזם האָט געמאַכט פאַר די לעצטע צייט, און זיין רייכע פאַנטאַזיע האָט איהם שוין געמאָלט פאַרשידענע ערפאָלגרייכע רע־זולטאַטען. איך האָב אפילו ניט געהאַלטען מיט זיין אָפּטימיזם, אָבער ווען ער האָט גערעדט איז געווען אונמעגליך זיך ניט צו אונטערוואַרפען דעם באַצויבערנדען איינפלוס פון זיין רעדע־קונסט. ער איז ניט געווען קיין אָראַטאָר אין׳ם געוועהנליכען זין פון וואָרט, נאָר דורך זיין טיפען גלויבען האָט זיין ריידען געהאַט אַ מעכטיגע

איבערצייגונגס־קראפט. ער אליין פלעגט ווערען אינגאנצען דורכ־דרונגען פון יענעם ענטוזיאזם, וועלכער געהט אויך אריבער צו די צוהערער. דער קלאנג פון זיין שטימע, דער אויסדרוק פון זיין געזיכט, אלעס האט מיטגעווירקט און מיטגעהאלפען. דורך זיינע רעדעס פלעגט ער פון געגנער מאכען אנהענגער, חברים; זיי פלעגען זיך אליין איינריידען, אז ער האט רעכט, אבי נאר צו האבען די מעגליכקייט צו זיין איינפארשטאנען מיט איהם.

הערענדיג איהם האב איך פארשטאנען, אז אלעס, וואס מען פלעגט דערצעהלען פון איהם, איז געווען אמת.

אויף מארגען איז אסינסקי געווען ביי מיר, און אין דריי אדער פיער טעג ארום בין איך וויטער אוועק אויף דער קאנספיראטיווער קווארטיר; איך האב שוין אבער אסינסקי'ן ניט געטראפען; ער איז מיט א טאג פריהער אוועקגעפאהרען קיין אדעס, און ער האט מיר איבערגעלאזט א געזעגען־צעטעלע.

אין פריהלינג 1879 איז ער אין קיעוו ארעסטירט געווארען און טאקע באלד נאכדעם, דעם 5טען מאי, איז ער שוין געשטאנען פאר'ן געריכט.

כאטש מען האט גארניט געקענט אויפווייזען געגען איהם קיין שום ערנסטעס, אויסער דעם וואס ביים ארעסטירען האט ער זיך צוגעריהרט צו זיין רעוואלווער און האט איהם אפילו ניט אוספעיעט ארויסנעהמען, פונדעסטוועגען איז ער פאראורטיילט געווארען צום טויט. די רעגירונג האט גוט פארשטאנען, אז זי האלט אין איהרע הענט איינעם פון די איינפלוסרייכסטע מיטגלידער פון דער טעראריסטישער פארטיי, און דאס איז געווען גאנץ גענוג פאר איהר, זי זאל פאדערן פון דעם געריכט אזא אורטייל.

אסינסקי האט דעם אורטייל אויסגעהערט רוהיג, האט זיך קיין קרים ניט געגעבען, ווי עס פאסט פאר אן אמת'ען קעמפער.

אין די אלע צעהן טעג, וועלכע האבען געדויערט צווישען דעם משפט און דער הינריכטונג, איז ער געבליבען רוהיג, זאגאר פרעה־ליך; ער האט זיך ניט פארלארען אויף קיין איינציגען אויגענ־בליק; ער האט נאך אויפגעמונטערט זיינע פריינד. אז זיין מור־

טער און שוועסטער זיינען געקומען זעהן זיך מיט איהם צום לעצ־טען מאָל, האָט ער זיי געזאָגט, אַז מען האָט דעם טויט־אורטייל געענדערט; נאָר דער שוועסטער, אַ מיידעל פון זעכצעהן יאָהר, האָט ער שטילערהייט געזאָגט, אַז מאָרגען וועט ער וואַרשיינליך שטאַרבען, און האָט זי געבעטען, זי זאָל צוגרייטען די מוטער צו דער שרעקליכער בשורה. אַ טאָג פאַר'ן טויט האָט ער אָנגעשריבען צו זיינע פריינד אַ לאַנגען בריעף, וועלכען מען קען אָנרופען זיין פּאָליטישע צוואה. ער רעדט אין איהם ווייניג פון זיך און פון זיינע געפיהלען. אפילו אַ מינוט פאַר'ן טויט איז ער געווען אין גאַנצען פאַרשלונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער זאַך, און אין בריעף רעדט ער נור פון דעם, ווי אַזוי מען זאָל ווייטער פיהרען דעם קאַמף און ווי אַזוי מען זאָל זיך אויסהיטען פון די אַלטע פעה־לערען.

דעם 14טען מאַי אין דער פריה האָט מען איהם מיט נאָך צוויי גענאָסען, אַ נ ט אָ נ אָ ו ו און ב ר אַ נ ט ע ר, אוועקגע־פיהרט צום עשאַפאָט. אויס פאַרעדעלטער גרויזאַמקייט האָט מען איהם אפילו ניט פאַרבונדען די אויגען, און ער איז געווען געצוואונ־גען צוצוזעהן די לעצטע טויטעס־קרעמפּפען פון זיינע פריינד אויף דער תליה, אויף וועלכע ער אַליין האָט געדאַרפט באַלד אַרויפגעהן. דאָס שרעקליכע בילד האָט געמאַכט אַזאַ מעכטיגען איינדרוק אויף זיין פיזישע נאַטור, איבער וועלכע דעם מענשען'ס ווילען איז מאַכטלאָז, אַז וואַלעריאַנ'ס קאָפּ איז אין פינף מינוט צייט וויים געוואָרען ווי שנעע. זיין גייסטעס־קראַפט איז אָבער געבליבען אונפאַרענדערט. די נידערטרעכטיגע זשאַנדאַרען זיינען אין דעם מאָמענט באַלד אונטערגעלאָפען צו איהם און האָבען איהם גע־פרעגט, אפשר וויל ער בעטען באַגנאַדיגונג. מיט אונווילען און עקעל האָט זיי וואַלעריאַן אָוועקגעטריבען. ער האָט זיך זאָגאַר ענטזאָגט פונ'ם תליונ'ס הילף, און איז אַליין מיט פעסטע טריט אַרויף אויף די טרעפּ פונ'ם עשאַפאָט. דער גלח איז צוגעגאַנגען צו איהם מיט'ן צלם. מיט אַן ענערגישער באַוועגונג האָט אָסינסקי געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז דעם הימלישען קעניג אַנערקענט ער

אויך אזוי וועניג ווי די ערדישע צאָרען. אויפ'ן באַפעהל פון דער נאַטשאַלסטוואָ האָט די מיליטער־מוזיק אָנגעהויבען שפּילען די „קאַמאַרינסקאַיאַ".

אין עטליכע סעקונדען אַרום איז שוין אָסינסקי ניט געווען מעהר.

.3

עס זיינען דאָ מענשען, וואָס באַזיצען די מאַכט צו רעגירען איבער געשעהענישען; דערצו דאַרף מען האָבען גאָר באַזונדערע אייגענשאַפטען. אָסינסקי איז געווען איינער פון זיי. קיין אָר־גאַניזאַטאָר איז ער ניט געווען; צו אַזאַ קליינליכער און גריבלענ־דער אַרבייט איז זיין טעמפּעראַמענט געווען צו היציג. אַלע זיינע קרעפטען זיינען שטענדיג געווען קאָנצענטרירט אין איין פּונקט, אין איין זאַך, וועלכע זיין רעוואָלוציאָנערער, כמעט פּעהלערלאָזער אינסטינקט פלעגט איהם באַווייזען. מיט יאָהרען פריהער פלעגט ער פאָראויסזאָגען די ריכטונגען, וועלכע די באַוועגונג וועט נעה־מען. אין יאָהר 1878, אַז דער טעראָריזם האָט זיך נאָר וואָס גע־האָט אָנגעהויבען, האָט שוין אָסינסקי געהאַלטען פון קייזער־מאָרד און האָט שוין דאַן געוואָלט איינפיהרען אין דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָגראַם אַ קלאָרע און באַשטימטע פאָדערונג פון פּאָליטישע רע־פאָרמען.

ער איז געווען אין פולען זינען פונ'ם וואָרט אַ מענש פון אַרבייט. כל־זמן די פּראָפּאַגאַנדיסטישע באַוועגונג האָט זיך גע־האַלטען, איז ער געשטאַנען אַן אַ זייט. אָבער פון ווינטער 1877, ווען אַנשטאָט ווערטער זיינען אַרויסגעטראָטען דער רעוואָלווער און דער קינזשאַל, איז ער צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, האָט זיך איהר איבערגעגעבען אין גאַנצען און האָט זיך געהאַלטען ביז'ן סוף. ער האָט פאַרמאָגט איינע פון די גרעסטע כחות, מיט וועלכע די נאַטור באַשענקט דעם מענשען, — דעם גלויבען; יענעם גלויבען, וועלכער, נאָכ'ן וואָנגעלישען אויסדרוק, מאַכט בערג ריהרען.

און אַט דערזעלבער גלויבען פלעגט פון איהם אויך אַריבער־געהן צו יעדען איינעם, ווער עס פלעגט זיך מיט איהם צונויפקו־

מען. דערפאַר איז ער, נאַטירליכערוויז, געווען די נשמה פון אַלע אונטערנעהמונגען, וואו ער האָט נאָר אַנטייל גענומען; און דורך זיין אונגעוועהנליכער ענערגיע איז אין דרום־רוסלאַנד כמעט קיין איין מעהר אָדער וועניגער ערנסטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ניט געווען, וואו ער האָט ניט גענומען קיין חלק. דאָרט, וואו אָסינסקי האָט זיך געפונען, איז קיינער ניט אָראָפּגעפאַלען ביי זיך, וואָרים ער פלעגט יעדען אויפמונטערן מיט זיין באַגייסטערטען, פעסטען גלויבען און מיט זיין אייגענעם ביישפּיל. ער פלעגט דער ערשטער געהן אין קאַמף און נעמען אויף זיך די געפעהרליכסטע אַרבייטען. זיין טאַפּפערקייט פלעגט דערגעהן ביז משוגעת.

אז ער איז נאָך געווען אַ קינד, עלף יאָהר אַלט, האָט ער דערהערט, אַז אַ באַנדע פון באַוואָוסטע רויבער זיינען באַפאַלען זייער שכנ'ס הויז; אין דער היים איז קיינער ניט געווען. ניט קלערענדיג קיין סך, האָט ער אָראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנט דעם פאָטער'ס ביקס און איז אַוועק העלפען דעם שכן. צום גליק האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס איז געווען אַ ליגען, און ער איז געקומען צוריק גאַנץ. פון דעם קען מען אָביסעל פאַרשטעהן דעם מוט פונ'ם צוקינפטיגען טעראָריסט. כדי צו האָבען אַ באַגריף פון זיין כאַראַקטער, דאַרף מען נאָך זאָגען, אַז דער אויבענדערמאָנטער שכן איז געווען אַ דם־שונא פון אָסינסקי'ס פאַמיליע.

איך וויל דאָ ברענגען נאָך אַ פאַקט, וועלכער איז אייגענטליך ניט אַזוי וויכטיג, אָבער זעהר כאַראַקטעריסטיש, אַלס איבערצייגונג ווי וועיט זיין ריידען האָט געווירקט. אָסינסקי איז געווען באַריהמט אַלס געלט־זאַמלער. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי האָט אַלע מאָל געדאַרפט האָבען געלט, איבערהויפּט ווען דער טעראָריזם איז אַריין אין אַ סיסטעם, האָט זי זיך גענויטיגט אין גרויסע סומען. אַט דאָ האָט קיינער ניט געקענט קאָנקורירען מיט וואַלעריאַן אָסינסקי. אומעטום האָט מען גערעדט וועגען זיינע העלדענטאַטען אין דעם פּונקט. מענשען, ביי וועלכע קיינער האָט ניט געקענט קיין גראָשען אַרויסרייסען; רייכע־קאַרגע, אָדער עפּעס אַ גייציגע דאַמע אָנגעשטאָפּט מיט געלט, פלעגען זיך גאַנץ לייכט

קענען אַרויסשטעלען, אַז זיי פיהלען אַזוי מיט מיט די רעוואָלוציאָ־נערען און ווי עס פלעגט נאָר קומען צום ביימעל, האָט זיך אַלעס געענדערט; · די בעסטע שנאָרערס האָבען ביי אַזעלכע ניט געקענט מעהר אַרויסרייסען, ווי צעהן אָדער צוואַנציג רובעל, און דאַן זיינען זיי העכסט צופרידען געווען. ווי אָבער וואַלעריאַן אָסינסקי איז געקומען, פלעגען דיזעלבע, טאַקע מיט אַ זיפץ, עפענען זייערע ביימעלאַך, אַרויסשלעפען פינף, צעהן טויזענד רובעל און אַמאָל נאָך מעהר און איבערגעבען דעם שעהנעם באַצויבערענדעען יונגען־מאַן, וועמעס אַרגומענטען זיינען געווען אַזוי איבערצייגענד, וועמעס אויסערע אויסזעהן איז געווען אַזוי אַנציהענד און די מאַניע־רען אַזוי עלעגאַנט.

ביי אָסינסקי'ן איז ניט געווען קיין שפור פון עטוואָס פעדאַנטי־שעס, וואָס מען טרעפט ביים מאָראַליסט אָדער ביים פרעדיגער. ער איז געווען אַ קריגער מיט אַ מוטיגען הארצען און מיט אַ מעכ־טיגער האַנט. ער האָט ליעב געהאַט די געפאַהר, ווייל דאָרט האָט ער זיך געפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים. דער קאַמף פלעגט איהם צוהיצען דורך זיין פיבערישע אויפרעגונג.

ער האָט ליעב געהאַט רוהם. ער האָט ליעב געהאַט פרויען, — און איז געווען געליעבט פון זיי.

פּעטער קראַפּאָטקין.

.1

נאָך ביז איצט רעכענט מען אין דער אויסלענדישער פּרעסע קראָפּאָטקינ׳ן פאַר׳ן הויפּטפיהרער פון דער רוסישער באַוועגונג. דאָס געוועהנליכע פּובליקום, וואָס שעפּט אַלע באַגריפען איבער אַ פאַרשווערונג פון די געוועהנליכע ביליגע ראָמאַנען, קען זיך גאָרניט פאָרשטעלען אַזאַ באַוועגונג אָהן אַן אונטערערדישען דיקטאַטאָר; און אַזוי ווי מען קען קיינעם ניט ביים נאָמען פון די, וואָס אַרבייטען אין רוסלאַנד, כאַפּט זיך דער עולם אָן אַן איינעם פון די עמיגראַנטען.

די רוסישע לעזער פאַרשטעהען עס גאַנץ גוט אַליין, עס איז גאָר איבעריג צו דערצעהלען, אַז דאָס אַלץ זיינען בבא־מעשיות, אַז קיינער פון די עמיגראַנטען איז ניט געווען און קען ניט זיין דער פיהרער פון דער רוסישער באַוועגונג.

די עמיגראַנטען קענען מעהר ניט טאָן פאַר רוסלאַנד, ווי שאַפען אַן אויסלענדישע ליטעראַטור. עס איז געווען א צייט, ווען זיי האָבען אָט די אויפגאַבע גלענצענד ערפילט. לאָמיר האָפען, אַז אויך אין דער צוקונפט וועלען זיי זיין אימשטאַנד צו צייגען זיך ניצליך אין דער דאָזיגער ריכטונג.

דעם פּלאַץ אָבער פון פּראַקטישע אָנפיהרער קענען זיי ניט פאַרטרעטען. אויסער אַנדערע הונדערטע שטערונגען, דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אַז פון די לענדער, וואו די שקלאַפישע היפּאָקריטסטווא און דער נידעריגער עגאָאיזם האָבען נאָך ניט פאַרמאַכט די טירען פאַר׳ן רוסישען פּאָליטישען אויסגעוויזענעם, דויערט די פּאָסט, ביז פּעטערבורג און צוריק, וועניגסטענס אַ וואָך.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אַ גענעראַל, זיצענדיג אין פּע־

טערבורג, ווייל אין דערזעלבער צייט קאָמאַנדעווען אין אַ מלחמה, וועלכע קומט פאַר אין טערקיי. וואָס וואָלט געזאָגט פון אַזאַ איי־נעם יעדער פאַרנינפטיגער מענש? היינט דאַרף מען ניט פאַר־געסען, אַז דער גענעראַל האָט אַ גרויסען פאַרצוג, וואָרים דער טע־לעגראַף שטעהט איהם צו דינסט, און דער רעוואָלוציאָנער מוז זיך צופרידענשטעלען מיט דער אונערטרעגליך לאַנגזאַמער פּאָסט; און די איז אויך ניט זיינע, נאָר דער רעגירונגס; ער ריזיקירט נאָך יעדעס מאָל; וואָרים דער בריעף קען אַריינפאַלען אין איהרע הענט, און דאַן, ווען ניט די גאַנצע זאַך, וועניגסטענס דער אַדרע־סאַט קען צוגרונד געהן.

נו, וואָס פאַר אינסטרוקציעס קען מען געבען ביי אַזעלכע באַ־דינגונגען? ווער קען עס האָבען אַזוי פיעל צוטרוי צו זיך אַליין? ווער וועט עס זיין אַזוי לייכטזיניג, אַז ער זאָל זיך ווענדען נאָך אַזעלכע אינסטרוקציעס?

פאַר'ן עמיגראַנט איז אויסלאַנד אַן אָרט פון אָפּרוהען, אַ וויי־טער אינזעל, וואוהין עס לאָזען זיך אוועק יענע, וועמעס שיפעל די רווישענדע כוואַליעס האָבען צובראָכען. ביז ער וועט עס וויי־טער ניט ברענגען אויף אַ לאַד, ביז ער וועט עס וויטער ניט קע־נען פיהרען צו זיינע אייגענע ברעגען, איז די פּראַקטישע אַרבייט פאַר איהם אונמעגליך. איהם בלייבט נאָר צו שטעהן מיט צונויפ־געלעגטע הענט אויפ'ן האַרץ, מיט טרויער אַנשטעלען זיינע בליקען ווייט, ווייט אַהין, צום לאַנד, וואו זיינע גענאָסען קעמפען און שטאַרבען, בעת ער, איינזאַם און טרויעריג, ווערט פאַרשטיקט אין זיין אונוויליגער אונטעטיגקייט, אַן אייביגער גאַסט אויף אַ מאַלצייט, וואו דאָס לעבען קאָכט אַרום, אָבער פאַר איהם פרעמד.

2.

קראָפּאָטקין איז איינער פון די עלטסטע עמיגראַנטען; ער האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד אין 1876 און האָט זיך שוין מעהר ניט צוריקגעקערט.

זיין אַנטיילנעמען אין די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרוזשאָ־

קעס, האט געלאזט שטארקע שפורען אין זייערע פראגראמען. אין אלגעמיין איז ער שטענדיג געווען איינער פון די העלסטע און באַ־דייטענדסטע פערזאנען אין אונזער פארטיי.

ער געהערט צו דער העכסטער רוסישער אריסטאקראטיע. די פירסטען קראפאטקין זיינען נאך פון די ווענינע, וואס שטאמען ארויס פון דער גלייכער ליניע פון די ר ו ר י ק א ו ו י ט ש ע ס *), און דערפאר פלעגט מען אינ'ם קרוזשאק פון די טשאיקאווצי'ס, וואו קראפאטקין איז געווען א מיטגליד, איהם אפט זאגען אין שפאס, אז ער האט מעהר רעכט אויפ'ן רוסישען טראן, ווי די איצטיגע ר א מ א נ א ו ו 'ס, וועלכע זיינען אייגענטליך עכטע דייטשען.

זיין ערציהונג האט קראפאטקין באקומען אין פאזשען־קאר־פוס, וואו מען נעמט נאר אויף קינדער פון דער הויף־אריסטאקרא־טיע. אין 1861 האט ער מיט אויסצייכנונג געענדיגט דעם קורס; די ליעבע צו דער וויסענשאפט האט איהם אבער ניט געלאזט בלייבען אין קייזערליכען הויף; ער איז אוועק אין סיביר מאכען געאלאגישע אונטערזוכונגען. דארט איז ער פארבליבען עטליכע יאהר, האט אנטייל גענומען אין פארשידענע וויסענשאפטליכע עקס־פעדיציעס און האט זיך ערווארבען א מאסע קענטעגישען, וועלכע ער האט אויך באנוצט, ווען ער האט געארבייט אינאיינעם מיט עליזע רעקליו. ער איז אויך געווען אין כינא. ווען ער איז צוריקגעקומען אין פעטערבורג, האט מען איהם אויסער־וועהלט פאר א מיטגליד און דערנאך פאר'ן סעקרעטער פון דער געאגראפישער געזעלשאפט. ער האט אנגעשריבען עטליכע ווערק, וועלכע די וויסענשאפטסלייט האבען זעהר הויך געשעצט, און ענדליך האט ער אנגעהויבען א גרויס ווערק איבער די פינלענדי־שע גלעטשער (אייזקעללער), וואס די געאגראפישע געזעלשאפט האט אויסגעווירקט מען זאל איהם ערלויבען צו ענדיגען אין דער

*) ריוריק איז געווען דער ערשטער פירסט, וועלכער האט גע־הערשט אין רוסלאנד.

פעסטונג. אין גאַנצען פּטור ווערען פונ׳ם הויף האָט ער ניט גע־קענט, און ער האָט געמוזט איינטרעטען אַלס קאַמער־פּאַזש פון דער קייזערין און האָט באַקומען עטליכע אָרדענס.

אין 1871, אָדער אין אָנפאַנג פון 1872, איז קראָפּאָטקין אַוועק־געפאָהרען אין אויסלאַנד. ער האָט באַזוכט בעלגיען און די שווייץ, וואו דער „אינטערנאַציאָנאַל" איז דאַן געווען אויף דער העכסטער שטופע פון זיין מאַכט. ראַדיקאַל געזאָגען איז ער שטענדיג גע־ווען, דאָ אָבער האָבען זיך זיינע אַנשויאונגען אין גאַנצען פאָרמו־לירט. ער איז צוגעשטאַנען צום אינטערנאַציאָנאַל, האָט אָנגענו־מען די אידעען פון דער אַנאַרכיסטישער פראַקציע און איז אויף שטענדיג פאַרבליבען זייער הייסער פאַרטיידיגער.

אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך באַקענט מיט דעם קרוי־זשאָק פון די טשאַיקאָווצי׳ס, וועלכע זיינען געווען דורכדרונגען מיט דיזעלבע אידעען. אין 1872 איז ער איינשטימיג אויפגענומען געוואָרען פאַר אַ מיטגליד. ער האָט געדאַרפט אויסאַרבייטען אַ פּראָגראַם פאַר דער פּאַרטיי און דעם פּלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע. שפּעטער האָט מען צווישען אַלע זיינע פּאַפּירען אויך ד י דאָקומענ־טען געפונען. אין זעלבען יאָהר, ווינטער, האָט ער אָנגעהויבען, אין געהיים נאַטירליך, צו האַלטען פאָרטרעגע וועגען דער געשיכטע פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכע ער האָט ענטוויקעלט די פּרינ־ציפּען פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם, געגרינדעט אויף די פאָלק־באַוועגונגען פון דער נייעסטער צייט. אַט די פאָרטרעגע האָבען ענטהאַלטען אין זיך ערנסטע געדאַנקען, און אין דערזעל־בער צייט זיינען זיי געווען זעהר קלאָר און איינפאַך. די אַרבייטער פונ׳ם אַלעקסאַנדראָ־נעוו׳שען דיסטריקט האָבען זיי געהערט מיט גרויסען אינטערעס. באַלד האָט מען אויך אין אַנדערע ווערקשטעט־לען אָנגעהויבען ריידען פון די רעפעראַטען, און גאָר אין גיכען האָט די פּאָליציי אויך דערשמעקט פון זיי. זי האָט באַשלאָסען אונבאַדינגט אויפצוזוכען דעם באַרימטען ב אָ ר אָ ד י ן (אונטער דעם נאָמען האָבען די אַרבייטער געקענט קראָפּאָטקינ׳ען), אָבער לאַנג איז עס איהר ניט געלונגען. די רעפעראַטען האָבען אויפגע־

הערט, און קראָפּאָטקין פלעגט שוין מעהר ניט קומען אויף זיין וואוינונג, ווארים דאָרט זיינען געשטאַנען שפּיאָנען. ער האָט זיך פּאַרטיג געמאַכט צו געהן „אין פאָלק“, אַלס אַן ארומרייזענדער מאָלער פון הייליגע בילדער.

ענדליך האָט זיך די זשאַנדאַרען איינגעגעבען אונטערצוקויפען איינעם פון די ארבייטער, וועלכער האָט זיך אַנגעהויבען ארומדרעהען גאַנצענע טעג איבער די גאַסען פון פּעטערבורג, טאָמער וועט ער ערגעץ טרעפען באָראָדינ׳ען. עטליכע מאָנאַט האָט עס געדויערט, ביז ער האָט דאָך קראָפּאָטקינ׳ן באַגעגענט אינ׳ם גאָסטיני דוואָר, און האָט אָנגעוויזען דער פּאָליציי אויף איהם. אין אַנהויב האָט קראָפּאָטקין ניט געזאָגט זיין אמת׳ען נאָמען; לאַנג האָט ער אָבער איהם ניט געקענט באַהאַלטען, ווארים מיט עטליכע טעג שפּעטער איז די בעל־הבית׳טע פון הויז, וואו קראָפּאָטקין האָט געהאַט א צימער, געקומען אין דער פּאָליציי און האָט געמעלדעט, אז איינער פון איהרע איינוואוינער, פירסט פּעטער קראָפּאָטקין, איז פאַרשוואונדען געוואָרען אין אַזאַ און אַזאַ טאָג. אז מען האָט איהר געוויזען באָראָדינ׳ן, האָט זי איהם באַלד דערקענט, און קראָפּאָטקין האָט עס געמוזט מודה זיין.

אין קייזערליכען הויף איז געווען א שרעקליכע איבערקערעניש, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אז אַזאַ וויכטיגע פּערזענליכקייט איז אַרעסטירט געוואָרען. דער קייזער אַליין האָט עס לאַנג ניט געקענט פאַרגעסען, און אז ער איז אין א יאָהר אָדער צוויי ארום דורכגעפאָהרען כאַרקאָוו, וואו פּעטער׳ס שוועסטערקינד אַ ל ע ק ס ע י ק ר אָ פּ אָ ט ק י ן (גע׳הרג׳עט אין 1879) איז געווען גובערנאַטאָר, איז ער זיך מיט איהם זעהר קאַלט באַגאַנגען, און ענדליך האָט ער איהם גראָב געפרעגט, צי עס איז אמת, אז פּעטער איז זיין קרוב?

דריי לאַנגע יאָהר איז קראָפּאָטקין אָפּגעזעסען אין די קאַזעמאַטען פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקי פעסטונג. אין אָנפאַנג פון 1876, נאָך דעם באַפעהל פונ׳ם דאָקטאָר, האָט מען איהם אריבערגעפיהרט אין ניקאָלאַיעווסקי האָספּיטאַל, ווייל דער אַסטראָג האָט אַזוי צו־

בראַכען זיין געזונד, אַז ער האָט ניט געקענט ניט עסען, ניט טרינ־קען, ניט ריהרען זיך. דאָך האָט ער זיך אין אַ פּאָר חדשים גוט ערהאָלט. ער האָט אָבער געמאַכט, אַז קיינער זאָל עס ניט באַ־מערקען. ער פלעגט קוים ריהרען מיט די פיס, ריידען מיט אַזאַ שטימע, אַז מען האָט געקענט מיינען, אַז אַט, אַט שטאַרבט ער. געטאָן האָט ער עס דערפאַר, ווייל פריינד האָבען איהם איבער־געגעבען אַ בריעף, פון וועלכען ער האָט ערפאַרען, אַז עס אַרבייט זיך אויס אַ פּלאַן, ער זאָל קענען אנטלויפען; אין האָספּיטאַל קוקט מען אַ סך ווייניגער נאָך ווי אין דער פעסטונג, און דערפאַר איז עס פאַר איהם געווען וויכטיג צו בלייבען דאָ וואָס לענגער.

אין יולי 1876 איז אהם געלונגען צו אנטלויפען, נאָכ'ן פּלאַן, וועלכען ער אַליין האָט אויסגעאַרבייט. וועגען דער דאָזיגער אונ־טערנעמונג, אין וועלכער עס איז אַזוי מערקווירדיג פאַראייניגט די פיינסטע בארעכענונג מיט אַן אונגעוועהנליכען קוראַזש, וועל איך דערצעהלען אין איינעם פון די קומענדע קאַפּיטלען.

3.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז שוין קראָפּאָטקין געווען אין אויסלאַנד.

אָט דאָ הויבט זיך ערשט אָן זיין ווירקליכע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. מיט דער רוסישער באַוועגונג האָט זי גאָרניט צו טאָן; זי איז אינגאַנצען אָפּגעגעבען דעם מערב־אייראָפּעאישען סאָציאַליזם. נאָר דאָ קען מען אַרויסזעהן זיינע מערקווירדיגע פּאָליטישע פעהיגקייטען. קראָפּאָטקין איז ווי געבאָרען פאַר גרויסער אַרבייט; ער דאַרף האָבען אַ גרויס פעלד; די אונטערער־דישע ספערען פון די געהיימע געזעלשאַפטען זיינען ניט פאַר איהם געשאַפען. ער קען זיך ניט ריכטען נאָך די באַדינגונגען פון דער צייט און נאָך די פאָדערונגען פונ'ם פראַקטישען לעבען, וועלכע זיינען אַזוי נויטווענדיג פאַר דעם פאַרשווערער. ער זוכט דעם אמת; ער איז אַ גייסטיגער פיהרער, אַן אינטעלעקטועלער וועג־ווייזער, אָבער ניט קיין מענש פון קליינליכער אַרבייט. זיין גאַנצע

באשטרעבונג — איז דער טריאומף פון געוויסע אידעען; דאס, אבער ניט דאס דערגרייכען פונ'ם פראקטישען ציעל, איז פאר איהם דאס וויכטיגסטע. אין זיינע איבערצייגונגען איז ער פעסט, אונאיבעררעדבאר, לאזט זיך ניט בייגען.

ער איז אן אנארכיסט, און דערלאזט ניט די קלענסטע אפווייכונג פון דעם אולטרא־אנארכיסטישען פראגראם; דערפאר האט ער קיינמאל ניט געקענט מיטארבייטען ניט אין די רוסישע רעוואלוציאנערע זשורנאלען, וועלכע האבען זיך ארויסגעגעבען אין די רוסישע געהיימע דרוקערייען, ניט אין די, וועלכע זיינען ערשינען אין אויסלאנד. יעדעס מאל האט זיך אפגעזוכט א פונקט, מיט וועלכען ער האט ניט געקענט זיין איינפערשטאנען. אזעלכע מענשען, ביי וועלכע די טעאריע וועגט כמעט אלעס אריבער, ווערען זעהר זעלטען אנפיהרער פון פארטייען, וועמעס טעטיגקייט איז געגרינדעט אויף א פארשווערונג; און אין א פארשווערונג מוזען זיך אלע מיטגלידער פון דער רעוואלוציאנערער פארטיי האלטען שטארק צוזאמען, ניט קוקען אויף די פארשידענקייטען פון די מיינונגען. מענשען זיינען פאראן וועניג, און דערפאר דארף מען פערשטעהן, ווי אזוי ארויסצוציהען פון זיי, וואס מען קען נאר; דער באדען פון טעטיגקייט איז באגרענעצט, און מען דארף עס קענען אויסנוצען. און א גוטער פארטיזאן, א פארשטענדיגער פארטיי־אנהענגער דארף גוט פארשטעהן, ווי אזוי אויסצונוצען די מענשען און די מאמענטאנע אומשטענדען. קראפאטקין אבער דארף האבען אן אמת'ע מלחמה, א גרויסע, און ניט קיין קליינע, ניט קיין פארטייאישע. ער איז איינער פון די מענשען, וועלכע ווערען, ביי גינסטיגע געלעגענהייטען, גרינדער פון גראנדיעזע באוועגונגען.

ער איז א מערקווירדיגער אגיטאטאר. די נאטור האט איהם באשאנקען מיט א פייערדיגער, איבערצייגענדער שפראך; ער ווערט די ליידענשאפט אליין, ווי ער געהט נאר ארויף אויף דער פלאטפארמע. אזוי ווי אלע אמת'ע אראטארס, ווערט ער אויפגערעגט, ווען ער דערזעהט נאר די מאסע, וועלכע קומט איהם הערען. דא ווערט ער גאר אן אנדער מענש. ער ציטערט פון

אויפרעגונג; זיין שטימע קלינגט מיט דעם קלאַנג פון אַן אויפ־ריכטיגען, טיעף־איבערצייגטען מענשען; זיין גאַנצע נשמה לעגט ער אריין אין דעם, וואָס ער רעדט. זיינע רעדעס מאַכען אַ גרויסען איינדרוק, דורך דער קראַפט פון זיין באַגייסטערונג, וועלכע ווערט אויך איבערגעגעבען צו די אַנדערע און עלעקטריזירט די צוהערער. ווען דער בלייכער און אויפגערעגטער קראַפּאָטקין געהט אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע, דונערט דער גאַנצער זאַל פון אַפּלאָדיסמענטען.

ער איז אַ גלענצענדער דעבאַטאַנט, און אין דעם פּרט איז זעהר שווער צו מעסטען זיך מיט איהם. ער קען גוט די געשיכטע, הויפּטזעכליך דעם טייל פון די פאָלקס־באַוועגונגען, און קען זעהר קינסטליך באַנוצען אַט די גרויסע קענטעניש צו פאַרשטאַרקען זיינע מיינונגען מיט אָריגינעלע און אונערוואַרטעטע ביישפּילען און פאַרגלייכונגען, וואָס העלפט זעהר פיעל צו דער איבערצייגונגס־קראַפט און קלאָרקייט פון זיינע אַרגומענטען.

ער האָט אָנגעשריבען אַ סך וויסענשאַפטליכע ווערק, עטליכע ווערק איבער די סאָציאַלע פראַגע און מעהרערע צייטליכע בראָשורען. ער איז אַ פאַרטרעפליכער פּובליציסט, אַ היציגער, אַ וויציגער, אַ שטרייטער. אפילו אין זיינע ווערק זעהט זיך ארויס דער אַגיטאַטאָר.

קראָפּאָטקין איז איינער פון די אויפריכטיגסטע און אָפּענהערציגסטע מענשען, וועלכע איך האָב אין מיין לעבען געזעהן. ער זאָגט שטענדיג דעם אמת אין די אויגען, נאַטירליך, מיט דער גאַנצער צערטליכקייט פון אַ גוטען, ווייכען מענשען; אָבער די איינענליעבע פון דעם צוהערער געהט איהם גאָרניט אָן. ער איז די אָפּענהערציגקייט אַליין; דאָס איז דער אויפפאַלענדסטער און סימפּאַטישסטער צוג אין זיין כאַראַקטער. איהר מעגט זיך פאַרלאָזען אויף יעדען וואָרט, וואָס געהט ארויס פון זיין מויל. זיין אויפריכטיגקייט דערגעהט אַזוי ווייט, אַז ווען אין דער צייט פון אַ דעבאַטע פאַלט איהם איין גאָר אַ נייע קאָמבינאַציע, איבער וועלכע ער דאַרף נאָכדענקען, בלייבט ער שטיל, פאַרקלערט זיך אויף

אַ מינוט, דערנאָך הויבט ער אָן הויך צו דענקען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך שטעלען אויפ׳ן געגנערס פּלאַץ. און אַנדערס מאָל טהוט ער דאָסזעלבע אין געדאַנק, באַרעכענט אַלע אַרגומענטען און ווענדט זיך ענדליך צום דערשטוינטען געגנער מיט אַ שמייכעל: „יאַ, איהר האָט רעכט!“

דמיטרי ליזאָגוב

.1

אין דעצעמבער 1876 איז מיר אויסגעקומען בייצעוואוינען אַ סטודענטען־פאַרזאַמלונג.

אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען ניט קיין סך מענשען און זי איז געווען ניט לעבהאַפט. מען האָט דעבאַטירט איבער'ן פּראָיעקט צו פאַראייניגען אַלע קרוזשאָקעס, וועלכע האָבען עק־זיסטירט צווישען דער יוגענד, אין אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע. עס איז געווען אַן אונמעגליכע זאַך, ווייל יעדער קרוזשאָק האָט זיך געהאַט זיינע אַנשויאונגען, און דעם פּראָיעקט האָט מען געמעגט רעכענען פון אַנהויב אַן פאַר טויט־געבאָרען. אפילו די איניציאַ־טאָרם אליין, ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָבען עס פאַרשטאַנען, און דערפאַר זיינען די דעבאַטען געווען אַזוי אַפּגעלאָזט, אַזוי לאַנג־ווייליג.

צווישען די אַנוועזענדע איז אָבער געווען איינער, וועמען עס פלעגט געלינגען צו באַלעבען די שלעפעריגע פאַרזאַמלונג. יעדעס מאָל, ווען דער איינער פלעגט מאַכען אַ באַמערקונג, וועלכע איז שטענדיג געווען טרעפענד און אַביסעל שפּאַסהאַפט, פלעגען איהם אַלע אויפמערקזאַם צוהערען. דאָס איז געווען אַ הויכגעוואוקסינער, בלייכער און מאָגערער בלאָנדער מאַן. דורך זיין לאַנגער באָרד האָט ער אויסגעזעהן ווי אַן אַפּאָסטעל. ער איז ניט געווען שעהן, נאָר דער אויסדרוק פון זיינע גוטע הימעל־בלויע אויגען, וועלכע זיינען געווען פאַרדעקט מיט לאַנגע ברעמען, זיין קינדליכער שמייכעל — זיינען געווען אַזוי אַנגענעהם, אַזוי פיין, אַזוי צאַרט. זיין גלייכע, לאַנגזאַמע, געצויגענע שטימע איז געווען אַזוי אַנגענעהם, האָט אַזוי געגלעט דאָס אויער, אַזוי ווי מינאָרנע סימפּאַטישע נאָטען פון אַ ליעד, וועלכע דרינגען אריין אין דער זעעלע.

אנגעטאָן איז ער געווען זעהר אָרם. כאָטש עס איז דאַן געווען אַן עכט־רוסישער ווינטער, האָט ער נאָר געהאַט אויף זיך אַ פּאַ־רוסינעם רעקעל מיט גרויסע הילצערנע קנעפּ; אַ מין בגד, וועלכער איז פון אַפּט וואַשען געוואָרען אַ שמאַטע. אַן אַלטע שוואַרצע וועסט האָט פאַרדעקט זיין ברוסט ביז דעם האַלז; און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך אויפהויבען צו זאָגען זיינע פּאָר ווערטער, האָט מען געקענט באַמערקען, אַז זיינע הויזען זיינען צו ליכטיג פאַר דעם סעזאָן.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיגט; מען האָט אָנגעהויבען זיך פונאַנדערגעהן צו דריי — פיער, ווי מען טהוט עס געוועהנליך אין רוסלאַנד אין אַזעלכע פעלע, אויס פאָרזיכטיגקייט; מיר און מיין פריינד איז גראַד אויסגעקומען אַרויסגעהן אין איין צייט מיט דעם אונבאַקאַנטען. דאַן האָב איך באַמערקט, אַז זיין גאַנצער אויבערשטער אָנצוג באַשטעהט פון אַ לייכטען פּאַלטאָ, אַן אַלטען רויטען שאַרף און אַ לעדערן היטעל. אפילו קיין פּלעד, וועלכען די „ניהיליסטען" טראָגען געוועהנליך, האָט ער אויך ניט געהאַט, כאָטש עס איז געווען אַ צוואַנציג־גראַדיגער פראָסט. ער האָט זיך געזעגענט מיט מיין פריינד, מיט וועלכען ער איז געווען אביסעל באַקאַנט, און האָט זיך געלאָזט גיך געהן, כמעט לויפען, וואַרשיינ־ליך כדי זיך צו דערוואַרימען דורך דעם. באַלד איז ער פאַר־שוואונדען.

— ווער איז דאָס? — האָב איך געפרעגט מיין פריינד.

— ד מ י ט ר י ל י ז אָ ג ו ב , — האָט ער מיר געענטפערט.

— ליזאָגוב? דער טשערניגאָוו'ער?

— יאָ, דער טשערניגאָוו'ער.

ניט־ווילענדיג האָב איך נאָך אַמאָל געמוזט אַ קוק טאָן אין יענער זייט, וואו אָט דער מענש איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

דמיטרי ליזאָגוב איז געווען אַ מיליאָנער, אַ באַזיצער פון אַ גרויסער אימעניע מיט געביידען, לאַנד און וועלדער אין איינער פון די בעסטע רוסישע גובערניעס. ניט קוקענדיג דערויף, האָט

ער געלעבט אָרימער פון זיינע פּריקאַשטשיקעס, ווייל אַלעס, וואָס ער האָט געהאַט, פלעגט ער אָפּגעבען פאַר דער רעוואָלוציאָן.

.2

אין אַ יאָהר צוויי אַרום האָבען מיר זיך ווייטער באַגעגענט אין פּעטערבורג, שוין אַלס מיטגלידער פון איין אָרגאַניזאַציע, וואו מענשען געהען זיך צוזאַמען און דערקענען איינער דעם אַנדערן אַזוי גוט, ווי זיי וואָלטען זיין גלידער פון איין פאַמיליע.

זאָגען, אַז ליזאָגוב איז דער ריינסטער מענש, וועלכען איך האָב אין מיין לעבען געזעהן, איז צו ווייניג. איך קען אָהן גוזמא זאָגען, אַז אין דער גאַנצער פּאַרטיי איז ניט געווען און עס האָט ניט געקענט זיין קיינער, וועמער עס זאָל זיך קענען מיט איהם פאַר־מעסטען אין דער פאָלקאָם־אידעאַלער מאָראַלישער שעהנקייט.

דאָס אָפּזאָגען זיך פון׳ם גרויסען פאַרמעגען פאַר די רעוואָלו־ציאָנערע זאַך איז נאָך ניט די גרעסטע טאַט זיינע. אַ סך פון די רעוואָלוציאָנערען האָבען אָפּגעגעבען אויף דעם זייער פאַרמע־גען, אָבער נאָך אַ דמיטרי ליזאָגוב איז צווישען זיי ניט געווען. זיין אויסערעס אויסזעהן איז געווען אַזוי רוהיג, אַזוי קלאָר, ווי דער אונפאַרוואָלקענטער הימעל; און אינעווייניג איז געווען אַ נשמה, פול פייער און ענטוזיאַזם. זיינע איבערציינונגען זיינען ביי איהם געווען אַ רעליגיאָן, וועלכער ער האָט אונטערגעוואָרפען ניט נאָר דאָס לעבען, נאָר, וואָס עס איז פיעל שווערער — יעדען איינצעלנעם געדאַנק זיינעם; ער האָט וועגען קיין אַנדער זאַך ניט געדענקט, ווי נאָר צו דינען דער רעוואָלוציאָן. קיין פאַמיליע האָט ער ניט געהאַט. קיין מאָל אין לעבען האָט ער ניט געליעבט קיין פרוי. זיין שפּאַרזאַמקייט פלעגט אַזוי וויים דערגעהן, אַז זיינע פריינד פלעגען מוזען זאָרגען, ער זאָל ניט קראַנק ווערען. אויף אַלע באַמערקונגען וועגען דעם, פלעגט ער געוועהנליך ענט־פערן, גלייך ווי ער וואָלט געפיהלט זיין פריהצייטיגען טויט: „איך האָב סיי־ווי ניט לאַנג צו לעבען!"

און ער האָט קיין טעות ניט געהאַט.

זיין ענטשלאָסענהייט ניט אויסצוגעבען קיין גראשען פונ'ם געלט, וואָס קען טויגען פאַר דער באַוועגונג, איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך קיין מאָל ניט ערלויבט צו פאָהרען, ניט נאָר אין אַ וואַגען, נאָר אפילו ניט אויף אַ טראַמוואַי. אַ מאָל האָט ער אונז געוויזען צוויי שטיקער פון זיין פאַראַד־אַנצוג — אַ צילינדער־הוט, וועלכער לעגט זיך צונויף, און האַנדשוה. ער האָט זיי שוין לאַנג געקויפט, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו מאַכען אַ וויזיט דעם טשערניגאָווער גובערנאַטאָר. די האַנדשוה זיינען געווען פון אַ פיינעם אַש־קאָליר, און האָבען אויסגעזעהן שפּאָגעל־ניי. ער האָט זיי שוין געהאַט איבער דריי יאָהר. מיט אַ שמייכעל האָט ער אונז דערצעהלט, ווי אַזוי ער היט זיי אָפּ: ער פלעגט זיי אַנטאָן ערשט ביי דער שוועל פון די עמפּפאַנגס־סאַלאָנען און קאַבינעטען, וואוהין ער פלעגט זעהר זעלטען קומען. מיט'ן צילינדער איז איהם שוין אַביסעל שווערער געווען, וואָרים שוין מיט אַ יאָהר צוריק האָט זיך די פרוזשינע צובראָכען, און ער האָט זי אַלץ ניט געקענט געבען פאַרריכטען; ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס דאַרף קאָסטען צוואַנציג קאָפּיקעס, האָט ער אַלע מאָל געפונען פאַר זיי אַ בעסערן פּלאַץ. דאָך דאַרט, וואו ער פלעגט דאַרפען, פלעגט ער אַנדערש ניט קומען, ווי מיט'ן הוט אונטער'ן אָרעם; אין קעשענע איז שטענדיג געלעגען דאָס לעדערנע היטעל, וואָס ער האָט געטראָגען זומער און ווינטער. נאָכ'ן וויזיט, פלעגט ער מאַכען עטליכע טריט אויף דער גאַס מיט אַ נאַקעטען קאָפּ, פאַרגלעטענ־דיג, פער פאַרם, די האָר, און דערנאָך, שוין אַביסעלע ווייטער, פלעגט ער אַרויסשלעפּען דאָס באַרימטע לעדערנע היטעל.

און אָט דאָסזעלבע געלט, וואָס ליזאָגוב האָט אַזוי שטאַרק געהיט, איז געווען זיין ערגסטער שונא, אַ קוואַל פון אומענדליכע מאַטערניש, אַן אייביגע קללה, וואָס איז איהם נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. איבער דעמזעלבען געלט איז ער געווען געצוואונגען צו זיצען לעדיג, ניט נעמען קיין אַנטייל אין דער באַוועגונג. זיינע קרובים האָבען איהם גע'מסר'ט, אַז ער געהערט צו דער רעוואָלו־ציאָנערער פּאַרטיי; זיי האָבען גערעכענט, אַז קוים וועט מען

איהם פאַראורטיילען, וועלען זיי באַקומען דאָס גרויסע פאַרמעגען. דערפאַר האָט ער גאַרניט געקענט טאָן. ווען ער מאַכט נאָר איין שריט ווערט די אימעניע קאָנפיסקירט, און די פאַרטיי וואָלט פאַרלאָרען אַזאַ וויכטיגע שטיצע. דאָס רייכטום איז געווען פאַר איהם, ווי אַ קויל, וועלכע איז צוגעבונדען צום פוס פונ׳ם קאַטאָרזשניק און לאָזט איהם ניט פריי געהן.

שרעקליך, אונערטרעגליך איז געווען פאַר ליזאָגוב׳ן זיין לאַגע. אַ מענש, וועלכער האָט פאַרמאָגט דעם מוט פון אַ קעמפער און אין דערזעלבער צייט דעם פייערדיגען ענטוזיאַזם פון אַ נביא, — אַזאַ מענש האָט געמוזט זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענט און זיין אַן אונאַנטייל־נעמענדער צושויער פונ׳ם קאַמף און פון דער מאַרטירעריי פון זיינע בעסטע פריינד. ער האָט אָבער אָט די אונטעטיגקייט געמאַכט פאַר אַ קוואַל פון טיפע, מאָראַלישע ליידען פאַר זיך. דאָס אָפּזאָגען זיך פונ׳ם רייכטום, דאָס לעבען, פול מיט צרות, דאָס אַלעס האָט איהם אויסגעזעהן אַזוי נאַטירליך, אַזוי איינפאַך, אַז עס האָט פאַר איהם ניט געהאַט דעם ווערט צו ריידען וועגען דעם. ער האָט זיך ניט געשוינט, און האָט געקוקט אויף זיין גאַרניט טאָן, ווי אויף עטוואָס שרעקליכעם שענדליכעם; ער האָט קיינע ערקלערונגען ניט געוואָלט הערען, ווי דער גרויזאַמער ריכטער, וועלכער זעהט נאָר פאַר זיך דעם פאַקט פונ׳ם פאַרברעכען.

און אָט דער מענש, וועלכער האָט מיט׳ן פרייז פון אַזאַ גרויסען אָפּפער אויסגעהאַלטען גאַנצע אַנדערהאַלבען יאָהר כמעט די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; דער מענש, וועמעס מאָראַלישע אייגענשאַפטען האָבען איינגעפלעסט צו איהם אַן אונבאַגרענעצטע אַכטונג פון אַלע, וואָס האָבען איהם געקענט; דער מענש, וועמעס איין אַנוועזענהייט נאָר אין די רייהען פון דער פאַרטיי האָט פאַרגרעסערט איהר קראַפט און אויטאָריטעט, — דער מענש האָט זיך אַליין גערעכענט פאַר׳ן לעצטען פון די לעצטע.

פון דאַנען שטאַמט אויך אַרויס דער טיפער טרויער, וועלכער האָט איהם קיינמאָל ניט פאַרלאָזט, און וועלכער האָט זיך געהערט

אין יעדען ווארט. און דעם שווערען, אונערטרעגליך שווערען קרייץ האט ער געדולדיג געטראגען זיין גאנצעם לעבען.

דאס איז געוועזן א טיעף־אונגליקליכער מענש.

אין פריהלינג 1878 איז ער ארעסטירט געווארען אין אדעס; זיין אייגענער פארוואלטער, ד ר י ג א, האט איהם גע'מסר'ט. ער איז געוועזן פריהער זיין פריינד און אנפארטרויטער, דערנאך האט ער זיך פארקויפט צו דער רעגירונג, ווייל זי האט איהם צו־געזאגט צו געבען דעם רעשט פון ליזאגוב'ס פארמעגען — קרוב צו פערציג טויזענד רובעל.

כאטש ליזאגוב'ס ארעסט איז געוועזן אינ'ם פייער פונ'ם ז ו ו י י־ס ע ן טעראר, און דערצו נאך אין אדעס, וואו מען האט איהם גע־דארפט משפט'ן, האט געבושעוועט דער העלד פון סעוואסטאפאל און פלעוונא, דער באוואוסטער כאבארניק גראף ט א ט ל ע ב ע ן, — דאך האט קיינער ניט ערווארטעט פאר ליזאגוב'ן א גרויזאמען אורטייל. פארשיקען, אדער העכסטענס עטליכע יאהר קאטארגע, — דאס איז אלעס, אויף וואס מען האט איהם געקענט פאראורטיילען. דאס געריכט האט גארניט געקענט אויפווייזען געגען איהם, אויסער נאר, וואס ער האט פארשוועגדט דעם גרעסטען טייל פון זיין פאר־מעגען און האט ניט געגעבען קיין ערקלערונג, וואוהין ער האט דאס געלט אהין געטאן. דריגא האט אבער אנגעוויזען דעם פלאץ, און די פארשטעהער פון דער רוסישער יוסטיץ האבען מעהר ניט גע־צווייפעלט.

אלע זיינען ערשטוינט געווארען, ווען מען האט דערהערט, אז ער איז פאר'משפט געווארען צום טויט. ער אליין, דערצעהלט מען, האט איינפאך מויל און אויערען אויפגעעפענט פאר גרויס וואונדער.

מען האט איהם פארגעלעגט, אז ער קען זיך ראטעווען דאס לעבען, ווען ער וועט בעטען באגנאדיגונג. מיט פאראכטונג האט ער זיך ענטזאגט. דעם 8טען אויגוסט 1879 האט מען איהם אוועק־געפיהרט אויפ'ן עשאפאט, צוזאמען מיט צוויי קאמעראדען ט ש ו ־ב א ר א ו ו און ד א ו ו י ד ע נ ק א.

די, וואָס האָבען איהם געזעהן ביים אריבערפאָהרען פון געפענגניס צום עשאַפאָט, דערצעהלען, אַז ער איז ניט נור געווען זעהר רוהיג דעם גאַנצען וועג, נאָר אַ זאַנפטער, מילדער שמייכעל האָט געשפּילט ביי איהם אויפ'ן פּנים, ווען ער האָט זיך געווענדט צו די פריינד מיט אויפמונטערענדע ווערטער.

ענדליך ווערט ערפילט זיין הייסעסטער וואונש — ברענגען זיך אַלס אַ קרבן פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציאָן. דאָס איז אפשר געווען דער גליקליכסטער מאָמענט אין זיין שווערען לעבען.

אין אונזער פּאַרטיי איז סטעפּאַנאָוויטש געווען אַן אָרגאַניזאַטאָר; קלעמענס — אַ דענקער; אָסינסקי — אַן איש־מלחמה; קראָפּאָטקין — אַן אַגיטאַטאָר; דמיטרי ליזאָגוב אָבער איז געווען אַ הייליגער.

העסיע העלפמאַן

אין אַלע באַוועגונגען, הויפּטזעכליך אָבער אין געהיימע, זיינען דאָ אונבאַוואוסטע העלדינען, באַשיידענע ארבייטערינען, וועלכע אָפּפערען אַלעס, ברענגען אַלעס אויפ'ן מזבח פון דער אידעע, און פארלאַנגען גאָרניט דערפאַר. זיי נעמען זיך די אונדאַנקבאַרסטע ראָלען; ברענגען זיך אַלס קרבן פאַר קליינינקייטען; — פאַר אַן אדרעס וועגען קאָרעספּאָנדענץ צו פיהרען; פאַר באַהאַלטען איינעם, אַפט אַזעלכען, וועמען זיי קענען גאָרניט; פאַר אָפּשיקען אַ פּעקעל, וואָס זיי ווייסען אפילו ניט, וואָס עס ענטהאַלט אין זיך. דער פּאָעט וועט זיי ניט ווידמען קיין איינציגען פון זיינע באַגייסטערטע פערזען; די געשיכטע וועט זייערע נעמען ניט איינשרייבען אין איהרע בלעטלאַך; די קומענדע דורות וועלען זיי ניט דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט.

אַמאָל אָבער וואַרפט אַרויס די כוואַליע פון דער געשיכטע איינע פון אַזעלכע באַשיידענע ארבייטערינען פון איהר שטילער איינזאַמקייט, וואו זי האָט געהאָפט צו פאַרברענגען איהר גאַנץ לעבען, און הויבט זי אויף הויך, הויך אויפ'ן שפּיץ פון דער וועלט־באַרימטקייט. אַלע קוקען דאַן מיט באַוואונדערונג אויף דער דאָזיגער פיגור, זוכען אין איהר די ציגע פון יענער מאָראַלישער קראַפט, פון יענער זעלבסט־אויפאָפּפערונג און מוט, וועלכע פּאַסען נאָר פאַר העלדינען.

אַזאַ מזל האָט געהאַט **העסיע העלפמאַן**.

* * *

פערזענליך האָב איך זי ניט געקענט. און אויב איך טרעט אַפּ אין דעם פאַל פון מיין געוועהנליכען כלל — צו ריידען נאָר פון פערזענליכע באַקאַנטע — טהו איך עס ניט וועגען דעם רוהם,

װעלכע איהר נאמען האט זיך ערװארבען, נאר װעגען די מאראַ־לישע הויכקייט פון איהר פערזאן. די איינפאכע, טיעף־סימפּאַ־טישע פיגור פון העסיע׳ן װעט אפשר בעסער כאראקטעריזירען די פּארטיי, װעלכע איך באשרייב, איידער אנדערע גלענצענדע טי־פען, װעלכע ברענגען אונז אין ערשטױנען דורך זייער קראפט, ענערגיע און פארשידענע טעטיגקייט. א קליינטשיק פעלד־בלי־מעלע גיט אפט א ריכטיגערען באגריף איבער די פלאָרא — די פלאנצונג פון א געװיסען ארט, איידער א װאונדערבארע, זעל־טענע פלאנצע.

* * *

העסיע העלפמאן האט געהערט צו א פאנאטישער אידישער פאמיליע, װעלכע האט מיט שרעק געקוקט אויף אלעס, װאס קומט נאר ארױס פון קריסטען, באזונדערס אבער אויף זייער װיסענשאפט, װעלכע האט געפּרעדיגט פאראכטונג צו דער רעליגיאן. צופעליג איז העסיע באקאנט געװארען מיט די נייע אידעען, און ניט זייענ־דיג מעהר אימשטאנד צו טראגען די לאסט פונ׳ם פאמיליען־יאך, איז זי אנטלאפען פון דער היים. דאס איינציגע, װאס זי האט מיט־גענומען פון דערהיים, זיינען געװען די קללות פון איהרע עלטערן, װעלכע װאלטען זי בעסער געװאלט זעהן אין קבר, איידער ארומ־דרעהען זיך מיט „גוים".

זי איז אנגעקומען קיין קיעװ און איז איינגעטראטען אין א װערקשטאט אלס נייטארין.

דערװייל איז אנגעקומען דאס יאהר 1874. די רעװאלוציאנערע באװעגונג האט זיך מיט אזא מאכט צוגאסען איבער גאנץ רוס־לאנד, אז זי האט אויך דערגרייכט די איינזאמע װאוינונג פון דער יונגער אידישער נייטארין.

זי האט זיך באקענט מיט עטליכע מיידלאך װעלכע זיינען ניט לאנג צוריקגעקומען פון ציריך און װעלכע האבען שפּעטער פיגורירט אינ׳ם בארימטען פּראצעס פון די פופציג. אט די מייד־לאך האבען זי צוגעצויגען צו דער באװעגונג. אין אנהויב אבער

האט זי זעהר א קליינעם אנטייל גענומען. זי האט געגעבען איהר אדרעס פאר די רעוואלוציאנערע קארעספאנדענץ. ווען מען האט ערפאהרען פון איהר „פארברעכען", האט זי געמוזט אפזיצען צוויי יאהר אין געפענגניס נאך פאר'ן משפט, און דערנאך האט מען זי ערשט פאראורטיילט אויף צוויי יאהר אין ליטווישען שלאס. דארט האט זי זיך געטראפען מיט פיער, פינף חבר'טעס, וועלכע זיינען אויך געווען פאראורטיילט פאר באטייליגען זיך אין דערזעלבער זאך. און דא האט זי זיך ערשט רעכט באקענט מיט די פרינציפען פון דעם סאציאליזם, און האט זיך איהם איבערגעגעבען מיט'ן גאנצען הארצען, מיט לייב און זעעל. עס איז איהר אבער ניט אזוי לייכט געלונגען, אנצעווענדען די נייע אידעען אין לעבען. אנשטאט דעם וואס מען האט זי געזאלט באפרייען, נאכדעם ווי זי איז אפגעזעסען איהר צייט, האט מען זי אדמיניסטראטיוו פאר־שיקט אין איינע פון די צפון־גובערניעס, וואו זי איז געבליבען ביז'ן הערבסט 1879. ענדליך האט זי באנוצט א מאמענט, ווען איהרע היטער האבען אויף א ווײַלע אראפגענומען פון איהר די אויגען, און איז אנטלאפען. אין גיכען איז זי געקומען קיין פעטער־בורג. דא האט זי זיך מיט פייער אריינגעווארפען אין קאמף. דאס באדערפניש צו ארבייטען פאר דער רעוואלוציאן איז ביי איהר געווארען א ליידענשאפט, א ברענענדע ליידענשאפט, ווייל זי האט זי אזוי לאנג איינגעהאלטען.

ארבייט האט זי שטענדיג געהאט איבער'ן קאפ, ווארים זי פלעגט זיך באנוגענען מיט יעדער קלייניגקייט, אבי עס זאל נאר זיין נוצליך פאר דער באוועגונג! אלערליי ארבייטען האט זי גע־נומען אויף זיך; אט איז זי געווען א בריעפטרעגער; אט האט מען זי געדארפט האבען אויף ארומשיקען, און באלד האט זי גאר געמוזט שטעהן אויף דער וואך, אפט איז די ארבייט געווען אזוי ערמידענד, אז זי פלעגט פארמאטערען אפילו אזא שטארק מיידעל, ווי העסיע איז געווען. וויפיעל מאל פלעגט זי קומען אהיים שפעט ביינאכט, אויסגעמוטשעט אהן כחות, נאך א פערצעהן שטונדיגער אונאונטערבראכענער ארומלויפעניש איבער דער שטאדט. אויף

מאַרגען פלעגט זי ווידער אויפשטעהן מונטער און פלעגט זיך ווידער נעמען צו דער אַרבייט.

זי איז געווען גרייט יעדען איינעם צו העלפען; וועגען זיך האָט זי קיינמאָל ניט געטראַכט.

כדי צו געבען אַ בעסערען באַגריף פון דער מאָראַלישער קראַפט און דער אונבאַגרענעצטער איבערגעבענהייט פון אַט דער איינפאַכער, ווייניג-געבילדעטער פרוי, איז גענוג צו דערמאָנען די לעצטע חדשים פון איהר רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. איהר מאַן — ניקאָלאַי קאָלאָטקעוויטש, איינער פון די באַוואוסטעסטע און זעהר געאַכטעטע מיטגלידער פון דער טעראָריסטישער פאַרטיי, — איז אַרעסטירט געוואָרען אין פעברואַר 1881. דער טויט-אורטייל איז געהאַנגען איבער זיין קאָפּ. העסיע איז אָבער געבליבען אין די רייהען פון די קעמפער, און קיינער האָט ניט געקענט באַמערקען איהרע שרעקליכע לײדען. ווען זי איז שוין געווען אַ שוואַנגערע אין פערטען מאָנאַט, האָט זי גענומען אויף זיך זעהר אַ געפעהרליכע ראָלע — צו זיין די בעל-הבית'טע פון דער קאָנספּיראַטיווער וואוינונג, וואו מען האָט געמאַכט קיבאַלטשיטש'עס באָמבעס, און דאָרט איז זי אויך פאַרבליבען ביז איהר צווייטען אַרעסט, וועלכער איז געשעהן באַלד נאָכ'ן ערשטען מערץ.

מיט אַ פרעהליכער מינע, מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים איז זי געשטאַנען פאַר די ריכטער, וועלכע האָבען זי געדאַרפט שיקען צו דער תליה. איהר שיקזאַל איז אָבער געווען נאָך שרעקליכער; פיער מאָנאַט האָט זי געמוזט וואַרטען אויפ'ן טויט. און אַט די אונענדליכע מאָראַלישע פּייניגונג האָט זי די גאַנצע צייט אַריבערגעטראָגען גאַנץ רוהיג, קיין איינציג מאָל ניט אַראָפּגעפאַלען ביי זיך. די רעגירונג, וועלכע האָט מורא געהאַט, זי זאָל ניט אַרויסרופען אַן אונצופרידענהייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ דורכדעם, וואָס זי וועט אויפהענגען אַ שוואַנגערע פרוי, האָט אַנגעווענדט אַלע קרעפטען, כדי אַרויסצורייסען ביי איהר כאָטש אַ פּאָר ווערטער; אָבער אומזיסט! מען האָט זי אַזוי לאַנג געמוטשעט, ביז איהר

לעבען איז געווען אין געפאהר. ערשט אַ טאָג, איידער זי איז געלע־
גען געוואָרען, האָט מען איהר ערקלערט, אַז דער טויט־אורטייל איז
פאַרביטען געוואָרען אויף אייביגע קאַטאָרגע.

זי איז געשטאָרבען אין אָסטראָג, אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי זי
האָט געהאַט דאָס קינד, וואָס מען האָט ביי איהר באַלד צוגענומען.

וויערא זאסוליטש.

אין דער גאנצער געשיכטע איז שווער און אפשר אונמעגליך צו געפינען א נאמען, וועלכער האט אזוי גיך דערגרייכט אזא גרויסע, אונשטרייטבארע בארימטקייט.

נעכטען נאך איז דער נאמען געווען גאר אונבאקאנט און מיט אמאל איז ער געווען ביי אלעמען אין מויל אין פארלויף פון עטליכע מאנאטען. ער האט אנגעצונדען די גרויסמוטיגע הערצער פון דער גאנצער וועלט; ער איז געווארען א סינאנים פון העלדענטום און אויפאפפערונג.

און דאס מיידעל, וואס איז געווען דער געגנשטאנד פון אזא ענטוזיאזם, פלעגט זיך באהאלטען פון דער דאזיגער בארימטקייט. זי האט אויסגעווייכט אוואציעס. און אז זי איז שוין געווען אין אויסלאנד, וואו זי האט געקענט ארומגעהן אפען, אהן געפאהר, האט זי זיך שטענדיג פארשטעקט אין דער מאסע; זי האט זיך ניט געוואלט ארויסשטעלען.

איהרע צאהלרייכע פארעהרער, ניט האבענדיג קיין זיכערע אויסקינפטע איבער איהר, האבען זי אנגעהויבען אויסמאלען זיך אין דער פארשטעלונג, יעדער נאך זיין אייגענעם כאראקטער.

ראמאנטישע און סענטימענטאלע נאטורען האבען זי זיך פארגעשטעלט אלס א פאעטיש, פיין מיידעל; עקזאלטירטע, באגייסטערטע, ווי די קריסטליכע מארטירערין; די אויפאפפערונג, די ליעבע אליין.

ראדיקאלערע מענשען האבען זי זיך פארגעשטעלט, אלס א נייע נעמעזיס *), מיט א רעוואלווער אין איין האנט און

*) די געטין פון ראכע.

מיט א רויטער פאהן אין דער אנדערער; שטאלץ און גרויזאם; די רעוואלוציע אליין.

ביידע האבען א טעות געהאט.

זאסוליטש איז ניט קיין העלדין פון א פסעוודא־ראדיקאלער טראגעדיע, אויך ניט קיין עקזאלטירטע יונגפרוי.

דאס איז א פעסטע, שטארקע פרוי; כאטש איהר וואוקס איז א מיטעלער, אבער אויפ'ן ערשטען בליק ווייזט זי אויס הויך. איהר סימפאטיש, קלוג געזיכט קען ניט אנגערופען ווערען שעהן. פראכטפול זיינען נאר די גרויסע גרויע אויגען מיט די לאנגע ברעמען. אינ'ם געוועהנליכען צושטאנד זיינען זיי פארטראכט, עטוואס טרויעריג, אבער ווי נאר זי באגייסטערט זיך, צינדען זיך דיזעלבע אויגען אן מיט א שטראלענדען ליכט; און אז זי שפאסט, ווארפען זיי פונקען. די קלענסטע באוועגונג פון איהר נשמה שפיגעלט זיך אפ אין אט די אויסדרוקספולע אויגען. די אנדערע צוגען זיינען גאנץ געוועהנליכע: כמעט א לאנגליכע נאז, דינע ליפען, א גרויסער קאפ מיט כמעט שווארצע האר.

מיט איהר אויסערליכען אויסזעהן באשעפטיגט זי זיך קיינמאל ניט. זי איז שטענדיג צוטראגען, ארייננגעטאן אין איהרע געדאנקען, און האט קיין צייט ניט פאר אזעלכע קלייניגקייטען, וואס אינטערעסירען זי גארניט.

מערקווירדיג איז איהר שטימע. אין אנהויב פון א געשפרעך רעדט זי נאך, ווי געוועהנליך אלע מענשען ריידען. אבער ווי נאר דאס געשפרעך ווערט לעבהאפטער, הויבט זי אן העכער צו ריידען, און ענדליך צו שרייען, גלייך ווי איהר צוהערער וואלט געווען טויב, אדער וואלט געשטאנען ווער ווייס ווי ווייט פון איהר. זי האט בשום אופן ניט געקענט פטור ווערען פון דער געוואוינהייט. זי אליין האט זעהר געוואלט ריידען ווי אלע מענשען, כדי עס זאל זיך ניט אזוי ווארפען אין די אויגען; איהרע פריינד פלעגען שפאסען איבער איהר; אבער זי איז געווען אזוי צוטראגען, אז זי פלעגט באלד אלעס פארגעסען. סיי אין שטוב, סיי אויף דער גאס, ווי דאס געשפרעך האט נאר אנגעהויבען אינטערעסאנט צו ווערען

פלעגט זי אַנהויבען שרייען און דערביי מיט דער רעכטער האַנט האַקען די לופט, ווי מיט אַ האַק.

און אונטער אַט די איינפאַכע, ווייניג פּאָעטישע אויסערליכע פאָרמען איז באַהאַלטען אַ נשמה, פול מיט דער העכסטער פּאָעזיע, פול מיט ליעבע און אונצופרידענהייט; אַ טיעפע און אַ מעכטיגע נשמה.

זי רעדט זעהר פיעל און גערן; דערפאַר שיינט זי פון'ם ערשטען בליק צו זיין אַן אָפענער מענש. אין אמת'ען אָבער איז זי אַ זעהר איינגעהאַלטענע און קאָנצענטרירטע נאַטור. צו אַ פלעצליכער פריינדשאַפט, ווי עס טרעפט זיך אָפט ביי יונגע, אונערפאַהרענע נאַטורען, איז זי ניט פעהיג. ווען זי באַקאַנט זיך מיט איינעם, געהט די פריינדשאַפט לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג. זי מוז פריהער גוט קענען דעם מענשען. דערפאַר האָט זי ווייניג פריינד; און די ווייניגע, געהערען אויך צו איהרע אַלטע באַקאַנטע. אין זיי אָבער, אין די פריינד, איז איהר וועלט, אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע מענשען מיט אַ גרענעץ, וועלכע זי לאָזט כמעט קיינעם ניט אַריבערטרעטען.

זי קוקט צופיעל אַריין אין זיך, אין איהר אינערליכעם; זי ליידט פון דער ספּעציעלער רוסישער קראַנקהייט: צו מוטשען די אייגענע נשמה, אָהן רחמנות זי אַנאַטאָמירען, זוכען פלעקעלאַך און פעהלערען, וועלכע זיינען נור אין דער פאָרשטעלונג.

פון דאַנען קומט אויך די מרה־שחורה, וועלכע פאַלט אויף איהר אַן צייטענווייז, ווי אויף שאול המלך, און וועלכע לאָזט זי ניט אָפּ טעג נאָכאַנאַנד. קיין זאַך איז ניט אימשטאַנד אַט די מרה־שחורה צו פאַרטרייבען. זי ווערט דאַן שטאַרק צוטראָגען, געהט אַרום שטונדען־לאַנג איבער'ן צימער אַהין און צוריק, אַריינגעטאָן טיעף אין איהרע געדאַנקען. אַן אַנדערש מאָל לויפט זי אַוועק פון שטוב און זוכט אַ באַרוהיגונג אין דער נאַטור, די איינציגע, וואָס קען איהר געבען אַט די באַרוהיגונג; אין דער דאָזיגער מאַיעסטעטישער נאַטור, וועלכע זי האָט אַזוי ליעב און פאַרשטעהט זי, ווי עס קענען נאָר ליעבען און פאַרשטעהן מענשען מיט אַן אמת

פּאַטישער נשמה. ניט איין מאָל האָט זי גאַנצע נעכט אַרומגע־וואַנדערט איינע אַליין איבער די ווילדע בערג פון דער שווייץ, אָדער ביי די ברעגען פון איהרע גרויסע אָזיערעס.

* * *

דער פונדאַמענט פון איהר כאַראַקטער איז דער אידעאַליזם; דערפאַר קען זי זיך קיינמאָל ניט צופרידענשטעלען; וואָס זי זאָל ניט טאָן, ווייזט זיך איהר אויס ווענינ, גאָרניט. דורך איהר אי־בערגעבענהייט צו דער פאָלקס־באַפרייאונג, וועלכער זי האָט זיך אָפּגעגעבען פון איהר פריהסטער יוגענד אָן, זיינען איהרע אַנשוי־אונגען אויף איהרע אייגענע פליכטען און אויף די מאָראַלישע פאָדערונגען אַזוי גרויס, אַזוי הויך, אַז דאָס לעבען איז ניט אימ־שטאַנד זיי צופרידענצושטעלען.

איהר גרויסע העלדענטאַט האָט זי ניט באַנוגענט. אַ ל ע ק־ס אַ נ ד ר אַ מ אַ ל י נ אָ ו ו ס ק אַ י אַ, אַ באַאָבאַכטענדע און זעהר קלוגע פרוי, אַ פריינדין פון זאַסוליטש, האָט זי אַין אַ פּאָר וואָכען אַרום נאָך איהר באַפרייאונג ווידער געזעהן אין דער גע־וועהנליכער מעלאַנכאָליע און אונצופרידענהייט, און האָט גע־זאָגט:

— ווערא וואָלט געוואָלט יעדען טאָג שיסען אויף די ט ר ע־פּ אָ ו ו ס, אָדער ווענינסטענס יעדע וואָך. אַזוי ווי עס איז אָבער אַן אונמעגליכע זאַך, מאַטערט זי זיך און מוטשעט זיך אַליין.

און מאַלינאָווסקאַיאַ פלעגט אָנהויבען איבערצייגען זאַסוליטש'ן, אַז מען קען זיך ניט ברענגען אַ קרבן יעדען טאָג, אַז מען דאַרף צופרידען זיין, מען דאַרף קענען טאָן דאָסזעלבע וואָס אַלע.

און ווערא פלעגט זיך נעהמען צו אַזאַ אַרבייט, וואָס אַלע טוען, אָבער עס איז ניט געגאַנגען, זי איז געבליבען אונצופרידען. איהר אונצופצרידענהייט איז ניט געווען קיין אייגענליעבע, וועלכע מיר זעהען ביי מענשען, וואָס ווילען שטעהן העכער פון אַנדערע, וואָס ווילען זיך אויסצייכענען. אפילו שוין נאָכדעם, ווי איהר

נאָמען איז אַזוי באַקאַנט געוואָרען, פלעגט זי שטענדיג נעהמען אויף זיך קליינע, געוועהנליכע ראָלען: אַ זעצערין אין דער געהיימער דרוקעריי; אַ שטוב־מיידעל, א. ד. ג.; איהרע פליכטען פלעגט זי אַלע מאָל ערפילען געוויסענהאַפט און מיט חשק. דאָס אַלעס האָט איהר אָבער ניט געגעבען דעם אינערליכען פרידען.

איך געדענק, זי האָט מיר אַמאָל דערצעהלט, וואָס זי האָט געפיהלט ווען זי האָט דערהערט פונ'ם פאָרזיצענדען'ס מויל איהר באַפרייאונגגס־אורטייל.

— דאָס איז ניט געווען קיין פרייד, — האָט זי געזאָגט, — נאָר עפּעס אַן אונגעוועהנליכע ערשיינונג, וועלכע איז באַלד פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין אַ געפיהל פון טרויער. דאָן האָב איך אַליין ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ געפיהל עס איז געווען; איצט פאַרשטעה איך עס אָבער. ווען איך וואָלט געווען פאַראורטיילט, וואָלט איך שוין מעהר ניט געווען אימשטאַנד עפּעס צו טאָן, און וואָלט געווען רוהיג. דאָס באַוואוסטזיין, אַז איך האָב אַלעס גע־טאָן פאַר דער באַוועגונג, אַלעס, וואָס איך האָב נאָר געקענט, וואָלט מיך צופרידענגעשטעלט. אָבער איצט, אַז איך בין פריי, דאַרף מען ווייטער זוכען, און געפינען איז אַזוי שווער, אַזוי שווער.

דאָס קליינע געשפּרעך וואַרפט אַן אונגעוועהנליך קלאָר ליכט אויף איהר גאַנצען כאַראַקטער.

* * *

אַ צווייטער צוג, וועלכער שטאַמט אַרויס פון דעם זעלבען גרענעצלאָזען אידעאַליזם, איז איהר גרויסע עניוות, וואָס מען טרעפט זעהר זעלטען. ווי ביי אַלע אויסערוועהלטע נאַטורען, איז ביי איהר דער העלדענמוט אַ נאַטירליכע און לאָגישע זאַך, און דערפאַר קומט עס איהר אויך פאָר אַזוי וואונדערליך איינפאַך.

די גרויסע באַריהמטקייט, וועלכע זי האָט זיך ערוואָרבען, און וועלכע וואָלט פאַרדרעהט דעם קאָפּ פון דעם שטאַרקסטען מענ־שען, האָט אויף איהר גאָרניט געווירקט; זי איז געבליבען גלייכ־גילטיג, גלייך ווי ניט זי מיינט מען. זי איז געבליבען אַזוי איינ־

פּאַר ווי פריהער; איהר קינדערליכע זעעלע איז געבליבען אַזוי ריין ווי פריהער.

דאָס איז אַ זעלטענער, און אפשר טאקע דער איינציגער פאַקט אין דער געשיכטע פונ׳ם מענשליכען הארץ; און דאָס אַליין איז געווען צו באַווייזען די טיפקייט פון דעם כאַראַקטער, וועלכער שעפּט אַלעס אין זיך אַליין, וועלכער דאַרף ניט און קען ניט האָבען קיין שטיצע פון אויסענוועניג.

איהר גרויסע טאַט האָט זי געטאָן, ווייל זי איז געווען איבערצייגט, אַז זי מוז עס טאָן; קיין האַר פון עהרענליעבע איז דערביי ניט געווען; און דערפאַר פלעגט זי אַנטלויפען פון די אוואַציעס; דערפאַר פלעגט זי ניט וועלען קומען פאַר אַ פּובליקום.

דאָס איז ניט קיין מורא האָבען פון אַ יונג מיידעל, נאָר אַן ערעלעס מאָראַלישעס שעמען זיך; און אָט דאָס האָט זי ניט דערלאָזט אָננעהמען די פאַרעהרונגען פאַר אַ זאַך, וועלכע זי אַליין, דורך איהר הויכער אידעאַלער פאַנטאַזיע, האָט ניט געקענט אָנערקענען פאַר אַ העלדענטאַט. און דערפאַר טאַקע ווערט זי גאָר אַן אַנדער מענש, ווען זי קומט אויף אַ פאַרזאַמלונג. דיזעלבע וויערא, וועלכע האָט אַזוי ליעב געזעלשאַפט, וועלכע רעדט אַזוי גערן, וועלכע וועט באַלד פאַרפיהרען אַ שטרייט מיט יעדען איינעם, ווען איהר ווייזט זיך אויס, אַז יענער האָט קיין רעכט ניט, — אָט די וויערא ווערט שרעקליך פערענדערט, ווי זי קומט נאָר אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו זי פיהלט, אַז אַלע קוקען אויף איהר ניט ווי אויף וויערא, נאָר ווי אויף זאַסוליטש. זי ווערט שעמעוודיג, אין פאַרלעגענהייט, אַזוי ווי אַ מיידעלע, וואָס איז ערשט אַרויס פון פּאַנסיאָן. אפילו איהר קול ווערט גאָר אַנדערש; עפּעס באַקומט ער אַזאַ פיינעם, ווייכען, זיסען קלאַנג, — ווי אַן „ענגעל־שטימע", ווי איהרע פריינד פלעגען זאָגען אין שפּאַס, אָדער ווי אַ „פויגעל־שטימע", אַ קווימשעדיגע, ווי זי אַליין פלעגט זאָגען.

* * *

אָבער אפילו דאָס „פויגעל־קול׳כעל" האָט מען אויך זעהר

זעלטען געהערט, וואָרים אויף די פּאַרזאַמלונגען פלעגט וויערא שווייגען, גלייך ווי זי וואָלט אַנגענומען אַ פּולען מויל מיט וואַסער. עס האָט שוין געדאַרפט זיין זעהר אַ וויכטיגע פראַגע, עס האָט זי שוין געדאַרפט שטאַרק אַנריהרען, זי זאָל אויפשטעהן און זאָגען אַ פּאָר ווערטער.

נאָר אין דער היים, צווישען נאָהענטע פריינד, דאָרט האָט מען געקענט פאַרשטעהן און אָפּשעצען אַלע אייגענשאַפטען פון איהר קלאָרען פאַרשטאַנד און דעם גאַנצען רייץ פון איהר גע־שפּרעך. דאָ האָט זי זיך ניט געשעמט; דאָ האָט זי געגעבען פרייען לויף איהר לעבעדיגען, גלענצענדען שאַרפזין.

זי האָט זיך אַליין באַשאַפען אַן אייגענע שפּראַך; אַ רייכע, אַ הומאָריסטישע; און אין דערזעלבער צייט איז אויך אין דער שפּראַך געווען עטוואָס קינדליך נאַאיוועס. אַ טהייל פון איהרע אויסדריקע און ווערטלאַך זיינען עכטע פּערל; פּערל, וועלכע מען קען ניט געפינען אין קיינע פענסטער פון די גרעסטע גאָלד־הענדלער.

אַ כאַראַקטעריסטישער צוג פון איהר פאַרשטאַנד איז די אָריגי־נאַליטעט, די אייגענטימליכקייט. די נאַטור אַליין האָט זי שוין באַשאַנקען מיט אַ זעלטענער דענקקראַפט, און זי האָט עס נאָך באַרייכערט מיט פיעלען און סעריעזען לעזען אין די לאַנגע יאָה־וואָס זי האָט זיך אַרומגעטריבען, אַלס פאַרשיקטע, איבער פאַר־שידענע שטעדט אין רוסלאַנד. זי דענקט זעלבסשטענדיג; זי איז ניט פעהיג, עס איז גאָר פּאָר איהר אַן אָרגאַנישע אונמעגליכקייט, צו געהן מיט די אויסגעטראָטענע וועגען נאָר דערפאַר, ווייל אַנ־דערע געהען מיט זיי. זי אונטערוואַרפט אַלעס דער קריטיק; קיין אמונה איז ביי איהר ניטאָ. דערפאַר קען זי יעדע זאַך פאַר־פיינערען. אַלע אמת'ן, וועלכע זיינען פון אַלעמען אַנערקענט, און וועלכע אַלע ווידערהאָלען נאָך דער רוטינע, נאָך דער אַלטער מאָדע, קריגען ביי איהר אַ שעהנערען, עדעלערען, אויסגעפיינערטען פּנים. דערפאַר איז דאָס אונטערהאַלטען זיך מיט איהר אַזוי באַצויבע־רענד, אַזוי פריש, אַזוי לעבעדיג.

זי באזיצט נאך א טיערע אייגענטימליכקייט, וועלכע שטאמט ארויס פון דער אריגינאליטעט און אונאפהענגיגקייט פון איהר דענקען צוזאמען מיט איהר גאנצען מאראלישען כאראקטער. דאס איז איהר במעט אונפעהלערהאפטער מאראלישער אינסטינקט. אין די גרעסטע און פארפלאנטערסטע פראגען טרעפט זי, וואס מען מעג און וואס מען טאר ניט, וואס עס איז שלעכט און וואס עס איז גוט, וואס עס איז פיין און וואס עס איז אונפיין, כאטש אפט קען זי אליין ניט מאטיווירען איהר מיינונג. אט דעם אינסטינקט האט מען ארויסגעזעהן, ווי זי האט זיך אויפגעפיהרט פאר'ן גע־ריכט, אינ'ם טאג פון איהר פראצעס, און אויך אין פיעלע אנדערע פעלע פונ'ם אינערליכען לעבען פון דער פארטיי.

יעדער ראט, יעדע מיינונג איהרע האבען אלע מאל א גרויסען ווערט געהאט, אפילו ווען זי האט קיין מאטיוון ניט געגעבען. זי האט זעהר זעלטען א טעות געהאט.

פון דעם אלעם וואס מיר האבען געזאגט, זעהט מען קלאר ארויס, אז זאסוליטש פארמאגט אלע אייגענשאפטען, וועל־כע מאכען דעם מענשען, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, פאר דאס געוויסען פון א קרוזשאק, פון אן ארגאניזאציע, פון א פאר־טיי. זאסוליטש אבער איז גרויס מיט איהר מאראלישער ווירקונג; קיין פאליטישען איינפלוס קען זי ניט האבען. זי איז צופיעל קאנצענטרירט אין זיך אליין, אום צו ווירקען אויף אנדערע. זי שלאגט זיך קיינמאל ניט אן מיט עצות, זי מישט זיך ניט אריין אליין, ביז מען פאדערט זי ניט אויף, אין דעם אנדערנס נשמה, אין דעם אנדערענס לעבען, אום עס איבערצומאכען אויף איהר מוסטער, אזוי ווי עס טוט יעדער ארגאניזאטאר אדער אגיטאטאר. ווער עס וויל פון איהר האבען א ראט, מוז געהן צו איהר נאך איהם. זי ערפילט איהר אייגענע פליכט, אזוי ווי איהר געוויסען הייסט איהר.

אט דער הויכער אידעאליזם, דורך וועלכען זי זוכט שטענדיג עפעס גרויסעס, שטערט איהר איבערצוגעבען זיך מיט לייב און זעעל דער אלטעגליכער ארבייט, וועלכע איז אימער קליין און אונ־באדייטענד.

דאָס איז א פרוי, וועלכע באַשליסט גרויסע זאַכען; א פרוי, וועלכע איז אונערזעצליך ביי גרויסע מאָמענטען.

דעם טיף פון אן אונערמידליכען און מעכטיגען קעמפער זעהען מיר אין אַן אַנדער פרוי. אַט די גראַנדיעזע פיגור וועל איך פּרואווען, אויף וויפיעל מיינע כחות וועלען מיר ערלויבען, באַשרייבען אין נעקסטען קאַפּיטעל.

סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ.

זי איז געוועזן שעהן. איהר פּנים איז אפילו ניט געוועזן פון די, וועלכע פאַרבלענדען פונ'ם ערשטען בליק, וועלכע געפעלען אָבער, וואָס מעהר מען קוקט זיך אין זיי איין.

אַ בלאָנדער קאָפּ מיט אַ פּאָר הימעל־בלויע ערנסטע, דורכ־דרינגענדע אויגען אונטער דעם ברייטען דערהויבענעם שטערן; קליינע, פיינע געזיכטסציגע, פולע ראָזעווע ליפּען, פון וועלכע עס פלעגען זיך ביים לאַכען אַרויסווייזען צוויי רייהען פּרעכטיגע ווייסע צייהן.

אָבער ניט די איינציגע, באַזונדערע צוגען, נאָר איהר גאַנצעס אויסזעהן פלעגט באַצויבערען. עפּעס לעבעדיגעס, פלינקעס, פרעה־ליכעס און דערביי אויך נאַאיוועס, איז געלעגען אויף איהר קיי־לעכיג פּנים'על; דאָס איז געוועזן די יוגענד אליין. אַז סאָניאַ איז אַלט געוועזן זעקס און צוואַנציג יאָהר, האָט זי אויסגעזעהן ווי אַן אַכצעהן יעהריג מיידעל. איהר פיינע, האַרמאָנישע, גראַציעזע, קליינע פיגור; איהר פרעהליכע, פרישע, ווי אַ גלעקעל קלינגענדע שטימע, האָבען נאָך פאַרגרעסערט אָט די אילוזיע, וועלכע מען האָט געקענט אַננעהמען פאַר אַן אמת, באַזונדערס דאַן, ווען זי פלעגט לאַכען; און דאָס פלעגט זיך טרעפען זעהר אָפט. זי האָט זעהר ליעב געהאַט צו לאַכען, און מיט אַזאַ פרייער, אונאויפהאַלטבאַרער פרעהליכקייט, אַז אין אַזעלכע מאָמענטען פלעגט מען קענען מיי־נען, אַז עס איז אַ פופצעהן יעהריגע לאַכערקע.

אויף איהרע קליידער פלעגט זי גאַרניט קוקען. זי פלעגט זיך אָנטאָן נאָר איינפאַך, און, וואַרשיינליך, האָט זי גאָרניט גע־וואוסט, וואָס עס הייסט אַזוינס, דאָס קלייד פּאַסט, יענעם ניט.

דערפאר אבער האט זי שטארק געקוקט אויף ריינקייט. אין דעם פרט איז זי געווען אזוי שטרענג, ווי א שווייצער־מיידעל.

סאניא האט זעהר ליעב געהאט קינדער און איז געווען אן אויסגעצייכענטע שול־לעהרערין. נאך איין ראלע איז געווען, וועלכע זי פלעגט נאך בעסער ערפילען, — דאס איז די ראלע פון א קראנקען־וועכטערין. ווי נאר איהרע א פריינדין איז קראנק געווארען, איז זי די ערשטע געקומען און האט אנגענומען די שווערע ארבייט, און איהר באגעהן זיך מיט די קראנקע, איהר זארגזאמקייט און איהר געדולד האבען געוואונען פאר איהר אלע הערצער פון איהרע פאציענטען.

צו איהר מוטער וואַרוואַרא סערגעיעוונא איז זי געווען שטארק צוגעבונדען; זי האט זי געליעבט מיט יענער ריהרענדער, נאאיווער צערטליכקייט, וועלכע מען זעהט נאר ביי טעכטער. ניט איין מאל האט זי ריזיקירט, אום נור מיט איהר זיך צו זעהן. צווישען אלע אונרוהען און זארגען פון איהר שטורמישען לעבען האט זי דאך געפונען אין הארצען א קליין ווינקעלע פאר דאס גוטע געפיהל. זי האט קיינמאל ניט פארגעסען, וואס פאר אונענדליכע יסורים איהר מוטער האט באדארפט ליידען צוליעב איהר, און דערפאר פלעגט זי באנוצען יעדען קלענסטען צופאל, איהר צו וויסען צו געבען פון זיך. שוין גאר אין דער לעצטער צייט פון איהר לעבען, פלעגט זי זיך אויך אפטמאל אפלאזען אויף א מינוט פון די שרעקליכע קאנספיראטיווע ארבייטען, אום צו מאכען פאר דער מוטער א פעקעלע פון איהרע ליעבלינגס־נאשערייען און זיסע זאכען.

און אט דאס מיידעל, מיט דעם באשיידענעם און אונשולדיגען אויסערן אויסזעהן, מיט דעם זאנפטען און צארטען כאראקטער, איז געווען איינער פון די גרויזאמסטע מיטגלידער פון דער גרויזאמער רעוואלוציאנערער פארטיי. זי איז דאס געווען די אנפיהרערין דעם ערשטען מערץ. אויף א שטיקעל קאנווערט האט זי מיט א בלייפעדער געצייכענט דעם פלאן פונ׳ם גאנצען פלאץ און האט באשטימט ערטער פאר די פארשווערער. יענעם פריהמארגען פונ׳ם

ערשטען מערץ, שטעהענדיג אויפ'ן שלאַכטפעלד, האָט זי געקראָגען פון די וואכען נאַכריכטען, וואָס פאַר אַ ריכטונג דער קייזער וועט נעהמען ביים פאַהרען, און פלעגט מיט אַ טיכעל אָנצייגען יעדען איינעם, וואו ער דאַרף שטעהן. זי איז עס אויך, וועלכע האָט דעם צווייטען אַפּריל אויפגעטרייסעלט די פריינד און די שונאים מיט איהר העלדישען טויט...

אצונד לאָמיר פּרואווען אויף וויפיעל די קרעפטען וועלען אונז ערלויבען, באַשרייבען אָט די פּערזאָן, וועלכע פאַראייניגט אין זיך אַזאַ ריינע פרויען-צערטליכקייט מיט אַ קראַפט פון אַ קעמ-פער און זעלבסט-אויפאָפּפערענדע איבערגעבענהייט פון אַ מאַרטי-רער.

.1

ס אָ פ י אַ פּ ע ר אָ ו ו ס ק אַ י אַ שטאַמט, אַזוי ווי קראָ-פּאָטקין, פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע. די פּ ע ר אָ ו ו -ס ק י 'ס קומען אַרויס, נאָך דער יונגערער ליניע, פון דער פאַמיליע פונ'ם באַוואוסטען ר אַ ז ו מ אָ ו ו ס ק י, דעם מאָרגאַנאַטישען מאַן פון דער קייזערין י ע ל י ז אַ ו ו ע ט אַ פּ ע ט ר אָ ו נ אַ (1709-1762). איהר זיידע, ל ע ו ו אַ ל ע ק ס ע י ע ו ו י ט ש פּ ע-ר אָ ו ו ס ק י, איז געווען מיניסטער פון פאָלקס-אויפקלעהרונג; איהר פאָטער'ס פעטער, דער באַקאַנטער גראַף וואָסילי אַלעק-סעיעוויטש פּעראָווסקי, האָט עראָבערט דעם קייזער ניקאָלאַי עטליכע פּראָווינצען אין צענטראַל-אַזיען.

אָט דאָס איז די פאַמיליע, פון וועלכע עס שטאַמט אַרויס די פרוי, וואָס האָט געגעבען אַזאַ שרעקליכען קלאַפּ דעם צאַריזם.

סאָפיאַ איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1854. איהר קינדהייט איז געווען זעהר אַ טרויעריגע. איהר מוטער, אַ הויך-מאָראַלישע פרוי, איז שטענדיג געווען אונטערדריקט און באַליידיגט פונ'ם פאָ-טער אַ דעספּאָט און אַ משוגע'נער עקשן, וועלכען מען קען נאָר אין רוסלאַנד באַגעגענען. די אָרעמע פרוי האָט אַלעס איבערגע-טראָגען, אַלעס וואָס קען נאָר זיין שרעקליך אינ'ם לעבען פון אַ

פרוי פון אַ רוסישען סאַמאַדור, אָבער ניט איבערלאָזען אויף זיינע הענט די אונגליקליכע, אונשולדיגע עופה'לאך. אויף אַזאַ אופן האָט פעראָווסקאַיאַ נאָך אין דער היים, אַלס קינד, זיך אויסגעלערנט צו האַסען די אונטערדריקונג און צו ליעבען אַלע שוואַכע און באַליידיגטע. אָט די ליעבע איז איינער פון די ריהרענדסטע צוגען אין איהר כאַראַקטער.

אין דער געשיכטע פון סאָפיאַ פעראָווסקאַיאַ'ס לעבען שפּיגעלט זיך ריכטיג אָפּ די געשיכטע פון דער רוסישער יוגענד און אויך פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

אַזוי ווי אַלע פרויען פון איהר דור, האָט סאָפיאַ אין אָנהויב פּשוט געוואָלט לערנען. ווען זי איז אַלט געווען פופצעהן יאָהר, איז די באַוועגונג פון דער עמאַנציפּאַציע פון די פרויען געווען אין דער העכסטער ענטוויקלונג, אין'ם גרעסטען פייער; זי האָט אַפילו איינגעזוויגען סאָפיאַ'ס עלטערע שוועסטער, מ אַ ר י אַ. סאָניאַ האָט זיך אָנגעהויבען לערנען, באַזוכען קורסען, לעזען. נו, וואָס האָט איהר געגעבען די ליטעראַטור אין יענער עפּאָכע? די שאַרפע קריטיק איבער אונזער גאַנצער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און האָט אָנגעוויזען אויפ'ן סאָציאַליזם, ווי אויף דאָס ענד־ציעל און דאָס איינציגע הייל־מיטעל פון אַלע געזעלשאַפטליכע קראַנקהייטען. איהרע לעהרער זיינען געווען ט ש ע ר נ י ש ע ו ו ס ק י און ד אָ ב ר אָ ל י ו ב אָ ו, אויף וועלכע עס האָט זיך אויך ערצויגען יענער גאַנצער דור. ביי אַזעלכע לעהרער שטעלט מען זיך ניט אָפּ נאָר ביים קענען; עס קומט אָן אַ שטאַרקער ווילען צו אַרבייטען, עפּעס צו טאָן; און די אַרבייט זאָל זיין נאָך די אידעען, וועלכע זיי האָבען געשעפּט אין דעם לעזען. דיזעלבע שטרעבונג באַמערקען מיר אויך ביי פיעלע אַנדערע מיידלאַך, גאַנץ זעלבסטשטענדיג. די אַלגעמיינהייט פון די אידעען ענטוויקעלט ביי זיי דאָס געפיהל פון הייסער פריינדשאַפט, און דאָס באַוואוסטזיין, אַז זיי שטעהען ניט אַליין, רופט אַרויס אַ וואונש און אַ האָפנונג צו טאָן עפּעס פאַר זייערע אידעאַלען. אָט דאָס איז אייגענטליך דער אָנהויב פון אַ געהיימער געזעלשאַפט; וואָרים אין רוסלאַנד מוז

אַלעס, וואָס שטרעבט צום גליק פונ'ם פאָלק און ניט פונ'ם קייזער, געטאָן ווערען אין געהיים.

אַז סאָניאַ איז עלטער געוואָרען, און דער פאָטער האָט זיך אָנגעהויבען אריינמישען אין איהר לעבען, איז זי אַנטלאָפען פון דער היים. דאָס אָפּרייסען זיך פון דער פאַמיליע האָט זי געצוואונגען נאָך ענגער זיך צונויפגעהן מיט די חבר'טעס און חברים. זי איז געוואָרען זעהר אינטים מיט דער אונגליקליכער פאַמיליע פון די שוועסטער ק אָ ר נ י ל אָ ו, וועלכע איז געווען דאָס קערנדעל, פון וואַנען עס האָט זיך מיט צוויי יאָהר שפּעטער ענטוויקעלט דער קרוזשאָק ט ש אַ י ק אָ ו צ י ' ס, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ וויכטיגע באַדייטונג אין דער ערשטער פעריאָדע פון דער באַוועגונג.

פּעראָווסקאַיאַ מיט עטליכע יונגע סטודענטען, אונטער זיי אויך נ י ק אָ ל אַ י ט ש אַ י ק אָ ו ס ק י, וועמעס נאָמען די קינפטיגע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגענומען, איז געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון דעם קרוזשאָק, וועלכער האָט צוערשט געהאַט גיכער אַ כאַראַקטער פון אַ ברידערליכען, איידער פון אַ פּאָליטישען בונד.

אַט דער קרוזשאָק, וועלכער האָט זיך אין אָנהויב באַשעפטיגט אויסשליסליך מיט דער פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען דער יוגענד, איז געווען ניט גרויס. נייע מיטגלידער פלעגט מען אריינגעהמען זעהר פאָרזיכטיג און אַלע האָבען געמוזט איינשטימען. קיין סטאַטוטען האָבען זיי ניט געהאַט, און עס איז אויך ניט נויטיג געווען, ווייל אַ ל ע ר ע ז אָ ל ו צ י ע ס ה אָ ב ע ן נ י ט אַ נ ד ע ר ש גע־קענט באַשלאָסען ווערען, ווי א י י נ ש ט י מ י ג. אַ דאַנק אַט דער רעגעל, וועלכע שיינט צו זיין אַזוי אונפּראַקטיש, זיינען קיין מאָל ניט ארויסגעקומען קיין אונאָנגענעמקייטען, קיין אונבאַקוועמליכקייטען. דאָס וואָס דער זשעניע פון ז ש אַ ן ז ש אַ ק ר ו ס ס אָ האָט פאָראויסגעזעהן, אַלס דאָס אידעאַל פון געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטניסען, איז דאָ דערגרייכט געוואָרען דורך דער ליעבע און אַכטונג צווישען די מיטגלידער: די מינאָריטעט האָט נאָכגעגעבען דער מאַיאָריטעט, ניט אויס נויטווענדיג־

קיים, ניט אויס צוואַנג, נאָר גוטוויליג, דורך דער אינערליכער אי־בערצייגונג, אַז דער אמת דאַרף זיין אויף איהר זייט.

די פאַרהעלטניסען צווישען די מיטגלידער זיינען געווען פּאָל־קאָם ברידערליך. די אויפריכטיגקייט, די אונבאַדינגטע אויפריכ־טיגקייט, איז געווען זייער ערשטער פונדאַמענט. אַלע האָבען זיך געקענט, אַזוי ווי גלידער פון איין פאַמיליע, אפשר נאָך מעהר; זיי האָבען ניט געהאַט קיין סודות איינער פאַר'ן אַנדערן. קיינער האָט ניט באַהאַלטען קיין איינציגען שריט ניט נור אין זיין געזעל־שאַפטליכען, נאָר אפילו אין זיין פּריוואַט לעבען. אויף אַזאַ אופן האָט מען באַלד באַמערקט די קלענסטע שוואַכקייט, די קלענסטע ערשיינונג פון עגאָאיזם אָדער פון אונגעניגענדער איבערגעבענ־קייט; מען פלעגט אָנווייזען אויף דעם; אַמאָל זאָגאָר טאַדלען, אָבער קיינמאָל ניט אַלס עלטערע, אַלס פאַרשטעהער, נאָר שטענדיג ברידערליך, מיט ליעבע און מיט אויפריכטיגען פאַרדרוס און דער־פאַר פלעגט עס אימער ווירקען.

אַזעלכע אידעאַלע פאַרהעלטניסען זיינען אונמעגליך אין אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרנעמט אַ מאַסע פּערזאָנען, וועל־כע זיינען פאַראייניגט נאָר דורך דאָס אַלגעמיינע ציעל. און ווירק־ליך זיינען זיי אויך פאַרשוואונדען, ווי נאָר די פּאָליטישע טעטיג־קייט פון דעם דערמאָנטען קרוזשאָק איז גרעסער געוואָרען. זיי האָבען אָבער שטאַרק געווירקט אויף דער מאָראַלישער ענטוויקלונג פון די פּערזאָנען. זיי האָבען געשאַפען אַזעלכע מענשען מיט הער־צער פון גאָלד און פון שטאָהל, ווי קופּריאַנאָוו, טשאַ־רושין, סערדיוקאָוו און אַזוי פיעל אַנדערע, וועלכע וואָלטען אין יעדען לאַנד געווען דער שטאָלץ, די ציערונג פון אַ נאַציאָן. אָבער ביי אונז, וואו זיינען זיי, וואו?...

אייניגע זיינען אויסגעמוטשעט, פאַרניכטעט, צובראָכען געוואָ־רען אין די טורמעס, די אַנדערע האָבען זיך אַליין אומגעבראַכט; יענע זיינען באַגראָבען אין די טונדרען *) און מינען פון סיביר.

*) זומפּיגע ערטער אין סיביר.

אָדער צודריקט אונטער דעם יאָך פון זייערע אייגענע אונענדליכע לײדען, וועלכע זיי האָבען געדאַרפט אויסשטעהן, פאַרליערענדיג אַלעס, אַלעס, וואָס איז זיי געווען טייערער פון זייער לעבען...

אַט דער קרייז, וועלכער איז געווען דורכדרונגען מיט שטרענגקייט, אָבער אויך מיט ענטוזיאַזם און זעלבסט־אויפּאָפּפערונג, איז געווען איהר ערציהער. אַט אין דער גרויזאַמער און דערביי אויך צערטליכער סביבה האָט סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ פאַרבראַכט פיער יאָהר פון איהר ערשטער יוגענד, ווען די ריינע, אונבאַפלעקטע נשמה נעמט אַזוי גיערינג אויף יעדען גוטען איינדרוק, ווען דאָס הייסע האַרץ איז אַזוי אָפען פאַר יעדע גרויסע און עדעלע זאַך.

אָהן צווייפעל איז דער גרעסטער איינפלוס פון אַלע, וועלכע האָבען אויף איהר געווירקט און וועלכע האָבען באַשאַפען אַט דעם מערקווירדיגען כאַראַקטער, געווען דער קרוזשאָק פון די טשאַיקאָווצי׳ס. ווען מען קוקט זיך גוט איין אין די מאָראַלישע פיזיאָנאָמיע פון סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, קען מען זעהר לייכט באַמערקען אַלע גוטע זייטען פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט.

אַלע אינ׳ם קרוזשאָק האָבען זי געשעצט און געאַכטעט; זי האָט אויך געהאַט אַ גרויסען איינפלוס דורך איהר שטאַנדהאַפטיגער שטרענגקייט צו זיך אַליין, דורך איהר אונערמידליכער ענערגיע און הויפּטזעכליך דורך איהר גרויסען פאַרשטאַנד. קלאָר און שאַרפזיניג איז געווען דער פאַרשטאַנד. אורטיילען פלעגט זי שטענדיג פילאָזאָפיש, וואָס פרויען טהוען זעלטען. יעדע פראַגע האָט זי פאַרשטאַנען גוט און פאַלשטענדיג און פלעגט זיי אַנאַליזירען, פאַנאַנדערנעמען ניט נאָר באַזונדער, נאָר צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פראַגען, וועלכע שטאַמען פון דער דאָזיגער אַרוים. דערפאַר זעהען מיר ביי איהר, פון איין זייט, ווי קינסטלעריש, ווי מוסטערהאַפט זי קען פיהרען איהרע שטרייטען אין טעאָרעטישע און פּראַקטישע פראַגען; און פון דער אַנדערער זייט, ווי זעלטען שטאַרק איהרע איבערצייגונגען זיינען, וועלכע קיינע סאָפיזמען, קיינע פּשט׳לאַך, קיינע טאָג־איינדריקע זיינען ניט געווען אימשטאַנד זיי צו ענדערן.

אַ טהייל פּלעגען זי דערפאַר זאָגאַר באַשולדיגען, אַז זי איז קאָנ־סערוואַטיוו. אין דער דיאַלעקטיק, אין דער קונסט צו רעזאָנירען קלאָר און ריכטיג, איז זי געווען אַזוי געשיקט, אַז זעלטען האָט איהר אימיצער געקענט באַזיגען. זי פּלעגט באַטראַכטען יעדען געגענשטאַנד פון אַלע אַנשויאונגס־פּונקטען; דורך דעם האָט זי געהאַט אַ גרויסען פאַרצוג איבער איהרע געגנער; יעדער באַטראַכט געוועהנליך אַ געגענשטאַנד פון איין זייט, וועלכע זיין פּערזענליכע נייגונג און סימפּאַטיע וויזט איהם אָן.

נאָך אַ צוג פון איהר פאַרשטאַנד איז געווען די קלאַרקייט. קיין פאַנטאַזיעס האָט זי ניט געהאַט. אַלעס האָט זי געזעהן אין אמת'ן ליכט, אין דער ווירקליכער גרויסקייט; דורך איהר לאָ־גיק פּלעגט זי אָהן רחמנות צושלאָגען די אילוזיעס, די פאַנטאַזיעס פון איהרע מעהר ענטוזיאַסטישע גענאָסען. אַלעס האָט זי גע־רעכענט פאַר אַ חוב; דערפאַר פּלעגט זי קיינמאָל ניט פאַר־גרעסערען דעם ווערט פון איהר אייגענער אָדער פון איהרע גע־נאָסענ'ס טעטיגקייט. זי האָט אַלעס געשעצט נאָכ'ן ווירקליכען ווערט. זי האָט שטענדיג געזוכט נייע וועגען, נייע מיטלען, ווי אַזוי די אַרבייט צו פאַרברייטערען, און אין אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואו זי איז נאָר געווען אַ מיטגליד, איז זי געווען דער טעטיג־סטער איניציאַטאָר. אַזוי, צום ביישפּיל, איז דער איבערגאַנג פון דער פּראָפּאַגאַנדע צווישען דער יוגענד צו דער פּראָפּאַגאַנדע צווי־שען די אַרבייטער, וועלכען דער קרוזשאָק פון די טשאַיקאָווצי'ס האָט געמאַכט אין די יאָהרען פון 1871-72, געווען אַ רעזולטאַט פון פּעראָווסקאַיאַ'ס אַרבייט. און שפּעטער, ווען די פּראָפּאַגאַנדאַ אין די פאַבריקען איז שוין געווען גאַנץ גרויס פאַר יענער צייט און האָט אַריינגעצויגען די גאַנצע געזעלשאַפט, האָט זי ווייטער אָנ־געהויבען טענה'ן, אַז מען דאַרף געהן ווייטער, מען דאַרף מאַכען אַ שריט פאָרווערטס: פון די שטעדט זאָל מען אַריבערגעהן אין די דערפער. זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז נאָר יענע פּאַרטיי קען האָבען אַ צוקונפט, וועלכע וועט זיך צונויפגעהן מיט דער בויערנ־מאַסע. און דערנאָך, ווען זי איז שוין געווען אַ מיטגליד פון דער

אָרגאַניזאַציע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ *), איז זי פעסט געשטאַנען אויף דעם, אַז מען זאָל די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע פאַר־ברייטערן ניט נאָר צווישען די שטאָדטישע אַרבייטער, וואָס די אָר־גאַניזאַציע האָט שוין געטאָן, נאָר אויך צווישען דער באַפעלקערונג פון דאָרף.

אָט די אייביגע אונצופרידענהייט אָבער, דאָס דאָזיגע אייביגע זוכען עפּעס נייעס, בעסערס, איז געווען דער רעזולטאַט פון איהר שטאַרקען קריטישען דענקען, אָבער ניט פון דער פייערדיגער פאַר־שטעלונג, וועלכע מאַכט דעם מענשען פאַר אונפעהיג זיך צופריי־דענצושטעלען מיט דער ווירקליכקייט, אַזוי ווי עס איז ביי ראָ־מאַנטישע נאַטורען. זי האָט ניט געהאַט אָט די ראָמאַנטיק, וועל־כע איז אימשטאַנד אַמאָל אַרויסצורופען מענשען אויף גרויסע טאַ־טען, אָבער וועלכע צווינגען געוועהנליך צו פאַרברענגען דאָס לעבען אין זיסע חלומות. זי איז געווען צו פּאָזיטיוו, אום זיך אָפּצוגעבען מיט חלומות, און צו ענערגיש, אום צו שטעהן מיט צונויפגעלעגטע הענט. זי האָט גענומען דאָס לעבען אַזוי ווי עס איז, און האָט זיך נור באַמיהט צו טאָן, ווי מעגליך מעהר אין יעדער צייט. דאָס לעדיג זיצען האָט איהר פאַרשאַפט די גרעסטע ליידען.

און דאָך, ווען עס איז געווען נייטיג, האָט זי אויך געקענט איבערטראָגען גאַנצע יאָהרען פון אונטעטיגקייט.

.2

אין יאָהר 1873, דעם פינף און צוואַנציגסטען נאָוועמבער, איז פּעראָווסקאַיאַ אַרעסטירט געוואָרען צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַר־בייטער, צווישען וועלכע זי האָט פּראָפּאַגאַנדירט אין פּעטערבורג הינטער דער אַלעקסאַנדראָנעווסקי זאַסטאַווא (שלאַגבוים). מען האָט זיי איינגעשפּאַרט אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקי פעסטונג. דאָס געריכט האָט אָבער גאָרניט געקענט דערווייזען געגען איהר,

*) „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ (דער פאָלקסווילען) האָט געהייסען די אָרגאַניזאַציע ווי אויך דער אָרגאַן פון די טעראָריסטען.

און אין עטליכע חדשים אַרום האָט מען זי אַרויסגעלאָזט **אויף ערבות** און איבערגעגעבן צום פֿאָטער, וועלכער האָט זי אַוועקגעשיקט צוזאַמען מיט דער מוטער אין קרים, אויף זייער אימעניע.

לאַנגע דריי יאָהר האָט זי געמוזט וואַרטען אויפ׳ן פּראָצעס. מען האָט זי דאָרט אַזוי שטאַרק געהיט, אַז איהר איז אונמעגליך געווען עפּעס צו טאָן. זי האָט זיך געמוזט ענטזאָגען פֿון דער רע־וואָלוציאָנערער טעטיגקייט, אויסער דער פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען דער יוגענד, איבער וועלכע די פּאָליציי האָט ניט אַזאַ מאַכט. אַנטלויפֿען אין אַנהויבען אַז אונלעגאַלעס לעבען האָט זי ניט גע־קענט, וואָרים מיט דעם וואָלט זי קאָמפּראָמיטירט די אַלע אַנדע־רע, וועלכע מען האָט, אַזוי ווי איהר, אַרויסגעלאָזט אויף גאַראַנ־טיע.

אויך דאָ האָט פּעראָווסקאַיאַ געטאָן אַלעס מעגליכע, אום פֿון דער טויטער צייט עפּעס נוצען צו ציהען. זי האָט געהאַט אַ גרויסען חשק צו פּראָפּאַגאַנדירען צווישען די פּויערים. און דער־פֿאַר האָט זי גענומען זיך צוגרייטען דערצו. זי האָט אַנגעהויבען שטודירען מעדיצין, כדי אַ פֿעלדשער צו ווערען. מיט דעם ציעל איז זי אַוועקגעפֿאָהרען אין טווערסקי גובערניע צו אַ באַקאַנטען דאָקטאָר, און האָט ביי איהם פּראַקטיצירט אַ פּאָר מאָנאַט. אין גיכען איז זי אָבער צוריקגעקומען, ווייל זי האָט זיך איבערצייגט, אַז איידער מען נעמט זיך צו דער פּראַקטיק, מוז מען גוט דורכגעהן דעם טעאָרעטישען קורס. דאָס איז געווען אַ געוויסער צוג אין איהר כאַראַקטער: זי האָט קיין זאַך ניט געטאָן געכאַפּט, אַוועק־מאַכענדיג פֿון דער האַנט, אַבי פּטור צו ווערען. זי האָט זיך גע־מעגט נעמען צו דער קלענסטער זאַך, האָט זי עס ערפֿילט אויפ׳ן בעסטען אופֿן. אין דער פֿעלדשער־שולע האָט זי זיך דורך איהר פֿליים און געוויסענהאַפֿטיגקייט ערוואָרבען אַזאַ צוטרויען ביי די דאָקטוירים, אַז זיי פֿלעגען איהר לאָזען פּראַקטיצירען, כאָטש זי האָט נאָך ניט געהאַט געענדיגט דעם קורס. ביי די קראַנקע איז זי געווען דער ליבלינג. צווישען איהרע פּאַציענטקעס, דערצעהלט מען, איז געווען אַן אַלטע, קראַנקע אידענע, וועלכע האָט געליטען

פון אַ ראָק. אונטער פּעראָווסקאַיאַ'ס האַנט איז זי געווען עטליכע מאָנאַט. דורך איהר באַגעהן זיך, דורך איהר ליבען שמייכעל, האָט די קראַנקע זי אַזוי ליב באַקומען, אַז יענע פּלעגט פאַרזיכערען, אַז ווי זי דערזעהט נאָר פּעראָווסקאַיאַ'ן, ווערט איהר שוין בעסער.

ווינטער פונ'ם יאָהר 1877 האָט זיך ענדליך אָנגעהויבען דער לאַנג ערוואַרטעטער פּראָצעס פון די 193, אין וועלכען עס זיינען געווען פאַרמישט צוזאַמען מיט פּעראָווסקאַיאַ'ן כמעט אַלע מיט־גלידער פונ'ם קרוזשאָק פון די טשאַיקאָווצי'ס.

עס וועט ניט זיין איבעריג צו דערצעהלען איינינע קליינינ־קייטען פון איהר ערשטער ערשיינונג פאַר'ן פּובליקום; וואָרים זיי כאַראַקטעריזירען זי זעהר גוט.

אַלע באַשולדיגטע האָבען געוואוסט, אַז די רעגירונג האָט שוין באַשטימט די אורטיילען, איידער נאָך די געריכטס־פאַרהאַנדלונג האָט זיך אָנגעהויבען. קיינער האָט ניט געוואָלט זיין אַ שפּילבעל ביי דער רעגירונג אין די הענט, און כמעט אַלע האָבען באַשלאָסען צו פּראָטעסטירען געגען אַזאַ געריכטס־קאָמעדיע דורך דעם, וואָס זיי וועלען זיך ענטזאַגען צו נעמען אַנטייל אין איהר. די רעגירונג, אַז זי האָט דערהערט אַזאַ פּראָטעסט, האָט פון איהר זייט באַ־שטימט, ערשטענס, אַרויסצוטרייבען דאָס פּובליקום, וואָס אונ־טערשטיצט די אָנגעקלאָגטע מיט זיין אָנוועזענהייט; און צוויי־טענס, צוטיילען אַלע באַשולדיגטע אין 17 גרופּען; יעדע גרופּע זאָל מען אַריינפירען באַזונדער; דערמיט האָט זי געמיינט שוואַ־כער צו מאַכען די קראַפט פון זייער ווידערשטאַנד. איינינער־מאַסען האָט עס אויך די רעגירונג דערגרייכט.

פּעראָווסקאַיאַ'ן איז אויסגעפאַלען דער גורל צו זיין אין דער ערשטער גרופּע. אַזוי ווי זי איז געווען די איינציגע אין דער גרופּע, וועלכע איז געווען פריי, ניט געזעסען אין געפענגנים, האָט מען זי אויף מאָרגען אין דער פריה אַריינגעפיהרט אין דעם געריכטס־זאַל. זי האָט ניט אויספּייעט גיט זיך דורכצורייסען, ניט זיך דורכ־צושרייבען מיט די געגנאַסען, און האָט גאָר קיין בעגריף ניט געהאַט, אויב עס איז איצט נייטיג, צוועקמעסיג, און איבערהויפּט אויב

עס איז מעגליך פאַרטצוזעצען דעם פּראָטעסט איינציגווייז אין דערזעלבער פאָרם, ווי מען האָט פריהער באַשלאָסען. זי האָט גע־דאַרפט אָנהויבען. זי האָט געדאַרפט שטעלען אויף זיך. נאַטירליך, האָט זי אויך ריזיקירט דערביי; ווארים אויב איהר פּראָטעסט וואָלט געווען דער איינציגער, וואָלט מען זי שווער באַשטראָפט, בעת ווען איצט, זייענדיג אַרויסגעלאָזט אויף גאַראַנטיע, האָט זי ניט ערוואַרט קיין שטרענגע שטראָף.

איהר לאַגע איז געווען אַ שווערע. אָבער דאָס געפיהל פון חבר'שאַפט, פון גענאָסענשאַפט, האָט איהר אַרויסגעהאָלפען. די ערשטע פּאָר מינוט איז זי נאָר געווען עפּעס אַזוי ווי אין אַ פאַר־לעגענהייט; באַלד אָבער האָט זי ערקלערט, אַז זי קען ניט נעמען קיין אַנטייל אין דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג, ווייל זי זעהט אין דעם זאָל קיינעם ניט פון די, מיט וועלכע זי טיילט אַלע אי־בערצייגונגען, און מיט וועלכע זי וויל אויך טיילען דאָס שיקזאַל.

מען האָט זי אַרויסגעלאָזט פריי. זי האָט אָבער גוט פאַרשטאַ־נען, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבען ביי אונז אַזעלכע באַפרייאונגען, און זי איז נעלם געוואָרען. פון דער צייט הויבט זיך אָן איהר אונלעגאַלעס לעבען.

מעהר ווי אַ יאָהר בלייבט זי דאָך נאָך שטעהן אין אַ זייט פון'ם זידענדען, רוישענדען רעוואָלוציאָנערען שטראָם. איהר גאַנ־צע אַרבייט איז קאָנצענטרירט נאָר אויף איין זאַך: צו באַפרייען איהרע קאַמעראַדען, וועלכע מען האָט פאַראורטיילט אַריינגעוואָר־פען צו ווערען אין די צענטראַל־פעסטונג. אָט די מענשען זיינען פאַר איהר געווען ניט נאָר פאַרשטעהער פון אידעען, וועלכע זיי־נען איהר אַזוי טייער, נאָר אויך פריינט; פריינט, אין וועלכע זי האָט זיך אַליין געזעהן; פריינט, וועלכע מען טרעפט נאָר אין רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפטען, וואָס פאַרשלינגען דעם מענשען אין גאַנצען, מיט אַלע זיינע געפיהלען און סימפּאַטיען, מיט אַלע ליידענשאַפטען און געדאַנקען; וואו דאָס געפיהל פון פריינד־שאַפט דערגרייכט אַזאַ קראַפט און אַזאַ טיפקייט, אַז אַלע באַנדען פון דער נאָהענסטער פאַרוואַנדשאַפט זיינען גאָרניט נעגען דעם.

דערפון קען מען פארשטעהן, ווי גרויס איז געווען די ליידענ־שאַפט, מיט וועלכער פּעראָווסקאַיאַ האָט זיך איבערגעגעבען דער אַרבייט צו באַפרייען די אַזוי־גערופענע „צענטראַלאַטשני׳ס“.

דער ערשטער, וועמען זי האָט גערעכענט צו באַפרייען, איז געווען מ י ש ק י ן, אַ מעכטיגער אָראַטאָר און דער העלד פון׳ם פּראָצעס פון די 193. מען האָט אָנגעהויבען נאָכקוקען נאָך דער פעסטונג און נאָכ׳ן וועג; מען האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע חברה מיט דעם ציעל איבערצונעמען מישקינ׳ען אויפ׳ן וועג. וואַרשיינ־ליך האָט די פּאָליציי עפּעס דערשמעקט דערפון, אָדער גיכער האָט זי זיך אָנגעשטויסען, וואָרים נאָך זיין רעדע האָט מען אומעטום גערעדט, אַז עס איז נויטיג מישקינ׳ען צו באַפרייען. אַזוי צי אַזוי, די רעגירונג איז געווען זעהר פּאָרזיכטיג, האָט געמאַכט עטליכע פאַלשע מאַנעווערעס, און די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געלאָזט אָפּנאַרען. ערשט דאַן האָבען זיי ערפאַהרען אַז מען האָט מישקינ׳ן אַוועקגעשיקט, ווען ער איז שוין געווען אין צענטראַל־געפענגניס.

וואָס מיט ס אָ נ י אַ ׳ ן איז געווען דאַן, ווען דאָס איז ניט געלונגען, איז זיך שווער פאָרצושטעלען. איינעם פון די אָנטייל־נעמער האָט זי גראָד אין יענעם טאָג געזעהן. אָהן אַ פאַרוואָס האָט זי זיך אויף איהם אַרויפגעוואָרפען, האָט זיך אויף איהם אויסגע־בייזערט, איהם גוט אויסגעשאָלטען. נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַבי־סעל בארוהיגט, האָט זי פעסט באַשלאָסען, צו באַפרייען די אַנ־דערע אום יעדען פּרייז. זי איז אַרומגעגאַנגען כסדר בייז, און נאָך איהר קראַנקע (אויף איהרע הענט האָט זי דאַן געהאַט אַ שוואַנ־גערע פרוי, ס., זעהר אַ שוואַכע און אַ קראַנקע) האָט זי באַהאַנדעלט אַזוי פריינדליך, אַזוי אויפמערקזאַם, ווי שטענדיג.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו באַפרייען איינעם פון די אַנ־דערע פיער צענטראַלאַטשני׳ס אין דער צייט, ווען מען וועט זיי פיהרען אויף פּאָסט־פערד פון כ אַ ר ק אָ ו ו ביז דעם אָסטראָג: ד אָ ג אָ ט ש אָ ו ו ׳ ן, ק אָ וו אַ ל י ק ׳ ן, ו ו אָ י נ אַ ר אַ ל־ס ק י ׳ ן אָדער מ ו ר אָ ו ו ס ק י ׳ ן, וועמען עס וועט געלינ־גען. דעם ערשטען און דעם צווייטען האָט מען דורכגעלאָזט. וואָי־

נאַראָלסקי'ן איז געלונגען צו כאַפּען. איינער פון אונזערע, ב., אַנ־געטאָן פאַר אַן אָפיציר, וואָס פאָרט פון כאַרקאָוו אין אַן אייגענעם װעגעלע, האָט אָפּגעשטעלט דעם וואָגען, וואו עס איז געזעסען דער אַרעסטאַנט מיט צוויי זשאַנדאַרען. אונזערע צוויי רייטער זיי־נען באַלד צוגעקומען צום פּאָסט-וואָגען, און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָס, וועלכער האָט איינעם פון די זשאַנדאַרען באַלד אַנידערגעלעגט טויט. די פערד האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און האָבען זיך געלאָזט לויפען אין פולען גאַלאָפּ. די רייטער זיינען זיי נאָכגעלאָפען, און אין פאָהרען האָבען זיי געשאָסען אויפ'ן זשאַנדאַר און אויף די פערד. אָבער קיין איין שאָס פון די אַלע ניין, וועלכע זיי האָבען געגעבען, האָט דעם זשאַנדאַר ניט גע־טראָפען. איינציגע קוילען זיינען געבליבען שטעקען אין די פערד, דאָס האָט זיי אָבער נאָך שטאַרקער געטריבען. כמעט ביז דער סטאַנציע האָבען אונזערע נאָכגעיאָגט, פּראַכטענדיג יעדע גע־פאַהר. ערשט דאַן האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט, ווען זיי האָבען שוין מעהר קיין קוילען ניט געהאַט, און זייערע קאַליקע פערדלעך האָבען שוין קיין קראַפט ניט געהאַט ווייטער צו לויפען.

דער זשאַנדאַר מיט'ן אַרעסטאַנט זיינען אַרוים פון די הענט. עס איז זיי ניט געלונגען. זיי האָבען באַגאַנגען אַ פעהלער: איי־דער זיי האָבען אָנגעהויבען שיסען, האָבען זיי באַדאַרפט ביים פור־מאַן אַרויסרייסען די לייצעס, אָדער אָפּשניידען די רימענס, כדי די פערד זאָלען ניט קענען מיטציהען דעם וואָגען. זיי האָבען אָבער אויסגעקויפט דעם פעהלער מיט זייער צווייטער טאַפּפער־קייט, וועלכע האָט זיי כמעט דאָס לעבען געקאָסט. עטליכע מינוט שפּעטער איז פון דער סטאַנציע אַרויסגעפאָהרען אַ וואָגען מיט זעקס זשאַנדאַרען, וועלכע האָבען זיך אומגעקעהרט פון ב ע ל ג א ־ ר א ד ס ק י געפענגניס, וואוהין זיי האָבען אָפּגעפיהרט די פריי־הערינע אַרעסטאַנטען. ווען אונזערע וואָלטען נאָכגעיאָגט נאָך איין האַלבען וויאָרסט, וואָלטען זיי זיכער אַריינגעפאַלען אין זייערע הענט.

פּעראָווסקאַיאַ האָט אָבער דאָ ניט געוואָלט וויסען פון קיין

שוינונג. אָהן רחמנות האָט זי געשאָטען פּאַרווירפע אויף איהרע קאַמעראַדען, וועלכע זיינען שוין אַזוי אויך געווען גענוג דערשלאַ־גען. די האַנדלונג האָט זי אַנגערופען „אַ מאוס'ע, אַ שענדליכע פאַר דער רעוואָלוציע". זי האָט ניט אַנגענומען קיין טענות, און האָט נאָר געשריען: „פאַר וואָס האָט איהר ניט געטראָפען?... פאַר וואָס ניט געיאָגט ווייטער?"

פון כאַרקאָוו האָט מען דערווייל געמוזט וואָס אַם גיכסטען אוועקפאָהרען, וואָרים, דורך די צוריקגעקומענע זשאַנדאַרען וואָלט די פּאָליציי געקענט אויסגעפינען די אונזעריגע נאָך די הייסע, פריי־שע שפּורען. דעמזעלבען טאָג האָבען אַלע מיט אַמאָל ניט גע־קענט פאָהרען, און מען האָט זיך צוטיילט אויף צוויי גרופּעס. די ערשטע, די גרעסערע, איז באַלד אַוועקגעפאָהרען אָהן יעדע הינ־דערנים. אָבער אין צוויי אָדער דריי טעג אַרום, ווען די צווייטע גרופּע, וועלכע איז אינגאַנצען באַשטאַנען פון דריי מענשען, איז גע־קומען אויפ'ן וואָקזאַל, זיינען שוין ביי אַלע טירען געשטאַנען דינער פון די הייזער, וואו זיי האָבען פריהער געוואוינט. איינער האָט אַנגעוויזען אויף פאָמינ'ען, און מען האָט איהם באַלד אַרעסטירט. די אַנדערע צוויי האָט מען ניט דערקענט, און זיי איז געלונגען אַוועקצופאָהרען. פּעראָווסקאַיאַ אָבער האָט אויף די אַלע שטרענגע פּאָליציייסקע נאָכפאָרשונגען און זוכונגען גאָר ניט געקוקט; זי האָט באַשלאָסען ניט אַוועקצופאָהרען, און פלעגט פאַרזיכערען, אַז עס איז ניטאָ קיין געפאַהר, און מען דאַרף ווייטער אַרבייטען אין דער זאַך.

דאָס דאַרף מען זאָגען אין אַלגעמיין, אַז פּעראָווסקאַיאַ האָט זיך גאָרניט געהיט. אַט דאָס קליינע, חנ'עווזדיגע, לאַבענדיגע מיי־דעל פלעגט דורך איהר אונערשראָקענהייט ברענגען אין ערשטוינען די טאַפּפערסטע, די מוטיגסטע מענער. זי האָט גאָרניט פאַרשטאַ־נען, וואָס עס הייסט אַזוינס מורא האָבען, און דערפאַר האָט זי קיינמאָל ניט באַמערקט די געפאַהר דאָרט, וואו אַנדערע האָבען זי געזעהן. כדי צו באַווייזען, ווי אונפאַרזיכטיג זי איז געווען, איז גענוג צו זאָגען, אַז נאָך דער מאָסקווער עקספּלאָזיאָן האָט זי זיך

אַרומגעדרעהט אינאיינעם מיט די אַרבייטער פון דער אייזענבאַהן אַרום דער מינע, וועלכע איז געווען, ווי עס איז באַקאַנט, לעבען ס ו כ אַ ר ו ק אָ ו ו ׳ ס הויז; און דאָס האָט זי געטאָן נאָר דער־פאַר, ווייל איהר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער וויסען די רעזולטאַ־טען פון דער עקספּלאָזיאָן. זי אַליין האָט אָבער קיינמאָל ניט געּ־וואָלט נאָכגעבען, אַז זי איז אונפּאַרזיכטיג. צום גליק פּלעגט זי זיך שטענדיג קענען אַרויסדרעהען פון יעדער געפעהרליכער לאַגע. באַזונדערס פּלעגט איהר אין אַזעלכע פעלע העלפען איהר קענען פאַרשטעלען זיך. זי האָט זעהר גוט געקענט נאָכמאַכען די פּראָסטע רוסישע פרויען, די מעשטשאַנקעס; און דאָס האָט מעהרערע מאָל געראַטעוועט אי זי אַליין, אי די אונטערנעהמונגען.

אַ סך ביישפּילען קען מען ברענגען, וועלכע ווייזען איהר געּ־שיקטקייט. מיר וועלען דאָ נאָר דערצעהלען צוויי פון דער אינ־טערעסאַנטער צייט, ווען זי האָט גענומען אַנטייל אין דער מאָס־קווער מינע. זיי זיינען דעם פּובליקום ניט באַקאַנט, ווייל אין די געדרוקטע באַריכטען פון דעם דאָזיגען פּראָצעס ווערען זיי ניט דערמאָנט.

איין טאָג איז צו ס ו כ אַ ר ו ק אָ ו ו ׳ ן אַריינגעגאַנגען זיין שכן, אַ סוחר. ער האָט געוואָלט איבעררעדען מיט איהם וועגען דאָס הויז, וואָס סוכאָרוקאָוו האָט איהם געוואָלט פּאַר׳משכנ׳ען. גראָד האָט ער דעם בעל־הבית ניט געטראָפען אין דער היים. פּע־ראָווסקאַיאַ האָט אָבער בשום אופן ניט געטאָרט דערלאָזען דעם אונערוואַרטעטען באַזוכער באַקוקען דאָס הויז; יעדענפאַלס האָט זי געמוזט אַביסעל אָפּציהען די צייט, פּאַררעדען איהם די ציינער, כדי די קאַמעראַדען זאָלען דערווייל קענען באַהאַלטען אַלעס, אויף וואָס עס קען נאָר פאַלען אַ פאַרדאַכט.

זי האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם סוחר און האָט איהם איבערגעפרעגט. יענער האָט ווידערהאָלט. פּעראָווסקאַיאַ מאַכט זיך, אַז זי פאַרשטעהט ניט און גאַנץ נאַאיוו פרעגט זי איבער נאָך אַמאָל. דער סוחר גיט איהר צו פאַרשטעהן, באַמיהט זיך איהר קלאָר צו מאַכען וואָס ער וויל, אָבער די נאַרישע בעל־הבית׳טע

קען דאָך ניט באַגרייפען, און זאָגט:

— איך ווייס ניט, ניין! ווי אַזוי מ י כ אַ י ל אַ א י וו אַ נ י ט ש וועט שוין זאָגען.

יענער קריכט פון דער הויט, ווענדט אָן אַלע קרעפטען, אום איהר וואָס איינפאַכער צו ערקלעהרען, און פּעראָווסקאַיאַ שרייט אין איין קול:

— אָט, מיכאַילאַ איוואַניטש וועט קומען. איך ווייס ניט, ניין!

לאַנג נאָך האָבען זיי זיך אַזוי געדולט. די קאַמעראַדען, וועלכע זיינען געוועזן פאַרשטעקט אין אַ קעמערל הינטער אַ דינער ווענטעלע און האָבען געקוקט דורך די שפּאַלטען אויף דער גאַנצער סצענע, זיינען שיער ניט דערשטיקט געוואָרען פון'ם איינגעהאַלטענעם געלעכטער: אַזוי נאַטירליך האָט זי געשפּילט די ראָלע פון אַ דומער מעשטשאַנקע. אפילו די הענט האָט זי געהאַלטען צונויפגעלעגט אויפ'ן בויך — ווי דער שטייגער איז פון די מעשטשאַנעס.

דער סוחר האָט ענדליך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, לאָז שוין זיין, איך וועל שפּעטער קומען!

ער איז אַוועקגעגאַנגען, און פּעראָווסקאַיאַ איז געבליבען זעהר צופרידען.

אָן אַנדערסמאָל האָט אויסגעבראָכען אַ פייער לעבען הויז. אַלע שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפען, די זאַכען אַרויסטראָגען. פּעראָווסקאַיאַ האָט געזעהן, אַז מען וועט אָהער אויך אַריינקומען. און דאַן איז אַלעס פאַרלאָרען. וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַ תירוץ געפינט מען עפּעס, קיינעם ניט אַריינצולאָזען? זי האָט זיך אָבער דאָ אויך ניט פאַרלאָרען: זי האָט געכאַפּט אַן איקאָנע (אַ הייליג-בילד), איז אַרויסגעלאָפען אין הויף און מיט די ווערטער: „טשעפּעט ניט, טשעפּעט ניט, גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט!" האָט זי זיך געשטעלט אַנטקעגען פייער און איז געשטאַנען די גאַנצע צייט, ביז דאָס פייער איז פאַרלאָשען געוואָרען. אין הויז האָט זי קיינעם ניט אַריינגעלאָזט מיט

דעם אויסרייד, אַז ווען גאָט שטראָפט, דאַרף מען נאָר תפלה טאָן צו איהם.

*   *
*

אין אַ וואָך דריי אַרום נאָכדעם ווי די באַפרייאונג פון וואינאַראַלסקי'ן איז ניט געלונגען, האָט זיך געטראָפען אַ קליינער פאַל, וועלכער האָט פעראָווסקאַיאַ'ן אָפּגעריסען אויף אַ קורצער צייט פון דער אַרבייט. זי איז אַוועקגעפאָהרען אין קרים, אין זייער אימעניע פ ר י מ אַ ר ס ק אַ י ע, צו זעהען זיך מיט דער מוטער. זי האָט גערעכענט, אַז די פּאָליציי איז ניט אַזוי געשיקט, ניט אַזוי פלינק, מען וועט זי ניט דערקענען. זי האָט אָבער אַ טעות געהאָט; מען האָט זי באַלד אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אַדמיניסטראַטיוו קיין פּ אָ ו ו ע נ י ע ץ, אין דער באַגלייטונג פון צוויי זשאַנדאַרען. זי האָט באַשלאָסען צו אַנטלויפען ביים ערשטען בעסטען צופאַל. און זי איז ווירקליך גאָר גיך אַנטלאָפען אַליין, אָהן פרעמדער הילף. און נאָך איידער מען האָט רעכט געוואוסט פון דעם, איז זי שוין געווען אין פּעטערבורג. מיט אַ געלעכטער האָט זי דערצעהלט די איינצעלהייטען פון דעם שפּיצעל וואָס זי האָט אָפּגעטאָן. די זשאַנדאַרען האָבען זי זעהר שטאַרק געהיט ביי טאָג; ביינאַכט אָבער, האָבען זיי גערעכענט, וועט זיין גענוג, ווען זיי שלאָפען מיט איהר אין איין צימער; איינער האָט זיך געלעגט ביים פענסטער, דער אַנדערער ביי דער טיר. זיי האָבען אָבער ניט באַמערקט, אַז די טיר עפענט זיך ניט פון אינעווענִיג, נאָר פון דער אַנדערער זייט. ווי די זשאַנדאַרען האָבען נאָר אָנגעהויבען כראָפּען, האָט פעראָווסקאַיאַ שטיל געעפענט די טיר, האָט אפילו ניט אָנגעריהרט איהר „צערבער" *), אַריבערגעשפּאַנט איבער איהם און איז אונבאַמערקט אַרוים פון וואָקזאַל. זי איז אָביסעל

*) „צערבער" האָט געהייסען ביי די גריכען דער דריי־קעפּיגער הונט, וועלכער האָט געהיט דעם מיטאָלאָגישען גיהנום.

געזעסען אין וועלדעל און מיט'ן ערשטען נאַכט־צוג איז זי אוועק קיין פּעטערבורג. קיין בילעט האָט זי ניט גענומען, כדי די זשאַנ־דאַרען זאָלען דורך דעם קאַסירער גאַרניט קענען ערפאַהרען. פאַר'ן קאָנדוקטאָר האָט זי זיך פאַרגעשטעלט אַלס דאַרפסבאַבע, וועלכע ווייס ניט, ווי אַזוי עס געהט דאָ צו, צי מען דאַרף אַ בילעט, צי ניין. קיין חשד איז ניט געפאַלען, און דער קאָנדוקטאָר האָט איהר גענעבען אַ בילעט. אויף אַזאַ אופן איז זי זיך גאַנץ רוהיג דערפאַה־רען ביז פּעטערבורג, בעת ווען די אויפערוואַכטע זשאַנדאַרען אין טשודאָוואַ זיינען אַרומגעלאָפען, ווי די משוגעים, זוכענדיג די אַנטלאָפענע.

אַלס אינטערעסאַנטער פאַקט פאַר פּעראָווסקאַיאַ'ס כאַראַק־טעריסטיק, דאַרף מען נאָך זאָגען פאָלגענדעס: זי האָט געקענט אַנטלויפען אַ סך מאָל אויפ'ן וועג. פיעלע צופעלע האָט זי געהאַט דערצו; זי האָט עס אָבער ניט געטאָן, ווייל פון סימפעראָ־פּאָל אָן האָט זי כסדר געקראָגען, ווי אויף צו־להכעיס, „גוטע“ זשאַנדאַרען, וועלכע פלעגען זי ניט אַזוי שטאַרק היטען, און זי האָט זיי ניט געוואָלט אַריינברענגען אין אַן אונגליק. גראָד שוין ניט ווייט פון פּעטערבורג האָט זי, צום גליק פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, אַנגעטראָפען זשאַנדאַרען, עכטע „צערבערען“.

אין פּעטערבורג איז זי ניט לאַנג געבליבען. דער געדאַנק צו באַפרייען די חברים איז נאָך ביי איהר שטאַרקער געוואָרען נאָך דעם אַלעם, וואָס איז ניט געלונגען. זי איז אַוועקגעפאַהרען אין כאַרקאָוו, און כאָטש איהר לאַגע אין דער שטאָדט איז געווען זעהר געפעהרליך, פונדעסטוועגען האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבייט און נאָך שטאַרקער ווי פריהער. זי האָט שוין איצט פאַרקלערט צו באַפרייען אַלע, אָדער דעם גרעסטען טייל פון די געפאַנגענע. אונגעהייער שווער איז געווען אַזאַ אונטערנעמונג, און פּעראָוו־סקאַיאַ'ס אונלעגאַלע לאַגע האָט עס נאָך שווערער געמאַכט. דאָך איז זי די ערשטע שוועריגקייטען איבערגעקומען. זי האָט אויס־געפונען פאַסענדע מענשען, האָט געשטעלט אַ וואַך, וועלכע האָט

גוט נאָכגעקוקט דעם צענטראַל־געפענגנים; זי איז שוין אפילו געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די אַרעסטאַנטען. פון די בריעף, וועלכע זי האָט אין יענער צייט געשריבען קיין פּעטערבורג, האָט מען אַרויסגעזעהן, ווי שטאַרק דער גלויבען איז, אַז דער פּלאַן וועט איהר געלינגען. זי האָט נאָר געבעטען אונטערשטיצונג מיט געלט און מענשען. געלט האָט מען געשיקט גענוג; אין מענ־שען איז אָבער אַלע מאָל געווען אַ נויט, ווייל עס איז געווען אַ מאַסע אַנדערע זאַכען, צו וועלכע מען האָט זיי געדאַרפט האָבען. די גאַנ־צע אַרבייט האָט אַלזאָ פּעראָווסקאַיאַ געדאַרפט אויסהאַלטען כמעט אויף איהרע פּלייצעס. ניט קוקענדיג דערויף וואָס די אונטערנע־מונג האָט ביי איהר צוגענומען אַזוי פיעל צייט, האָט זי נאָך גענומען אויף זיך צוצושטעלען די געפאַנגענע עסען, ביכער, קליי־דער, און האָט אַלעס דורכגעפיהרט מיט איהר געוועהנליכען פלייס און טרייקייט. וויפיעל מיה, וויפיעל שווערע מיה האָט עס איהר געקאָסט! צוויי, דריי טעג פלעגט זי מוזען אַרומלויפען איבער די מאַגאַזינען, אום עפּעס צו קויפען פאַר די „צענטראַלאַטשני'ס“, כדי זי זאָל ניט ברענגען קיין פאַרדאַכט אויף זיך. און די אַלע באַשעפטיגונגען האָבען איהר ניט געשטערט אַריינצוטרעטען, מיט אַ פאַלשען פּאַס נאַטירליך, אין די אַקורשעסקי קורסען, דורכגעהן זיי אַלע אין אַכט מאָנאַט, אויסגעצייכענט אויסהאַלטען דעם עקזאַ־מען און קריגען אַ דיפּלאָם. דאָס האָט זי געטאָן פאַר שפּעטער, ווען זי וועט זיך באַזעצען אין אַ דאָרף צו פּראָפּאַגאַנדירען אונטער די פּויערים. אין דערזעלבער צייט האָט זי אויך געפיהרט פּראָ־פּאַגאַנדאַ צווישען דער יוגענד און האָט אָרגאַניזירט אין כאַרקאָוו אַ קרוזשאָק, וועלכער האָט זיך געהאַלטען מעהר פון צוויי יאָהר.

עס קוקט כמעט אויס ווי אַן אונמעגליכע זאַך. ווי אַזוי קען עס אַ מענש אין איין צייט טאָן אַזוי פיעל אַרבייט?! אָבער ביי פּעראָווסקאַיאַ'ן איז עס געווען גאַנץ איינפאַך, דאָס איז געלעגען אין איהר כאַראַקטער. אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט האָט זי אַריינגעלעגט דיזעלבע טיכטיגקייט, וועלכע דער ענגלישער באַנ־קיר, וואָס האָט באַשאַפען דאָס ווערטעל: „טיים איז מאָני“ (צייט

איז געלט), לעגט אריין אין זיינע געשעפטען. זי איז ניט געווען קיין ארטיסט פון דער רעוואָלוציאָן, נאָר איהר ארבייטער, איהר טיכטיגער געשעפטסמאַן. זי איז אזוי ווייט געווען דורכדרונגען פון דער אידעע, אז פאַר קיין אנדער זאך האָט זי ניט געהאַט ניט קיין צייט, ניט קיין געדאַנקען. זעהר זעלטען פלעגט ביי איהר אַ מינוט פאַרלאָרען געהן. איז זי געקומען צו איינעם, איז עס נאָר געווען וועגען אַ געשעפט; אַפּגעזעסען אזוי לאַנג, וויפיעל דאָס געשעפט האָט פאַרלאַנגט און אוועקגעגאַנגען; זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרגונען צו פאַרשווענדען אָבענדען, אפילו שטונדען, נאָר אויס דעם פאַרגניגען צו זיין אין אַן אנגענעהמער געזעלשאַפט. ניט דערפאַר, ווייל זי האָט ניט ליעב געהאַט קיין מענשען, אַ ניין! זי האָט זיי זעהר ליעב געהאַט, זי האָט זעהר גערן געהאַט אַ געזעלשאַפט, אָבער די „זאך" איז ביי איהר געווען טייערער; די „ארבייט" איז ביי איהר געשטאַנען העכער פון אַלעם. זי פלעגט זיך אַמאָל יאָ אריינלאָזען אין אַ געשפּרעך מיט גוטע ברידער, אָבער נאָר אויף עטליכע מינוט, באַלד פלעגט איהר ווערען לאַנגווייליג; און אזוי איינפאַך, אזוי נאַטירליך, ווי זי האָט ערשט גערעדט און געלאַכט, אזוי פלעגט זי אויך פאַרלאָזען די געזעלשאַפט און אוועקגעהן. שעהן איז געווען צו זעהן, ווי זי פלעגט געהן אזוי גיך איבער די פּעטערבורגער גאַסען, די הענט פאַרלעגט אין די ארבעל פון'ם פּאַלטאָ, אדער אין אַ קליינע מופטע; דעם בלאָנדען, גלאַט־פאַרקעמטען קאָפּ אייגנעבויגען אביסעל פאָרווערטס; די אויגען אראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ערנסט, פאַרטיפט אין געדאַנקען, גלייך ווי דאָ אפילו האָט זי מורא געהאַט צייט צו פאַרלירען. און אזאַ לעבען האָט זי געקענט פיהרען מאָנאַטענלאַנג, יאָ, יאָהרענלאַנג, ווארים דאָס איז געלעגען אין איהר נאַטור, זי האָט עס ניט געטאָן מיט געוואַלט.

און דאָך, אפילו מיט איהר ענערגיע, מיט איהרע פעהיגקייטען און שטאַנדהאַפטיגקייט, איז אויך געווען אונמעגליך אויסצופיהרען די קאָלאָסאַלע, די שרעקליך גרויסע ארבייט, וועלכע זי האָט אונטערנומען. ביסלעכווייז האָט די אָרגאַניזאַציע „זעמליאַ אי וואָ־

ליאַ" *) גאַר אויפגעהערט זי צו שטיצען. דער קאַמף מיט דער רעגירונג איז אַזוי גרויס געוואָרען, אַז ער האָט פאַרשלונגען אַלע כחות. פעראָווסקאַיאַ האָט געטהאָן אַלעס מעגליכע און אַלעס אונמעגליכע, אום וועמען ניט איז אַריינצוציהען אין איהר אונטערנעמונג. אין דער צייט אָבער האָט דער בונד „זעמליאַ אי וואָליאַ" געליטען אַ שרעקליכען קלאַפּ. דאָס אַזי געווען אין אַ פּאָר מאָנאַט אַרום נאָכדעם ווי מען האָט דער'הרג'עט מעזענצעוו'ן. די טיכטיגסטע מיטגלידער זיינען אַרעסטירט געוואָרען, די פערבינדונגען זיינען געוואָרען אונמעגליך, און דורכדעם האָבען זיך אויסגעלאָזט אַלע געלט־מיטלען. יעדער איינער פון די, וואָס זיינען נאָך געבליבען פריי, האָט געמוזט אַרבייטען פאַר צעהן, אום נאָר אָפּצוהיטען, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל אינגאַנצען ניט פאַלען. ביי אַזאַ לאַגע האָט מען גאָרניט געקענט דענקען וועגען דער באַפרייאונג פון די צענטראַלאַטשני'ס. פעראָווסקאַיאַ האָט עס פאַרשטאַנען. ווי ביטער, ווי שרעקליך ביטער איז איהר געווען, דאָס צו פאַרשטעהן! אַזוי האָט זי אויסגעזעהן גאַנץ רוהיג; ביינאַכט אָבער פלעגט זי באַהאַלטען דעם קאָפּ אין קישען און וויינען, ביטער וויינען. און ווי אַזוי האָט זי דען ניט געזאָלט וויינען?! זי איז איצט געווען געצוואונגען אָוועקצוואַרפען איהרע קאַמעראַדען, איהרע פריינט, וועלכע זי האָט אַזוי אונענדליך געליעבט; און זיי אַוועקוואַרפען אויף שטענדיג; וואָרים זי האָט שוין קלאָר

*) „זעמליאַ אי וואָליאַ" (לאַנד און פרייהייט) האָט געהייסען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע און אויך איהר געהיימער אָרגאַן אין רוסלאַנד. דערנאָך האָט זי זיך צוטיילט אויף צוויי טיילען: איינע האָט אַרויסגעגעבען די צייטונג „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", און די אַנדערע „טשאָרני פּערעדעל". די טשאָרנאָ־פּערעדעלצי'ס" האָבען נאָר געהאַלטען פון פּראָפּאַגאַנדאַ. אין פּאָליטיק האָבען זיי זיך ניט געמישט; זיי האָבען געהאַלטען, אַז די פּאָליטיק שטערט נאָך דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. די נאַראָדאָוואָלצי'ס זיינען עס געווען די טעראָריסטען.

געזעהן, אַז דאָס וואָס עס איז איצט אוממעגליך, וועט שפּעטער זיין נאָך אוממעגליכער.

.3

אין סוף פון יאהר 1878 איז פּעראָווסקאַיאַ געקומען קיין פּעטערבורג, און פון דער צייט הויבט זיך ערשט אָן איהר טעטיגע ארבייט און איהר אָנטיילנעמען אין דער באַוועגונג. אַבער קומענ־דיג צוריק נאָך אַזאַ לאַנגער אָפּוועזענהייט, האָט זי געטראָפען גרויסע ענדערונגען. אַלעס האָט זיך געביטען: די מענשען, די טענדענצען, דער אופן פון דער אַרבייט. אָהן איהר, אָהן איהר וויסען האָט זיך דאָ אָנגעהויבען אַ נייע ריכטונג, פון וועלכער עס האָט זיך שפּעטער געבילדעט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". די פּאָליטישע רעוואָלוציע, וועלכע דער אַלטער דור האָט אַנערקענט אַלס אַן אוננוצליכע און פּרוכטלאָזע, איז איצט אָנגענומען געוואָ־רען פאַר נויטווענדיג, אַלס אַ טרעפּעלע צו דער סאָציאַלער רע־וואָלוציע.

לאַנג האָט עס געדויערט, ביז פּעראָווסקאַיאַ איז צוגעשטאַנען צו דער נייער ריכטונג, וועלכע האָט די ריין־סאָציאַליסטישע טע־טיגקייט אָפּגערוקט אויפ׳ן צווייטען פּלאַן. די נאַראָדאָוואָלצעס האָבען אָנגעווענדעט אַלע קרעפטען, אום זי אַריינצוציהען; דיס־פּוטען זיינען געגאַנגען איינע נאָך די אַנדערע; עס איז אַבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

— מען קען מיט איהר גאַרניט מאַכען! — האָט זשעליאַ־באָוו ניט איין מאָל אויסגעשריען.

די פאַקטען אַבער, דאָס לעבען האָט געזיעגט. ענדליך האָט דאָך פּעראָווסקאַיאַ געמוזט אָוועקלעגען דאָס געוועהר. זי איז צוגעשטאַנען צו דער נייער ריכטונג, וואָרים אין דער ווירקליכקייט איז דאָס געווען דאָס איינציגע פּאַקטיש מעגליכע ביי די באַדינגונ־גען, וועלכע די רעגירונג האָט באַשאַפען. איז זי אַבער צוגעשטאַנען, האָט זי זיך איבערגעגעבען איין גאַנצען, מיט לייב און זעעלע, אַזוי ווי אַלע אַזעלכע נאַטורען; און דאָ, אין דעם מעכטיגען קאַמף

מיט דער זעלבסטהערשאַפט, האָט זי אַרויסגעוויזען אין'ם גאַנצען גלאַנץ איהר טאַלאַנט און ענערגיע.

מיר קענען דאָ ניט דערצעהלען די געשיכטע פון פעראָווסקאַיאַ'ס טעטיגקייט פאַר די לעצטע צוויי יאָהר פון איהר לעבען. דאָס קען מען נאָר באַשרייבען אין אַ גרויסער, פאָלשטענדיגער ביאָגראַפיע, אָבער ניט אין אַזאַ קליינער, קורצער סקיצע.

זי האָט גענומען אַנטייל כמעט אין אַלע אַטענטאַטען, פון וועלכע מען ווייס, און אויך וועלכע זיינען געבליבען אונבאַקאַנט. וואו מען האָט נאָר געדאַרפט עטוואָס אָרגאַניזירען, איז זי געווען דער ניצליכסטער מענש, ווייל דורך איהר קאַלטען, רייכען פאַרשטאַנד האָט זי אימער ריכטיג געשעצט אַלעס, איבערהויפט די קליינינגקייטען, פון וועלכע עס הענגט זעהר אָפט אָפּ דער גוטער אָדער דער שלעכטער רעזולטאַט פון די גרעסטע אונטערנעמונגען. זי איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דעם קרוזשאָק, וועלכער האָט געפיהרט מיט אַזאַ זעלטענעם ערפאָלג די אַרבייטער־באַוועגונג אין פעטערבורג. מיט איהר אייגענער אַרבייט האָט זי זיך נאָך ניט צופרידענגעשטעלט; זי האָט אָרגאַניזירט הילפסגרופען פאַר פריוואַט פונקציאָנען, פאַר ספּעציעלע אויסריכטונגען. און ביי דעם אַלעמען האָט זי געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען מיט דער יוגענד. נאָכדעם ווי זי פלעגט פאַרטיג ווערען מיט איהרע קאָנספּיראַטיווע אַרבייטען, פלעגט זי דעם גרעסטען טייל פון איהר צייט שענקען דער יוגענד, דעם קרייז, פון וועלכען די רעוואָלוציע שעפּט נאָך ביז איצט איהרע הויפּטקרעפטען.

פעראָווסקאַיאַ האָט זעהר ליעב געהאַט אָט דעם קרייז און מען האָט ניט געקענט געפינען נאָך אַ מענשען אין אונזער פּאַרטיי, וועמעס טעטיגקייט זאָל זיין אַזוי פרוכטבאַר אויף דעם באָדען. זי פלעגט געווינען די סאַמפּאַטיע פון דער יוגענד, ווייל זי איז געווען אַזוי פּראָסט, אַזוי איינפאַך, קיינמאָל ניט שטאָלצירט מיט איהר געגענוואָרט. זי פלעגט באַצויבערען די יוגענד מיט איהר טיפען פאַרשטאַנד, זי געווינען מיט איהר איבערצייגענדען ריידען; הויפּטזעכליך אָבער האָט זי געקענט באַגייסטערען אַנדערע דורך

איהר אייגענע איבערגעבענהייט צו דער זאַך, מיט וועלכער איהר גאַנץ וועזען איז געווען דורכדרונגען. דאָרט וואו זי האָט נאָר געוואוינט אַ לענגערע צייט, ווי אין כאַרקאָוו, פּעטערבורג, סימפּע־ראָפּאָל, איז די ליבע און דער ענטוזיאַזם צו איהר אין אַלע קרוזשאָ־קען געווען גרויס. איהר איינפלוס אויף די יונגע הערצער פלעגט קיינמאָל ניט אויפהערען צו ווירקען, וואָרים איהר פּערזאָן אַליין האָט געווירקט אויף די טיפע מאָראַלישע סטרונעס פון דער מענש־ליכער נאַטור.

דורך איהר לאַנגען לעבען אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט, האָט זי זיך אויסגעלערענט צו דערקענען מענשען, און האָט גוט פאַר־שטאַנען, ווי זיך מיט יעדען צו באַגעהן. זעהר ווייניגע האָבען אריינגעבראַכט אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אַזוי פיעל פריי־שע, געזונטע און זיכערע קרעפטען, ווי פּעראָווסקאַיאַ.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלעס, וואָס זי האָט געטאָן פאַר דער רעוואָלוציאָן. מען דאַרף ניט פאַרגעסען די קלייניגקייטען, די טעגליכע, די שטונדיגע לייסטונגען, וועלכע זיינען קוים מערקבאַר. און וועלכע דער היסטאָריקער און דער ביאָגראַף קענען אויך ניט באַמערקען.

פּעראָווסקאַיאַ האָט געהערט צו יענע מענשען, וועלכע זיינען טייערער פון אַלעמען אין יעדער פּאַרטיי, אין יעדער אָרגאַניזאַציע; און דערפאַר איז זשעליאַבאָוו, וועלכער האָט גוט פאַר־שטאַנען מענשען, געווען אין אַ „אונגעוועהנליכער פרייד“, ווען ער האָט מיטגעטיילט זיינע געגנער — די טשאָרנאָפּערעדעלצי׳ס, — אַז סאָפיאַ לוואָוונאַ איז פאָרמעל צוגעשטאַנען צו דער אָגראַני־זאַציע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“.

פאַרשידענע סאָרטען מענשען דאַרף האָבען די לעבעדיגע, קריגערישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, כדי זי זאָל קענען געהן שנעל און שטאַנדהאַפט אויף איהר וועג, וועלכער איז פול מיט דערנער. זי דאַרף האָבען דענקער, וועלכע זאָלען קענען טרעפען, וואָס יעדער מאָמענט פאָדערט. זי דאַרף האָבען פאָעטען און נביאים, וועלכע זאָלען קענען, אין די שווערע צייטען פון צוויפעל,

אויפמונטערען די גענאָסען, אריינגיסען אין אַנדערע הערצער זייער אייגענעם באַגייסטערטען גלויבען אין דער צוקונפט פון דער פּאַרטיי און אין זיך אַליין. זי דאַרף האָבען קריגער, וועלכע זאָלען זיך רייסען צום קאַמף אוים ליבע צו איהם, און דורך בעם פאַרהינדערן דעם איינפלוס פון די סקעפּטיקער און די לאַנגזאַמע. זי דאַרף האָבען אַגיטאַטאָרס, אָראַטאָרס, פינאַנציסטען.

די אַלע פוקציאָנען זיינען אַזעלכע, וואָס קענען נאָר דאַן פּאַראייניגט ווערען אין איין האַרמאָנישעס גאַנצע, ווען אין דער אָרגאַניזאַציע זיינען דאָ מענשען פון אַ באַזונדערען טיפּ, וועלכע מען קען רופען מענשען פון רעוואָלוציאָנערער פּליכט, פון אָרגאַ־ניזירטער דיסציפּלין און פּינקטליכקייט. נאָר דורך זיי געהט גוט און ריכטיג די לאַנגווייליגע טעגליכע רעוואָלוציאָנערע ארבייט, פון וועלכער עס העננט אייגענטליך אָפּ דער ערפאָלג פון גרויסע, גלענצענדע טאַטען; אַזוי ווי די העכסטע ערשיינונג פון׳ם מענש־ליכען גייסט העננט אָפּ פון די אונבאַמערקבאַרע פיזיאָלאָגישע פּראָצעסען; אַזוי ווי דער סוף פון גרויסע מלחמות העננט אָפּ פון קליינע, ריין־מאַטעריעלע פראַגען איבער די פּראָוויאַנט און די קליידער פון דער אַרמעע. אָט די שטרענגע צענזאָרס האַלטען שטענדיג אָפען זייער אויג אויף אַלעס, באַזונדערס, אַז דאָס רע־וואָלוציאָנערע געהיימנים זאָל בלייבען בסוד, וואָרים פון דעם העננט אָפּ צוויי דריטעל ערפאָלג אין די קאָנספּיראַטיווע אַרביי־טען. גאָר אָהן רחמנות טרעטען זיי אַמאָל מיט די פים די געפיהלען פון זייערע חברים, אָבער דורך דעם לאָזען זיי ניט צו, אַז די אָרגאַ־ניזאַציע זאָל צופאַלען; און דורך זיי בלייבט זי אַ גאַנצער, אָפּגע־זונדערטער, שטאַרקער און לעבעדיגער אָרגאַניזם, וועלכער קען זעהר ווייט ענטוויקלען אי זיין אַנגריפס־קראַפט אי די קראַפט איבער־צוטראָגען די שלעג פון די שונאים. נעמט צו אַזעלכע מענשען, און די בעסטע אָרגאַניזאַציע וועט פאַלען; עס וועט ווערען פון איהר אַ חורבה, אַזוי ווי אַ געביידע, אין וועלכער דאָס וואַסער האָט מיט אַמאָל אויפגעלייזט דעם גאַנצען צעמענט, אָדער אַזוי ווי אַ קערפּער, פון וועלכען מען זאָל אַרויסנעמען אַלע ביינער.

דערפאַר האָבען מיר זעהר פיעל ביישפּילען, אַז אַזעלכע מענ־שען באַקומען אין אָגאַניזאַציעס אַ גרויסען ווערט און אַ מעכטיגען איינפלוס, ווען זיי האָבען אפילו ניט קיין גרויסע פעהיגקייטען, קיין באַזונדערען טאַלאַנט, קיין מעכטיגען פאַרשטאַנד. ווען אָבער די נאַטור האָט אַזעלכע מענשען אויך מיט מעלות באַשאַנקען, דאַן ווערען זיי גרינדער פון אָרגאַניזאַציעס, מאָראַלישע דיקטאַטאָרס; זייערע נעמען געהען איבער פון איין רעוואָלוציאָנערען דור צום אַנדערען, שוין לאַנג נאָכדעם, ווי זיי אַליין און זייערע געגרינדעטע געזעלשאַפטען זיינען פאַרשוואונדען פון דער געשיכטליכער סצענע.

סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ האָט געהערט צום טיפּ פון אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער. מען האָט באַדאַרפט לאַנג זוכען, און עס איז געווען שווער צו געפינען נאָך אַ מענשען, וועלכער זאָל זיין אַזוי דיסציפּלינירט און דערביי אויך אַזוי שטרענג. זי איז געווען אַזוי שטרענג אין דער אַרבייט, אַז אַ טייל פלעגען זאָגען, זי קען טרייבען מענשען צו זעלבסטמאָרד פאַר'ן קלענסטען פעה־לער. ווי שטרענג אָבער זי איז געווען צו אַנדערע, צו זיך אַליין איז זי געווען נאָך שטרענגער. דער קענטיגסטער צוג אין איהר כאַראַקטער איז געווען דאָס געפיהל פון פליכט. זי האָט דאָס דאָזיגע געפיהל אַם מייסטען ענטוויקעלט אין זיך, עפּעס אַזוי ווי אַלעס אַנדערע אין איהר נאַטור וואָלט געווען פון שוואַכען מאַטע־ריאַל, און זי וואָלט עס וועלען אַרויסטרייבען. און ווירקליך, דורך איהר אייזערנעם ווילען האָט זי פון זיך אויסגעאַרבייט אַן אמת'ען סטאָאיקער, אַ שטאַרקען, שטאַנדהאַפטען מענשען, וועלכער קען אַלעס איבערטראָגען, די שרעקליכסטע קלעפּ פון'ם שיקזאַל, און וועט זיך קיינמאָל ניט בויגען. קיינער האָט פון איהר ניט גע־הערט קיין „אוי", קיין „וועה"; זי האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט. זי האָט אַלעס געקענט באַהאַלטען אין זיך, פאַרדריקען דעם מאָראַ־לישען וועהטאָג, פאַרראַכטען די פיזישע ליידען. אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איז זי געווען, אַז זי האָט גענומען אין איהרע הענט די זאַך פון'ם ערשטען מערץ! ערשט מיט אַ טאָג פריהער איז

אריינגעפאַלען דער מענש, וועלכער איז געווען איהר גרויסע, ער־שטע און איינציגע ליעבע; זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גיהנום־פייער אין הארצען, קראַנק, זיך קוים האַלטענדיג אויף די פיס, האָט אָבער דאָך אויף זיך גענומען די אַנפירונג און האָט עס געפירט ביז צום סוף. אפילו ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער מענש, וועלכער איז איהר אַזוי טייער געווען, וועט זיבער און באַלד פאַראורטיילט ווערען צום טויט, האָט עס איהר פונדעסטוועגען ניט אָפּגעהאַלטען פון דער אַרבייט. זי וואַרפט ניט אַוועק דאָס שלאַכט־פעלד; זי לויפט אַרום איבער דער שטאָדט, אום זיך צו זעהן טעגליכע מאָל אין טאָג מיט די, וואָס נעמען אַנטייל אין דער אַר־בייט. רוהיג, פריש און מונטער אַרבייט זי און פיהרט די געשעפ־טען, ווי פריהער; און קיינעם פון די אַלע, וועלכע האָבען זי אין יענע שרעקליכע טעג געזעהן, פאַלט ניט איין, וואָס ביי איהר אין הארצען קומט פאָר; וואָס פאַר שרעקליכע און אונערטרעגליכע ליידען זיינען פאַרבאָרגען אין איהר ברוסט.

און דאָך, אונטער דעם שטאַנדהאַפטען, רוהיגען אויסערען איז אין דער דאָזיגער העלדישער נאַטור געווען פאַרשטעקט אַן אַנדער צוג, וועלכער פלעגט זיך זעהר זעלטען ארויסווייזען, אַזוי ווי אַ בליץ אויפ׳ן פינסטערען פאַרוואָלקענטען הימעל; אַ צוג, וועלכער האָט אָבער געגעבען איהר ווארט אַן אונגעהייערע מאַכט און איהר האַנד אַן אייזערנע קראַפט.

איהר גייסט איז געווען אַזוי מעכטיג, ווי איהר פאַרשטאַנד. שרעקליך איז די אַרבייט אין יעדען געהיימען בונד, באַזונדערס אָבער ביי די רוסישע באַדינגונגען, וואו די קאָנספּיראַציע האָט גע־מוזט זיין אונאונטערבראָכען. דאָס איז אַן אַרבייט, וועלכע פאַר־מאַטערט, פאַרברענט, אַזוי ווי אויפ׳ן גיהנום־פייער, די שטאַרקסטע טעמפּעראַמענטען. דער גאַנץ פון דער רעוואָלוציאָן פאַרלאַנגט פאַר אַ קרבן ניט דאָס לעבען, ניט דאָס בלוט פון די, וועלכע דינען איהם, — אָה, ווען ער וואָלט נור דאָס פאַרלאַנגט! — נאָר דעם בעסטען זאַפט פון זייערע נערווען און פון זייערע געהירען, דעם מאַרך פון די ביינער, דעם עסענץ פון אַלצדינג, די נשמה פון דער

נשמה: דעם ענטוזיאַזם, דעם גלויבען! אויב ניט פאַרשטויסט ער זיי, שטופט זיי אַפּ מיט פאַראַכטונג, אָהן רחמנות. און אַט די שרעקליכע אַרבייט איז דאָך ניט געווען אימשטאַנד צו ברעכען דעם גייסט, די נשמה פון סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ.

עלף יאָהר איז זי געשטאַנען אויפ'ן שלאַכטפעלד; וויפיעל מענשען זיינען פאַרלאָרען געגאַנגען, וויפיעל ענטוישונגען זיינען געווען, וויפיעל מאָל האָבען די האָפנונגען אָפּגענאַרט! זי פלעגט זיך אָבער יעדעס מאָל איבער־אַ־נייעס וואַרפען אין דעם שווערען קאַמף. דער פונק פון געטליכען פייער איז געבליבען אונבאַרירט אין איהר האַרצען. איהר שטאַנדהאַפטיגקייט, איהר שטרענגער קולט פון פליכט זיינען פאַר איהר געווען ווי אַ ציערונג, ווי אַ מאַנטעל, וועלכער דערמאַנט אונז אַן די העלדען פון דער אַלטער וועלט, אָבער ניט ווי תכריכים, אונטער וועלכע פיעל עדעלע און אונגליקליכע זעעלען באַגראָבען זייערע צושלאָגענע, צובראָכענע האָפנונגען. אין דער טיפעניש פון איהר נשמה איז זי שטענדיג געווען אַ באַגייסטערטע נביאה; וואָרים אונטער איהר גלענצענ־דען שטאָלענעם פאַנצער האָט דאָך געשלאָגען אַ האַרץ פון אַ פרוי. און דאָס מוז מען מודה זיין, אַז די פרויען זיינען אַ סך רייכער פון די מענער מיט דער דאָזיגער געטליכער מתנה. דערפאַר איז די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג הויפּטזעכליך זייער שולדיג פאַר דעם רעליגיעזען פייער; און כל־זמן אין דער באַוועגונג וועלען בלייבען פרויען, וועט זי זיין אונבאַזיגבאַר.

*   *
*

סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ איז ניט נור געווען אַן אָנפיהרערין, נאָר אויך אַן אָרגאַניזאַטאָרין. אין פייער איז זי שטענדיג געגאַנ־גען די ערשטע; די געפעהרליכסטע פלעצער פלעגט זי זוכען פאַר זיך. דאָס האָט איהר אויך געגעבען אַזאַ מאַכט איבער אַנדערע הער־צער. ווען זי פלעגט אַנשטעלען אויף איינעם איהר בליק, וועלכער פלעגט דורכדרינגען אין דער טיפסטער טיפעניש פון דער נשמה,

און פלעגט מיט איהר ערנסטען פּנים זאָגען: לאָמיר געהן! — ווער האָט איהר געקענט ענטפערן: איך וויל ניט געהן? אַליין איז זי געגאַנגען מיט פייער, מיט ענטוזיאַזם. זי האָט כמעט מיט געוואַלט צוגענומען די שטעלע פון דער בעל־הבית'טע אינ'ם הויז, וואו די מאַסקווער מינע איז געמאַכט געוואָרען, ביי אַן אַנדער פּרווי — אַ קעמפעריז, וועלכע האָט געוואָלט האָבען די שטעלע. ביי דעם מאַסקווער אַטענטאַט האָט מען באַשלאָסען, אַז זי זאָל בלייבען אין דעם הויז, אום נאָכצושפּירען, ווען דער קייזערליכער צוג וועט אַנקומען, און זאָל געבען אַ סיגנאַל צו מאַכען די עקספּלאָזיאָן. ווען זי האָט זיך געזעגענט מיט די קאַמעראַדען, האָט זי איינעם געזאָגט, אַז זי פיהלט זיך „גליקליך, זעהר גליקליך", וואָס עס איז איהר אָנגעקומען.

וואָס איז שייך צו איהר ענטשלאָסענקייט און קאַלטבלוטיגקייט ביי דורכפיהרען אַ זאַך, איז אוממעגליך צו געפינען אַזעלכע שטאַרקע ווערטער, וואָס זאָלען עס גענוג אויסדריקען. ביים מאַסקווער אַטענטאַט איז געוועזען באַשטימט, אַז אויב די פּאָליציי וועט קומען זיי אַרעסטירען, זאָל מען מיט אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער אונטער־צינדען אַ פלעשעל מיט ניטראָגליצערין, כדי אויפצורייסען אַלעם און אַלעמען. און די זעקס אָדער אַכט אַרבייטער־מענער, וועלכע זיינען אויך ניט געוועזען קיין אינגלער, האָבען עס דאָך איבערגעגעבען פּעראָווסקאַיאַ'ן.

ווענען איהר ראָלע דעם ערשטען מערץ וועלען מיר דאָ ניט רעדען, ווייל עס וועט בלויז זיין אַ ווידערהאָלונג פון דעם, וואָס אַלע וויסען שוין.

איינס ווילען מיר דערמאָנען, פון וואָס די צייטונגען האָבען ניט געקענט וויסען. די בעשליסע פון דעם „איספּאָלניטעלני קאָמי־טעט" ווענען דעם אַטענטאַט האָבען ניט געקענט זיין אויספיהרליך געמאַכט, מען האָט געמוזט זיך באַנוגענען מיט אַלגעמיינע באַ־שטימונגען. די באָמבעס, וועלכע קיבאַלטשיטש האָט ערפונען, זיינען ניט געוועזען גענוג אונטערזוכט, און מען האָט באַ־שטימט נאָר דאָן צו וואַרפען די באָמבעס, ווען די עקספּלאָזיאָן

אויף דער ס אָ ד אָ ו ו ע ר גאַס וועט ניט געלינגען, און נאָר אין א נויט־פּאַל זאָלען זיי אַליין געברויכט ווערען.

אַלע אַנדערע קליינינקייטען און איינצעלהייטען, ווי אַזוי דעם פּלאַן אויסצופיהרען, האָט מען איבערגעגעבען פּעראָווסקאַיאַ'ן. שטעהענדיג אויף איהר פּאָסטען, האָט זי ערפאַרען, אַז דער צאַר האָט גענומען אַן אַנדער וועג; און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער נויט־פּאַל איז אָנגעקומען. פון איהר אייגענער איניציאַטיווע, ווי אַן ערפאַרענער, געאיבטער פעלד־מאַרשאַל, האָט זי באַלד איבערגע־ביטען דעם פּראָנט, שוין האָבענדיג דעם שונא פאַר די אויגען, האָט אויסגעקליבען אַ נייע פּאָזיציע, און האָט זי באַזעצט מיט די, וועלכע האָבען געדאַרפט וואַרפען די באָמבעס. אַ דאַנק אַט דער ענטשלאָסענער מאַנעווריע, האָבען די רעוואָלוציאָנערען גע־זיעגט.

ווען דער פּראָקוראָר האָט געוואָלט ווייזען, ווי שוואַך די עקזעַ־קוטיוו־קאָמיטעט איז געווען, האָט ער אַרויסגעשטעלט פאַר דעם בעסטען באַווייז, אַז ער האָט די אָנפיהרונג פון אַזאַ גרויסער און וויכטיגער אונטערנעמונג איבערגעגעבען אין די הענט פון אַ פרוי. דער „איספּאָלניטעלני קאָמיטעט" האָט אָבער בעסער פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און פּעראָווסקאַיאַ האָט באַוויזען, אַז ער האָט קיין טעות ניט געהאַט.

* *

*

אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם געשעהעניש אויף י ע ק אַ ט ע ר י־נ י נ ס ק י ק אַ נ אַ ל *), איז זי אַרעסטירט געוואָרען. זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאַרלאָזען פּעטערבורג...

רוהיג און ערנסט איז זי פאַרגעקומען פאַר'ן געריכט; זי האָט

---

*) די גאַנצע פּאַסירונג פון'ם ערשטען מערץ, דער געלונגענער אַטענ־טאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, איז פאָרגעקומען אויפ'ן יעקאַ־טערינינסקי קאַנאַל.

ניט געדענקט ניט וועגען אייגענלויב, ניט וועגען פּאַרטיידיגונג; איינפאַך און באַשיידען, אַזוי ווי זי האָט געלעבט; און זי האָט אַרויסגערופען די באַוואונדערונג אפילו פון איהרע שונאים.

אין אַ קורצער רעדע האָט זי נאָר געבעטען, מען זאָל זי, אַלס פרוי, ניט אָפּטיילען פון די איבעריגע גענאָסען. אָט די ביטע איז ערפילט געוואָרען...

זעקס טעג, זעקס לאַנגע, אונענדליכע טעג האָט מען אַלץ אָפּגעלעגט די דורכפיהרונג פון דעם טויט־אורטהייל. כאָטש דער געזעצליכער טערמין וועגען אַפּעלירען און בעטען באַגנאַדיגונג איז אין גאַנצען דריי טעג.

וואו ליגט דאָ די אורזאַך וואָס די רעגירונג האָט פאַרלענגערט דעם טערמין? וואָס האָט זיך געטאָן אין דער צייט מיט די פאַר־אורטיילטע?

דאָס האָבען זיי מיטגענומען מיט זיך אין קבר.

מען האָט פיעל גערעדט אין שטאָדט, מען האָט פאַרזיכערט, אַז אויף דער עצה פון דעם אַזיאַטיש־ביטרען לאָריס־מעליקאָוו האָט מען די פאַראורטיילטע געפּייניגט אום עפּעס אַרויס־צוציהען ביי זיי — ניט פאַר דעם משפּט, נאָר נאָך איהם, ווען קיינער האָט שוין זייערע שטימען ניט געקענט דערהערען.

איז דאָס אַלעס געוועזען אויסגעקלערטע זאַכען, אָדער אפשר האָט איינער אויסגעזאָגט פון חדר?

דאָס ווייס קיינער ניט.

פּאָזיטיוו, באַשטימט, קענען מיר עס ניט איבערצייגען, און אפילו אויף אונזערע שונאים ווילען מיר ניט אַרויפלעגען אַזעלכע באַשולדיגונגען. איין אונצווייפעלהאַפטער פאַקט איז דאָ. וועלכער ווייזט, אַז עטוואָס אמת איז דאָ אין דעם אַלעמען, וואָס מען האָט גערעדט: די שטימע פון די פאַראורטיילטע האָטווירקליך קיי־נער מעהר ניט דערהערט..

נאָך די אַלטע הומאַנע זיטען פלעגט מען די פאַראורטיילטע צום טויט שטענדיג ערלויבען צו זעהן זיך מיט זייערע אייגענע; דאָ אָבער איז עס געוועזען פאַרבאָטען; מען ווייס ניט פאַר וואָס

און מיט וועלכען צוועק. די רעגירונג האָט זיך אפּילו ניט גע־שעמט צו געברויכען פאַרשידענע כיטראָסטען, אבי נאָר פּטור צו ווערען פון די צודרינגליכע קרובים.

פּעראָווסקאַיאַ׳ס מוטער, וועלכע האָט פאַרגעטערט איהר טאָכ־טער, איז געקומען צופליהען פון דער קרים באַלד, ווי זי האָט זיך דערוואוסט, אַז סאָפיאַ איז אַרעסטירט. דאָס לעצטע מאָל האָט זי זי געזעהן אין׳ם טאָג, וואָס זי איז פאַראורטיילט געוואָרען. די אַנדערע פינף טעג האָט מען זי ניט צוגעלאָזט, יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער אויסרייד. ענדליך האָט מען איהר געזאָגט, אַז זי קען זעהן איהר טאָכטער דעם 2טען אַפּריל אין דער פריה.

זי איז געקומען. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען זי איז צוגע־גאַנגען צום געפענגניס, האָט זיך געעפענט דער טויער, און זי האָט ווירקליך דערזעהן איהר טאָכטער, אָבער שוין אויפ׳ן שאַנדוואַגען...

דאָס איז געווען דער פינסטערער צוג מיט די פאַראורטיילטע צום פּלאַץ, וואו מען האָט זיי געדאַרפט טויטען.

איך וויל דאָ ניט באַשרייבען די עקעלהאַפטע, נידערטרעכטי־גע איינצעלהייטען פון דעם דאָזיגען בלוט־באָד...

אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער „קעלנישער צייטונג" זאָגט: „איך האָב ביינעוואוינט אַ טוץ הינריכטונגען אין׳ם אָריענט, — אָזאַ שינדעריי אָבער האָב איך נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן".

אַלע פאַראורטיילטע זיינען געשטאָרבען טאַפּפער, מוטיג.

„קילבאַטשיטש און זשעליאַבאָוו זיינען זעהר רוהיג. טימאָפעי מיכאַילאָוו איז בלייך, אָבער שטאַנד־האַפט. ריסאַקאָוו׳ס פּנים איז טויט בלייך. סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ ציינט אַ באַוואונדערענווערטע גייסטעס־קראַפט. איהרע באַקען האָבען די געוועהנליכע רויזענפאַרב; איהר ערנסט געזיכט איז פול מוט און אונענדליכע זעלבסטאויפאָפּפערונג, איהר בליק איז קלאָר און רוהיג; קיין שאָטען פון אַפעקטירען..."

דאָס זאָגט ניט קיין רעוואָלוציאָנער, אפילו ניט קיין ראַדיקאַל, נאָר אַ קאָרעספּאָנדענט פון דערזעלבער „קעלנישער צייטונג" (16־

טען אַפּריל, 1881), וועלכען מען קען יערענפאַלס ניט באַשולדיגען, אַז ער סימפּאַטיזירט מיט די רוסישע „ניהיליסטען".

אַ פּערטעל אויף צעהן איז שוין סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ געווען אַ לייכע...

מיר האָבען איין־איינציגען בריף פון סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ צו איהר מוטער, וועלכען זי האָט געשריבען אַ טאָג, איידער זי איז פאַראורטיילט געוואָרען, אום זי אָביסעל צוצוגרייטען צו דעם שרעקליכען קלאַפּ. מיר גיבען איהם דאָ, אַלס אַ טייערען דאָקו־מענט.

די גאַנצע פּעראָווסקאַיאַ שפּיגעלט זיך אָפּ אין איהם, מיט איהר ריינער און גרויסער נשמה. לאָמיר איהם אויך ניט פאַר־דאַרבען דורך קאָמענטאַרען.

„טייערע מיינע, אונשעצבאַרע מאַמוליאַ!

„דער געדאַנק, וואָס מיט דיר טוט זיך, דריקט און פּלאָגט מיך. טייערע מיינע, איך בעט דיך, באַרוהיג זיך, מוטשע זיך ניט איבער מיר; היט זיך אָפּ צוליב די אַלע, וואָס זיינען אַרום דיר און צוליעב מיר. איך בין גאָרניט אַזוי טרויעריג איבער מיין שיקזאַל; איך באַגעגען עס גאַנץ רוהיג; איך האָב דאָס שוין לאַנג געוואוסט און ער־וואַרט, אַז פריהער אָדער שפּעטער, עס וועט מוזען זיין אַזוי. אָבער אין אמת'ען, ליבע מאַמוליאַ מיינע, איז עס דאָך גאָר־ניט אַזוי טרויעריג. איך האָב געלעבט אַזוי, ווי מיינע איי־בערצייגונגען האָבען מיר געהייסען; געגען זיי בין איך ניט אימשטאַנד געווען צו האַנדלען; און דערפאַר ערוואַרט איך אַלעס, וואָס עס שטעהט מיר פאַר, מיט אַ רוהיגען גע־וויסען. דאָס איינציגע, וואָס ליעגט אויף מיר ווי אַ שווערער יאָך, דאָס איז דיין קומער, מיין אונשעצבאַרע! דאָס אַליין מוטשעט מיך, און איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך וואָלט גע־געבען, ווען איך זאָל עס קענען פאַרלייכטערען. טייבעלע מיינע, מאַמאַטשקאַ, פאַרגעס ניט, אַז דו האָסט נאָך אַרום

דיר אַ גרויסע פאַמיליע, קליינינקע און גרויסע, פאַר זיי אַלע ביזט דו נייטיג דורך דיין גרויסע מאָראַלישע קראַפט. איך האָב אַלע מאָל באַדויערט, וואָס איך קען ניט דערגעהן צו יענער מאָראַלישער הויכקייט, אויף וועלכער דו שטעהסט; ווי איך פלעג אָבער נאָר אָנהויבען צו וואַקלען, פלעגט מיך דיין געשטאַלט אונטערשטיצען. אין מיין טיפער צוגעבונ־דענקייט צו דיר דאַרף איך דיר ניט פאַרזיכערען; דו ווייסט אַליין, אַז פון מיין קינדהייט אַן ביזט דו געווען מיין שטענ־דיגסטע און העכסטע ליבע. די אונרוה וועגען דיר איז פאַר מיר געווען די גרעסטע צרה. איך האָף, מיין טייערע, אַז דו וועסט זיך באַרוהיגען, וועסט כאָטש אַביסעל מוחל זיין די ליידען, וואָס איך פאַרשאַף דיר און וועסט מיך ניט שטאַרק שעלטען: דיין פאַרוואורף איז דער איינציג שווערער פאַר מיר.

„אין די געדאַנקען קוש איך שטאַרק־שטאַרק דיינע הענ־טעלעך, און אויף די קניע בעט איך דיך, זיי ניט בייז אויף מיר. מיין הייסער גרוס צו אַלע קרובים. יאָ, איך האָב נאָך אַ ביטע צו דיר, טייערע מאַמוליאַ: קויף מיר אַ קעלנערעל און מאַנקעטען מיט קנעפּלעך, ווייל מען ערלויבט דאָ ניט צו טראָגען זאַפּאָנקעס; דאָס קעלנערעל זאָל זיין עטוואָס שמע־לער; מען דאַרף דאָך אַביסעל אויספּיינען פאַר'ן געריכט דעם קאָסטיום; ער איז שוין דאָ אין גאַנצען פאַרדאַרבען גע־וואָרען. נו, צום ווידערזעהן, מיין טייערע; איך ווידערהאָל נאָך אַ מאָל מיין ביטע: פּלאָג זיך ניט און מוטשע זיך ניט איבער מיר; מיין שיקזאַל איז גאָרניט אַזוי טרויעריג, און דו דאַרפסט ניט פאַראומערט זיין וועגען מיר.

„דיין סאָניאַ.“

22טען מערץ, 1881.

סקיצען פונ'ם לעבען פון רעוואלוציאנערען

די מאסקווער מינע

1.

די נזירים.

מיר זיינען אין דער אלטער רוסישער הויפט־שטאדט — **אין** מ א ס ק ו ו ע. דאס איז א האלב־אזיאטישע שטאדט, גרוים ווי אין די אלטע צייטען ב ב ל אדער נ י נ ו ה. זי האט זיך שוין פאראייניגט מיט די גערטנער, מיט די ליידיגע פלעצער, וועלכע רינגלען ארום מאסקווע פון אלע זייטען, און דא אויפ'ן עק פון דער שטאדט איז עס גיכער ענליך צו א פארוואָרפען רוסיש דערפעל, איידער א פארשטאדט פון א גרויסער רעזידענץ. אט אין דעם דארפישען טייל שטעהט, אדער וועניגסטענס איז אמאל געשטאנען, אן אלט איינשטאקיג הייזעלע מיט א „מעזאנין", וועלכער איז שוין פון דער צייט שווארץ געווארען און האלב צעווארפען. דאס קליינע הייזעלע ווארפט זיך אבער ניט אזוי אין די אויגען, כאטש מיר זיינען אין א הויפט־שטאדט, ווייל אלע אנדערע ארומיגע הייזלעך האבען דאסזעלבע קלעגליכע אויסזעהן; מיר האבען דאך שוין געזאגט, אז עס איז מעהר ענליך אויף א דערפעל. די גאסען זיינען דארט שרעקליך ברייט, גאנצע עסקאדראנען פון קאוואלעריע וואלטען דארט געקענט מאכען זייערע מאניעווערעס; זומער וואקסט אויף די גאסען גראז, און ווינטער ווערען דארט שרעקליכע בלאטעס

און גאַנצע אַזערעס, אויף וועלכע עס שווימען גאַנצע מחנות פון גענז און קאַטשקעס. אַ טויט־שטילקייט הערשט דאָרט. קיין שום באַוועגונג. זעלטען, זעלטען לאָזען זיך הערען טריט פון אַ פוס־געהער איבער דעם טראָטואַר, וועלכער איז געמאַכט פון ברעטער; און טאָמער איז דער פוסגעהער ניט קיין היגער, ניט פון דעם דאָרף, שיטען זיך אַרויס קינדער פון אַלע שטיבער און קוקען איהם לאַנג, לאַנג נאָך. אַז עס פאַלט אַהער אַריין, ווען עס ניט איז, אַן איז־וואָשטשיק, דאַן עפענען זיך אַלע גרינע, בלויע, רויטע לאַדענס, און די נייגעריגע פרויען און מיידלעך רוקען אַרויס זייערע קעפ פון די פענסטער; אַזאַ אונגעוועהנליכען פאַל קענען זיי ניט דורכ־לאָזען.

אַלע איינוואוינער פון דיזען שטילען ווינקעל קענען זיך איינע די אַנדערע, וואָרים אַלע זיינען זיי דאָ געבאָרען, דאָ אויסגעוואַק־סען. אַלע זיינען זיי פּראָסטע מענשען, פון בילדונג ווייס קיינער ניט און האָט אפילו קיין בעגריף ניט וועגען דעם. כמעט אַלע זיינען „סטאַראָווערי'ס", קינדער פון יענע, וועלכע זיינען מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק אויפגעשטאַנען געגען די נייע איינפיה־רונגען פון'ם פּ אַ ט ר י אַ ר ד נ י ק אָ ן, און האָבען געליטען שמיץ, פאַרזוכט די מאַרטערבאַנק, געברענט געוואָרען אויפ'ן קאָס־טיאָר, פאַרשיקט קיין סיביר, אַלץ דערפאַר, וואָס זיי האָבען געוואָלט לעגען דעם צלם מיט צוויי פינגער, ווי פריהער; און פאַר דעם אונ־גליקליכען „הללויה", וואָס זיי האָבען געוואָלט זאָגען צוויי מאָל, ניט דריי...

ווי עס איז באַקאַנט, האָבען די אַלע פאַרפאָלגונגען גאַרניט געהאָלפען. דער „ראַסקאָל" *) האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, איבערהויפּט האָט ער זיך פעסט באַזעצט אין מאָסקווע. דער פּ ר ע אָ ב ר אַ ז ש ע נ ס ק י דיסטריקט און דער ר אַ ־ג אָ ז ש ס ק י אין מאָסקווע האָבען באַקומען זייערע נעמען פון צוויי בית־עולם'ס, וועלכע געהערען צו די ראַסקאָלניקעס. די צוויי

*) די שפּאַלטונג פון דער קירכע.

דיסטריקטען קענען אַנגערופען ווערען די הויפּטשטעדט פון די סטאַראָווערי'ס; דאָרט וואוינען אין געהיים זייערע גלחים, זייערע בישאָפּס, און דאָרט קומען אויך פאָר זייערע אַלגעמיינע קירכען־פאַרזאַמלונגען.

נאָר אפילו דאָ, אין דעם פּלאַץ פון דער אַלטער פרומקייט און גאָטספאַרכטיגקייט, הויבט זיך שוין אויך אָן אריינצו'גנב'ענען די אייטעלקייט פון דער וועלט. יום־טוב ביי נאַכט, ווען אַלע זיינען אויף דער גאַס, און די אַלטיטשקע ליגען זיך, נאָכ'ן אריענטאַלישען מנהג, אויף די פּריזבעס פון זייערע שטיבעלעך און פּלוידערען מיט די שכנים, קען מען שוין איצט אָפט באַגעגענען אַ יונגען פראַנט מיט אַ האַרמאָניע אין דער האַנט, אַנשטאָט דער אַמאָליגער באַלאַלאַיקע; אין אַ זשאַקעט מיט גלאַנציגע קנעפּ, אַנשטאָט דעם פאַרצייטיגען לאַנגען קאַפּטאַן; אין שטיוועל מיט הויכע קנאַפּעל, וועלכע זיינען ביי זיי שטאַרק פאַרבאָטען, אַלס אַ דייטשע ערפינדונג.

מען דערצעהלט זיך שוין, אַז איינינע פון זיי רויבערען שטילערהייט, און האָבען גאָר קיין מורא נישט, אַז זיי קענען דורך דעם זיך פאַרגלייכען מיט דעם רוח, וועלכען מען שטעלט פאָר אין אַלע הייליגע ביכער מיט וואָלקענס פון רויך, וועלכער געהט אַרויס פון זיין אומריינעם מויל. די אַלטע שאָקלען נאָר מיט די קעפּ, אַכצען און זיפצען. זיי מיינען, אַז עס קומט שוין אָן דער סוף פון דער וועלט, דער יום־הדין, וואָרים די אַלטע גאָטספאַרכטיגקייט ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

די בעלי־הבתים פון דעם הייזעל, וואָס מיר האָבען דאָ אויבען דערמאָנט, זיינען נישט געווען קיין הינגע. זיי וואוינען דאָ נישט לאַנג, אָבער אַלע שכנים האָבען זיי שוין ליעב באַקומען, אַלס גוטע, איינפאַכע, גאָטספאַרכטיגע מענשען.

דערוויילע האָבען אינ'ם הייזעל געוואוינט נאָר צוויי פּערזאָן, אַ מאַן מיט אַ פרוי, נאָר זיי האָבען יעדען טאָג ערוואַרטעט זייערע אַלטע עלטערען.

די פרוי, כאָטש זי איז געווען נאָך גאָר יונג, איז געווען אַ טייערע, פאַרשטענדיגע בעל־הבית'טע; דער מאַן, אַ מעשטשאַנין

פון דער שטאָדט ס אַ ר אַ ט אָ װ , אונגעפעהר צוויי אָדער דריי און דרייסיג יאָהר אַלט, איז אויך געװעזן זעהר אַ גוטער מענש, אַ פאַרשטענדליכער און אַ פונדאַמענטאַלער. די אַלע איינוואָוינער האָבען איהם אויך געהאַלטען פאַר אַ „ראַסקאָלניק”: ער האָט ניט געראויכערט, האָט זיך ניט געגאָלט, און האָט געקענט לייענען און שרייבען. ער האָט אפילו געטראָגען שטיוועל מיט הויכע קנאָפּעל און אַ ראָק נאָכ'ן דייטשען שניט; אָבער דאָס האָט ער וואַרשיינ־ליך געטאָן אוים מורא. אָדער אפשר איז ער געװעזן פון אַזאַ סעקטע, וואָס ערלויבט אַזעלכע זאַכען.

און אַלע האָבען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פאַרזיכערט, אַז עס איז ווירקליך אַזוי, דורך איין אומשטאַנד.

אַזוי ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, איז די גאַנצע פאַמיליע באַשטאַנען פון צוויי מענשען, און דאָך איז קיין צווייפעל ניט גע־וועזן, אַז אין דעם הויז וואוינען אַ סך מענשען. עסענוואַרג פלעגט מען קויפען אַזאַ מאַסע, אַז וואָס פאַר אַ פרעסער דאָס פאַרעל זאָלען ניט זיין, איז געװעזן אונמעגליך, זיי זאָלען עס אליין געברויכען. די אַלטע שכנ'טעס, וועלכע האָבען געליטען פון שלאָפלאָזיגקייט, פלעגען הערען ביי נאַכט, ווי דער טויער סקריפּעט, און ווי צו דעם רעטזעלהאַפטען הייזעל פלעגען צופאָהרען וואָגענס, וועלכע האָבען וואַרשיינליך געבראַכט מענשען פון ערגעץ ווייט. ווער האָט עס געקענט זיין? אודאי „ברידער”, פלעגען זיך די אַלטע זאָגען איי־נער דעם אַנדערען געהיימניספול. קיינער פון זיי האָט עס אָבער ניט אַרויסגעזאָגט, ווען אַ גאָראָדאָוואָי, אַ פּאָליציי־מאַן פלעגט זיין דערביי; ער, דער פּאָליציי־מאַן איז דער אַלגעמיינער שונא, פון איהם דאַרף מען אַלעס פאַרהיטען, ער טאָר פון גאָרניט וויסען.

און די איינוואָוינער האָבען גאָר קיין טעות ניט געהאָט, ווען זיי האָבען גערעכענט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט.

דאָס הויז איז ווירקליך געװעזן באַזעצט פון אַ גאַנצע קאָמפּאַניע „נזירים” — מינענגרעבער. די איזוואָשטשיקעס, וועלכע פלעגען קומען ביינאַכט, פלעגען ברענגען פונ'ם וואָקזאַל אַרבייטער, דינאַ־

מיט און פאַרשידענע ווערקצייג, וועלכע זיינען געווען נייטיג צו דער עקספּלאָזיאָן.

פון דעם הויז איז געגאַנגען די מאַסקווער מינע.

2.

די מינע.

די מינע אונטער דער מאַסקווער־קורסקער אייזענבאַהן, אויפ־צורייסען דעם קייזערליכען צוג, איז געווען בלויז איינער פון'ם פינפפאַכיגען אַטענטאַט, בלויז אַ טייל פון'ם גרויסען פּלאַן, וועלכער האָט געזאָלט פאַרווירקליכט ווערען אויף דער צוריק־רייזע פון אַלעק־סאַנדער דעם צווייטען פון קרים קיין פּעטערבורג (מיר רעכענען דאָ נאָר די אונטערנעמונגען, וואו מען האָט געברויכט דינאַמיט). די מינע האָט מען אַנגעהויבען צו גראָבען אין סעפּטעמבער 1879, און פאַרטיג איז זי געווען אין צוויי מאָנאַט.

די אייזענבאַהן איז געווען מינירט אין דריי פּונקטען, — לעבען מ אַ ס ק ו ע, לעבען אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אָ ו ו ס ק און לעבען אָ ד ע ס. מען איז כמעט געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט זיך דער קייזער ניט אויסדרעהען. און דאָך האָט ער זיך אויסגעדרעהט, דורך צופעלע, וועלכע מען האָט ניט געקענט פאָראויסזעהן.

אין אָדעס האָט מען געמאַכט צוויי מינען: איינע אונטער דער אייזענבאַהן, און די צווייטע אין דער שטאָדט, אויף דער א י־ ט אַ ל י אַ נ ס ק י גאַס, איבער וועלכע דער קייזער האָט געדאַרפט פאָהרען אין אַן עקיפּאַזש. דיביידע מינען האָט מען געמוזט וואַרפען, ווייל דער קייזער איז גאָרניט געפאָהרען קיין אָדעס. לע־בען אַלעקסאַנדראָווסק, וואו דער אַטענטאַט איז געווען אָרגאַניזירט אונטער דער לייטונג פון ז ש ע ל י אַ ב אָ ו און אַ ק ל אַ ד־ ס ק י, האָט עס זיך ניט ריכטיג אַנגעצונדען, און די עקספּלאָזיאָן איז ניט געקומען. די קייט איז טאַקע געווען צונויפגעשלאָסען אין דעם פּאַסענדען מאָמענט, און דאָך איז זיך דער קייזערליכער צוג דורכגעגאַנגען גאַנץ איבער דעם אָפּגרונד, וואוהין ער וואָלט

אונבאַדינגט אַריינגעפאַלען, ווען ער קריגט דעם קלענסטען שטויס. די אַנדערע צוויי אַטענטאַטען זיינען אויך ניט געלונגען. אין פּעטערבורג האָבען ז ש ע ל י אַ ב אָ ו ו און ט ע ט ע ר ק אַ אָרגאַניזירט אַ פאַרזוך אויפצורייסען דעם „קאַמעני מאָסט" (אַ שטיינערנע בריק), און עס איז ניט געלונגען, ווייל טעטערקאַ איז צו שפּעט געקומען אויפ'ן פּלאַץ. דער פאַרזוך אויפצורייסען די קייזערליכע יאַכט *) אין דער שטאָדט נ י ק אָ ל אַ י ע ו ו, וועלכען ל אַ ג אָ ו ו ע נ ק אָ האָט אונטערנומען, איז ענטדעקט געוואָרען פון דער פּאָליציי פריהער דורך אַ צופעליגען אָביסק, וועלכען זי האָט געמאַכט אין דערזעלבער וואוינונג, פון וואַנען עס האָט זיך געצויגען דער דראָט פון דער גאַלוואַנישער באַטעריי, וועלכע איז געווען פאַראייניגט מיט דער מינע. נאָר אין מאָסקווע, וואו מען האָט זעהר ווייניג געהאָפט, עס זאָל זיך עפּעס איינגעבען, איז גראָד געלונגען, ווייניגסטענס דעם אַטענטאַט צו מאַכען.

דאָס הויז, וואָס מען האָט געקויפט, איז געווען אַזוי ווייט פון דעם ערד־אויפוואורף פון דער אייזענבאהן, אַז די ערד־אַרבייטען זיינען געווען שרעקליך שווער, עס איז געווען ריינע עבודת־פּרך. מענשען האָט מען דערצו געדאַרפט האָבען אַ מאַסע, און באַהאַלטען זיי איז געווען זעהר שווער, ווייל די פּאָליציי האָט שטאַרק נאָכגעקוקט.

איך וויל דאָ ניט דערצעהלען די איינצעלהייטען פון דער אונטערנעמונג; מען קען זיי געפינען אין די זשורנאַלען און צייטונגען פון יענער צייט. נאָר אויף צוויי אייגענטימליכקייטען וויל איך אָנווייזען; זיי זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר גראָד פאַר דעם פאַל, נאָר אין אַלגעמיין פאַר דער טעטיגקייט פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען.

פיעלע מיינען, אַז די רוסישע רעוואָלוציאָנערען האָבען גרויסע מאַטעריעלע מיטלען. דאָס איז אַ גרויסער טעות. דער מאָסקווער

*) יאַכט הייסט אַ שיף, וואָס די ר י י כ ע מאַכען פאַר זיך פאַר פערגניגענסרייזען.

אַטענטאַט קען זיין אַ עדות דערצו. דער טעראָריסטישער קאַמף קאָסט אַזוי טייער, אַז די „ניהיליסטען" זיינען געצוואונגען מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג אַרומצולויפען נאָך יעדען הונדערט־רובעל־שטיק. דערפאַר דאַרפען זיי אין אַלע אונטערנעמונגען זיין זעהר עקאָנאָמיש, און אָפט אויף דער רעכנונג פון זייער אייגענער גע־פאַרלאַזינקייט.

די גאַנצע ריזיגע אַרבייט אין דער מאָסקווער מינע, צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע אייזענבאַהן־אַטענטאַטען, וועלכע מען האָט צו־געגרייט פאַר'ן זעלבען צוועק, האָט געקאָסט פון 30 ביז 40 טויזענד רובעל, שוין מיט די פאַהר־געלדער. די אַנדערע אונטערנעמונגען האָבען נאָך ביליגער געקאָסט. דער פאַרזוך צו באַפרייען וואָי־נאַראָלסקי'ן, איינעם פון די פאַראורטיילטע אינ'ם פּראָצעס פון די 193, האָט אינגאַנצען געקאָסט 4500 רובעל. און וואָס פאַר אַ שווערע זאַך דאָס איז געווען! מען האָט איהם געזאָלט באַפרייען אין דער צייט, ווען מען האָט איהם געפיהרט פון פּעטערבורג אין כאַרקאָווער צענטראַל־געפענגניס. מען האָט געמוזט קויפען פינף פערד, אַ וואָגען, געוועהר. מען האָט געמוזט האַלטען אַ מאַסע מענ־שען אין פּעטערבורג, מאָסקווע, קורסק און כאַרקאָוו, אום נאָכצו־שפּירען די פּאָליציי. און דאָס אַלעס האָט דאָך ניט געקאָסט מעהר ווי 4500 רובעל; די מענשען, וועלכע האָבען עס געדאַרפט אויס־פיהרען, האָבען געגעבען די רעכנונג דער אָרגאַניזאַציע. ווי אָפט פּלעגען די טעראָריסטען מוזען ליידען, שטעלען זיך אין דער גרעסטער געפאַהר איבער דעם, וואָס עס האָט געפעהלט געלט, מען האָט געדאַרפט מאַכען עקאָנאָמיע. אין מאָסקווע, צ. ב. ש., האָט שוין גאָר צום סוף פון דער אַרבייט אויסגעפעהלט געלט; מען האָט געמוזט לייהען, און אויף דעם מוז מען האָבען אַ גוטען משכון. מען האָט געמוזט פאַרזעצען דאָס הויז, פון וועלכען די מינע איז געגאַנגען. דער געלד־געבער, נאַטירליך, וויל באַקוקען דאָס הויז, מען דאַרף עס טאַקסירען, דערביי דאַרפען זיין באַאַמטע פון דער פּאָליציי. יעדער קען פאַרשטעהן די געפאַהר פון אַזאַ פינאַנציעלע אָפּעראַציע.

ביי דער אַרבייט האָט מען געפיהרט אַ שרעקליכע עקאָנאָמיע. אַ גראָב־מאַשין האָט מען געקויפט שוין גאָר אין דער לעצטער צייט, אַז די אַרבייטער זיינען שוין געבליבען אָהן כחות. ביז דאַן האָט מען געאַרבייט מיט איינפאַכע לאָפּעטעס. צום אונגליק, האָט עס דאַן כסדר גערעגענט, און די מינע־גאַלעריע איז שטענדיג געווען פאַרגאָסען אויף העלפט מיט וואַסער; דאָס וואַסער פלעגט דורכ־נעצען ביז אויבען, און מען האָט געמוזט גראָבען, שטעהענדיג אויף די קניע אין וואַסער, און אַמאָל ליגענדיג אין דעם אייזקאַלטען שמוץ, וועלכער האָט דורכגענומען אַלע ביינער. דערביי האָט קיין איין אַרבייטער ניט געהאַט קיין וואַסערדיכטען אַנצוג, וועלכע די טויבער טהוען זיך אָן, ווען זיי קריכען אין וואַסער, און וועלכער וואָלט פאַרהיט די אַרבייטער פון אַזוי פיעל ליידען.

די אַפּאַראַטען און אינסטרומענטען, וועלכע מען האָט געברויכט, אום צו פיהרען די מינע אין דער געהעריגער ריכטונג, זיינען גע־ווען אַזעלכע, וואָס דער ערגסטער אַרבייטער וואָלט ניט געוואָלט אַרבייטען מיט זיי. קיין אַסטראָלאַביאום *), קיין קאָמפּאַס מיט אַ פּערטעלקרייז האָט מען ניט געהאַט. מען האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ געוועהנליכען רייזע־קאָמפּאַס.

מיט אַזעלכע פּרימיטיווע, אַלטמאָדישע אינסטרומענטען האָט מען געאַרבייט. מיט אַזאַ קאָמפּאַס האָט מען מעהר אָדער וועניגער פּינקטליך באַשטימט די הויפּט־ריכטונג פון דער מינע.

און ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם האָבען דאָך די אינזשעני־רען, וועלכע האָבען אונטערזוכט די מינע נאָך דער עקספּלאָזיאָן, אויסגעפונען, אַז די מינע איז געווען זעהר גוט געמאַכט. דער פּליים, דער חשק האָט צוגעהאָלפען דאָרט, וואו עס האָבען גע־פעהלט אינסטרומענטען; און די מוטיגע, מונטערע גייסטעס־שטימונג האָט אונטערשטיצט די קרעפטען.

---

*) אַסטראָלאַביאום הייסט אייגענטליך אַן אינסטרומענט, צו מעסטען די הויכקייט פון די שטערען; יעצט מעסט מען מיט איהם יעדע הויכקייט.

אַ גרויסען טעות האָבען אויך יענע, וועלכע שטעלען זיך פאָר אַט די שרעקליכע פאַרזאַמלונג אַזוי, ווי מען שטעלט געוועהנליך פאָר פאַרשווערער אויף דער ביהנע. אַלע פאַרזאַמלונגען פון די טעראָריסטען זיינען זעהר פּראָסט, אָהן רעש, אָהן הויכע פראַזען, וואָס ליגט אין אַלגעמיין ניט אינ'ם רוסישען כאַראַקטער, באַזונדערס ביי די „ניהיליסטען".

אפילו אין די פעלע, וואו מענשען דאַרפען ריזיקירען מיט זייער קאָפּ, אָדער טאָקע טראָגען איהם גלייך צו דער תליה, געהט אויך ביי אונז אַלעס צו איינפאַך, אָהן אַפעקטירען. קיין באַגייסטערענדע רעדעס. צו וואָס נוצען זיי? זיי וואָלטען נאָר אַרויסגערופען אַ שמייכעל; זיי פאַסען גאָרניט אַהער. קיין פּובליקום האָבען מיר ניט אויף אונזערע זיצונגען. אַלע פאַרזאַמעלטע זיינען אייגענע, וועלכע קענען איינער דעם אַנדערען דורך און דורך. צו וואָס זשע זאָל מען זיך דאָ איבען אין שעהן־ריידעריי, אין מליצה? צו וואָס פאַרלירען צייט אויף פראַזען איבער אַ זאַך, וואָס איז אַזוי קלאָר ווי דער טאָג? אַז מען דערהערט אַמאָל אַ וואָרט, קלינגט עס מיט אַ הייסען, איבערגעבענעם טאָן; עס טוט אַמאָל אַ גלאַנץ אַ פונק פון ענטוזיאַזם אין איינעמ'ס בליק.

ביי אונז וואָלטען אַזעלכע, צו שעהן־ריידענדיגע, צו שרייענדיגע העלדען, ווי די אויסלענדישע ראָמאַניסטען שטעלען געוועהנליך פאָר די „ניהיליסטען", — ביי אונז, זאָג איך, וואָלטען זיי אַרויסגערופען ניט קיין ענטוזיאַזם, נאָר אַ חשד אין זייער אויפריכטיגקייט, אין זייער ערנסט; אַז אַ הונט האַוועט, איז אַ סימן, אַז ער וועט שוין ניט בייסען. ווען איינער, וואָס פאַרשטעהט ניט קיין רוסיש, וואָלט בייוואוינען אונזערע אַ פאַרזאַמלונג, וואו עס ווערט אַמאָל גערעדט פון די שרעקליכסטע אונטערנעמונגען, וואָלט ער עס גיכער אָנגענומען פאַר אַ פרידליכע פאַרזאַמלונג, וואו מענשען אונטערהאַלטען זיך רוהיג און איינפאַך איבער געוועהנליכע וועלטזאַכען.

לאָמיר זיך אומקערען צו דער מאָסקווער מינע.

אַלע איינוואוינער פונ'ם דערמאָנטען הויז זיינען געווען אין א גרויסער געפאַהר.

ביי אַן אַטענטאַט אויפ'ן קייזער'ס לעבען ווערען, נאָך די רוסישע געזעצען, אַלע אַנטיילנעמער, אָהן שטופען־אונטערשיד, פאַראורטיילט צום טויט, אפילו די, וועלכע האָבען נאָר געוואוסט און האָבען ניט גע'מסר'ט. דער טויט איז געהאַנגען איבער אַלע, וועלכע האָבען געאַרבייט ביי דער מינע און צייטענווייז פלעגען זיי שוין פיהלען זיין קאַלטען אָטעם, און זעהן, ווי אַט־אַט איז ער שוין פאַרטיג זיי אַריינצוכאַפּען. עטליכע טעג איידער דער קייזער איז דורכגעפאַהרען, האָט די פּאָליציי עפּעס גאָר וועגען אַ קליינינקייט באַזוכט דאָס הויז. די ערד־גרעבער האָבען נאָך צייט געהאַט זיך צו באַהאַלטען, און דער אָקאָלאָדאָטשני האָט נאָר געטראָפען די בעלי־בתים. אַלעס איז געווען אין אָרדנונג, און האָט ניט אַרויסגערופען קיין פאַרדאַכט. די קלענסטע פאַרלעגענהייט, איין ציטערענדע נאָטע אין דער שטימע, וואָלט געווען גענוג אַרויסצורופען אַ חשד; מען וואָלט געמאַכט אַ גוטען אָביסק און געפונען אַלעס.

היינט וויפיעל האָט מען געהאַט צו טאָן מיט די גוטע, פרומע שכנים, וועלכע האָבען איינפאַך אויס נייגיעריגקייט געוואָלט באַקוקען דאָס הויז; עס האָט זיך זיי פאַרט געוואָלט וויסען, וואָס איז דאָרט אַזוינס, וואָס קומט דאָרט פאָר. מיט זיי פלעגט שוין פּעראָווסקאַיאַ האָבען צו טאָן; זי האָט געקענט פון זיי פּטור ווערען.

אַלע אַנטיילנעמער אין דער מינע האָבען געוואוסט, וואָס זיי ערוואַרטעט, ווען מען וועט עס אויסגעפינען: אין אַ ווינקעל איז געשטאַנען אַ פלעשעל מיט ניטראָ־גליצערין, וואָס האָט געדאַרפט אַנגעצונדען ווערען אין דעם מאָמענט, ווען די פּאָליציי וועט מיט געוואַלד וועלען אַריין אין הויז.

און דאָך, ניט קוקענדיג אויף אַלע געפאַהרען, איז מען געווען פרעהליך, לוסטיג. ביים עסען, ווען אַלע פלעגען זיך צונויפקומען, פלעגט מען לאַכען, פּלוידערען, שפּאַסען, גלייך ווי עס וואָלט גאָר־

ניט געווען. עפטער פון אלעמען האט זיך געהערט דער קלינגענ־ דער געלעכטער פון סאפיא פעראווסקאיא, כאטש ביי איהר אין קעשענע איז געלעגען דער רעוואלווער, מיט וועלכען זי האט בא־ דארפט אין נויטפאל אויפרייסען אלעס און אלעמען. איין ארבייטער האט זאגאר פארפאסט א מין קאמישע פאעמא, אין וועלכער ער בא־ שרייבט אין א שפאסהאפטיגען טאן דאס גאנצע לעבען אין דער פינע.

קראָפּאָטקינ'ס אַנטלויפֿען.

אין מאָנאַט יאַנואַר 1880, איך געדענק ניט פּונקט דעם דאַטום, זיינען זיך עטליכע רוסישע עמיגראַנטען צוזאַמענגעקומען ביי זייער קאַמעראַד ג.

עס זיינען געווען זיבען אָדער אַכט מענשען, און עס איז געווען לעבעדיג, פֿרעהליך, וואָס טרעפֿט זיך זעהר זעלטען אויף די עמי־גראַנטישע פֿאַרזאַמלונגען. אונזער בעל־הבית'טע, די שעהנע רע־בעקאַ ג., האָט זיך געזעצט צו דער פּיאַנאָ, וועלכע זי האָט גוט געשפּיעלט, און אונז דערצו געזונגען עטליכע קליינרוסישע ליעדער. די מוזיק האָט אַלעמען אויפגערעגט, מען האָט געלאַכט, געשפּאַסט. אינ'ם זעלבען טאָג האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז פֿון סיביר איז אַנטלאָפֿען אונזער אַ גענאָסע, און דאָס איז געווען דער הויפּט־געגענשטאַנד פֿון אַלע געשפּרעכען.

ווען מען האָט אויסדערצעהלט אַלע קלייניגקייטען, אַלע איינצעלהייטען, וועלכע מיר האָבען געוואוסט פֿון דעם אַנטלויפֿען; ווען אַלע אַנמערקונגען, באַמערקונגען, קאָמענטאַרען, השערות האָבען זיך שוין געענדיגט, איז מיט אַמאָל געוואָרען שטיל, טויט־שטיל. עס האָט אַנגעהויבען ווערען לאַנגווייליג. איך בין נאָך אַלץ געווען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די געשפּרעכען איבער דאָס אַנטלויפֿען פֿון אונזער חבר, און מיר איז איינגעפֿאַלען אַ געדאַנק, פֿאָרצולעגען אַלע אַנוועזענדע, אונטער וועלכע עס זיינען אויך געווען ק ר אָ פּ אָ ט ק י ן און ב אָ כ אַ נ אָ ו ו ס ק י, אַז יעדער איינער זאָל דערצעהלען זיין אייגענעם אַנטלויפֿען. וואָס צו דערצעהלען האָט יעדער געהאַט, און מען האָט פֿאָראויס געזעהן, אַז דער אָבענד וועט זעהר אַנגענעם און אינטערעסאַנט צוגעבראַכט ווערען. אַלע

האָבען מיט מיר איינגעשטימט, און מיין פאָרשלאַג איז מיט פאָר־גניגען אָנגענומען געוואָרען.

קראַפּאָטקינ'ען, וועלכער האָט שוין אַ סך מאָל געמוזט דער־צעהלען זיין „ויברח", האָט זיך זעהר ניט געוואָלט ווייטער ווי־דערהאָלען דאָסזעלבע; מיר זיינען אָבער אַזוי צוגעשטאַנען צו איהם, אַז ער האָט ענדליך געמוזט נאָכגעבען.

ער האָט אָנגעפאַנגען אַזוי:

„פונ'ם ערשטען טאָג אָן, וואָס איך בין אַרעסטירט געוואָרען, האָב איך פעסט באַשלאָסען צו אַנטלויפען. נאָר דער, ווער עס קען די פּעטראָפּאַוולאָווסקי פעסטונג, ווייסט, אַז אויב עס איז דאָ עפּעס אונמעגליכעס אין דער וועלט, איז עס — אַנטלויפען פון דער דאָזיגער פעסטונג. איך האָב געמאַכט פּלענער, אַדער, בעסער גע־זאָגט, לופט־שלעסער, וואָרים איך האָב דאַך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז אַלע פּלענער מיינע זיינען נאָר אַ פאַנטאַזיע. אַזוי זיינען זיך דורכגעגאַנגען דריי יאָהר. דאָס געפענגניס האָט אַזוי צו־שטערט מיין געזונט, וואָס איז שטענדיג געווען שוואַך, אַז איך האָב כמעט ניט געקענט עסען און האָב זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. צום גליק אָבער האָט מען מיך אין אָנפאַנג פון 1876 איבער־געפיהרט אין ניקאָלאַיעווסקי האָספּיטאַל. אין אַ פּאָר מאָנאַט אַרום איז מיר שוין געווען בעסער; איך האָב אָבער אָנגעווענדעט אַלע קרעפטען, אום צו ציינען זיך פאַר זעהר קראַנק. איך האָב קוים גערירט מיט די פיס, גערעדט אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט מיינען, אַז איך קען קוים די צונג קערען. איך האָב דאָס אַלעס געטאָן, ווייל דער געדאַנק צו אַנטלויפען האָט זיך דערוועקט אין מיר מיט אַ נייער קראַפט; און אַזוי ווי אין האָספּיטאַל קוקט מען וועניגער נאָך, ווי אין דער פעסטונג, האָב איך געמוזט אַלעס טאָן, אום נאָר וואָס לענגער דאָ צו פאַרבלייבען.

„דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסען יעדען טאָג זיך דורכגעהן אַביסעל, מאַכען אַ שפּאַציר, און מען פלעגט מיך איינם אַזייגער נאָכמיטאָג יעדען טאָג אַרויספירען אויפ'ן גרויסען האָספּיטאַל־הויף. דער טשאַסאָוואָי מיט'ן ביקס האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט אויף אַ

מינוט. קוקען אָבער האָט ער מיך ניט געקענט פאַרוועהרען, און איך האָב אָנגעהויבען אויפמערקזאַם צו באַקוקען דעם הויף, דעם טויער, אַלעס וואָס אַרום מיר איז געווען.

„דער הויף איז געווען גרויס. דער טויער, וועלכער איז געוועהנליך געווען פאַרשלאָסען, איז איצט געווען אָפען, ווייל גראַד אין יענער צייט (דאָס איז געווען אין מאָנאַט יולי) האָט זיך דער האָספּיטאַל פאַרזאָרגט אויף ווינטער מיט האָלץ. אַזוי אָבער, ווי דאָס האָלצפיהרען האָט געדאַרפט דויערען אַ וואָך צוויי, איז ביים טויער קיין טשאַסאָוואָי ניט געשטאַנען. דאָס איז געווען אַ גרויס גליק.

„איך האָב שפּאַצירט אויפ'ן אַנדערן עק פונ'ם הויף, פונקט גענגענאיבער דעם טויער. דער טשאַסאָוואָי האָט זיך שטענדיג געהאַלטען צווישען מיר און דעם טויער. אַזוי ווי איך האָב זיך אָבער די מיה געגעבען צו געהן זעהר לאַנגזאַם, וואָס מאַכט אַ געזונטען מענשען זעהר מיעד, מיעדער, ווי ווען ער וואָלט שנעל געהן, און פאַר'ן סאָלדאַט איז עס געווען שווער, פלעגט ער אימער ארומגעהן אויף אַ ליניע, פּאַראַלעל צו מיינער, נאָר נעהענטער צום טויער. אויף אַזאַ אופן האָט ער שטענדיג געקענט מאַכען מיט אַ צעהן טריט מעהר פון מיר, און פאַר דעם וואָך־מאַן איז עס קיין געפאַהר ניט געווען; וואָרים ווען ער פלעגט זיך געפינען אויף יעדען עק פון זיין ליניע, איז ער אַלע מאָל געווען נעהענטער צום טויער פון מיר. ער האָט עס אַלעס אויסגעמאָסטען מיט'ן אויג; עס איז טעאָרעטיש אויך געווען ריכטיג. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז ווען מיר זאָלען זיך ביידע אַ לאָז טאָן לויפען, וועט ער אינסטינקטיוו־מעסיג מיך וועלען גיכער כאַפּען, און וועט זיך אַ וואָרף טאָן נאָך מיר, אַנשטאָט צו לויפען גלייך צום טויער און מיר דעם וועג פאַרשטעלען. ער וועט דאַרפען מאַכען צוויי זייטען פון אַ דריי ווינקעל, און איך נאָר איין זייט.

דער פאָרצוג איז אַלזאָ געווען אויף מיין זייט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב מיר וועלען לויפען מיט איין און דערזעלבער שנעלקייט, וועל איך פריהער קומען צום טויער. איך האָב נאָך

געהאַפּט גיכער פון איהם צו לויפען, כאָטש זיכער בין איך אין דעם ניט געווען, ווייל איך בין נאָך געווען זעהר שוואַך.

„ווען ביים טויער זאָל מיך ערוואַרטען אַן עקיפּאַזש, (אַזוי האָב איך מיר געטראַכט), אין וועלכען איך זאָל קענען באַלד אַריינשפּרינגען, וועט עס מיר אפשר געלינגען.

„איך האָב געוואָלט וועגען דעם אַלעם שרייבען מיינע פריינד, נאָר אין דערזעלבער צייט האָב איך ערהאַלטען פון זיי אַ צעטעלע, וואו זיי האָבען מיר געשריבען, אַז זיי אַרבייטען אויך אוים אומגעפעהר אַזאַ פּלאַן.

„עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאָרעספּאָנדענץ. איך וויל דאָ ניט דערעהצלען וועגען אַלע פּלענער און פּראָיעקטען, וועלכע מען פלעגט פאַרשלאָגען; עס איז צופיעל צו ריידען דאָריבער. עס איז נאָר איבערגעבליבען צו ענטפערען אויף עטליכע פראַגען און צו באַשליסען: אויב איינער פון אונזערע זאָל אַריינגעהן אין הויף, אום אָפּצוהאַלטען דעם טשאַסאָוואָי? וואו זאָל שטעהן דער וואָגען: ביים טויער אָדער אויפ׳ן עק פונ׳ם האָספּיטאַל, וואו עס וואָלט זיך ניט אַזוי וואַרפען אין די אויגען? אויב איינער, אַז איינגענער, זאָל זייצען אויפ׳ן וואָגען, אויסער דעם קוטשער?

„איך האָב פאַרגעשלאָגען דעם איינפאַכסטען און נאַטירליכסטען פּלאַן, וועלכען אַלע האָבען ענדליך אָנגענומען. אין הויף זאָל קיינער ניט אַריינגעהן. דער וואָגען זאָל מיך ערוואַרטען ביי דעם טויער, וואָרים איך האָב מיך געפיהלט צו שוואַך, אַז איך זאָל קענען לויפען ביז דעם עק פונ׳ם הויז. איינער פון מיינע פריינד, דער פאַרשטאָרבענער אַ ר ע ס ט ו ו י י מ אַ ר, האָט געדאַרפט זיצען אין וואָגען, אום צו העלפען מיר גיכער אַריינקריכען, נאָר הויפּטזעכליך, אום מיך באַלד איבערצוטאָן, ווי איך וועל נאָר אַריין אין דעם וואָגען, וואָרים לויפען האָב איך געמוזט אין איין העמד.

„אין האָספּיטאַל האָבען מיר ניט געהאַט קיין אַנדערע קליידער, ווי נאָר דעם לאַנגען האָספּיטאַל־כאַלאַט. דאָס איז געווען עפּעס אַן אומגעלומפּערטער קיטעל, ברייט, אונבאַקוועם און אַזוי לאַנג,

אַז געהענדיג אין איהם, האָב איך אַלע מאָל געמוזט האַלטען די עקען אין דער האַנט; זיי האָבען זיך נאָכגעשלעפּט און געשטערט דאָס געהן. אַנטלויפען אין אַזאַ מין אָנצוג איז געווען אוממעגליך. דאָס ערשטע וואָס עס איז געווען נויטיג צו טאָן, איידער זיך אַ וואַרף צו געבען צום טויער, איז געווען אַראָפּוואַרפען פון זיך דעם כאַלאַט; און דאָס האָט מען געדאַרפט אָפּאַרבייטען שנעל, ווארים איין סעקונדע האָט געקענט אַלעם איבערפיהרען. מעהרערע טעג האָב איך מיך געאיבט אין מיין קעמערעל, האָב אַלץ געזוכט דאָס בעסטע מיטעל, ווי אַזוי צו מאַכען די דאָזיגע אָפּעראַציע. ענדליך האָב איך אויסגעפונען, אַז אום אַם שנעלסטען עס צו מאַכען, דאַרף מען עס איינטיילען אין דריי הויפּט־באַוועגונגען, אַזוי ווי די סאָלדאַטען מאַכען: איינס, צוויי, דריי.

„דאָס שווערסטע איז נאָך געבליבען — אויסקלייבען די צייט, די מינוט, דעם מאָמענט. דאָס האָט אָפּגעהאַנגען פון די גאַסען, דורך וועלכע מיר האָבען געדאַרפט דורכפאָהרען. דער וואָגען מיט האַלץ, דער פּאָליציי־פּאַטרול, דער קאָזאַק, וועלכער דרעהט זיך שטענדיג אַרום אויף אַ פערד — דאָס אַלעם האָט געקענט שטערן; דורך דעם האָט אַלעם געקענט פערלאָרען געהן. דערצו זיינען נאָך די גאַסען, דורך וועלכע מיר האָבען געזאָלט פאָהרען, געווען שמאָלע און פאַרדרעהטע. מען האָט געמוזט אַלזאָ באַאָבאַכטען דעם גאַנצען וועג און מיר צו וויסען געבען, ווען ער איז פריי, ווען קיין הינדערניסען זיינען ניטאָ. צו דעם צוועק האָט מען אין פיער פאַרשידענע פּונקטען אַוועקגעשטעלט אייגענע טשאַסאָוואָיעס. דער פינפטער טשאַסאָוואָי האָט מיר געדאַרפט געבען דעם לעצטען צייכען, נאָכדעם, ווי ער האָט פון די אַנדערע פיער געקראָגען באַשטימטע סיגנאַלען. ווענען לעצטען סיגנאַל איז באַשטימט געוואָרען, מען זאָל נעהמען אַ רויטען לופט־באַל, מיט וועלכען די קינדער שפּילען זיך. דעם באַל האָט דער פינפטער טשאַסאָוואָי, וועלכער איז געשטאַנען הינטער דער הויכער האָספּיטאַל־וואַנט, געדאַרפט לאָזען אין דער לופט.

„איך האב נאך געוואלט, מען זאל שטעלען א זעקסטען מענ־שען ביים עק פון א שמאלען, אבער לאנגען געסעל, דורך וועלכען מיר האבען געמוזט פאהרען. איך האב געוואוסט, אז אויב אין דעם מאמענט, וואס איך וועל זיך זעצען אין וואגען, וועט פון דער אנדערער זייט פונ'ם געסעלע אריינפאהרען א וואגען, וועט ער ניט אוספייען דורכצופאהרען די גאנצע גאס ביז מיר וועלען צוקומען; ער וועט אונז איבערהאקען דעם וועג, און דאן איז ווייטער אלעס פארלארען. מיר האבען אבער געהאט ווייניג מענשען, און מען האט דעם זעקסטען ניט אוועקגעשטעלט.

„אין באשטימטען טאג בין איך ארוים אויף מיין שפאציר, שטארק אויפגערעגט און פול מיט האפנונגען. מיינע אויגען זיי־נען געווען אנגעשטעלט אויף דעם פלאץ, פון וואנען דער רויטער באל האט זיך געדארפט באווייזען. איך זעה גארניט. די צייט געהט, אט ענדיגט זיך שוין מיין שפאציר־צייט — קיין שפור. זי איז שוין פארביי, איך מוז שוין צוריק אריין. פארפאלען אלע מיינע האפנונגען. מיין צושטאנד איז געווען שרעקליך; איך האב ניט געצווייפעלט, אז אלעס איז פארלארען.

„עס האט זיך אבער אויסגעלאזט, אז עס איז געווען א דומהייט. מיינע פריינד האבען גראד ניט געקענט געפינען קיין רויטען באל; זיינען אויסגעלאפען אלע קלייטען, וועלכע זיינען דארט געווען ארום, האבען געפונען באלען פון פארשידענע פארבען: ווייסע, גרינע, בלויע, אבער ניט קיין רויטע. נאטירליך, האבען זיי ניט געוואלט נעמען קיין אנדערען און האבען אויך רעכט גע־האט, ווארים ביי סיגנאלען טאר מען גארניט ענדערען, אפילו א קלייניגקייט. אין איילעניש זיינען זיי אוועק אין א מאגאזין פון גוטאפערש־זאכען, האבען געקויפט א גומי־באלזע און האבען זי אנגעפילט מיט גאז, וועלכען זיי האבען אליין געמאכט. עס איז אבער געווען אין איילעניש אזוי שלעכט געמאכט, אז ווי נאר דער טשאסאוואי האט אפגעלאזט דעם שניירעל, האט ער זיך אביסעל אויפגעהויבען און איז באלד צוריק אראפגעפאלען אויף דר'ערד. דער טשאסאוואי האט פון בייזקייט איהם א כאפ געטאן און א

וואָרף געטאָן מיט דער האַנט אין דער הויך. דאָס איז איהם נאָך ווייניגער געלונגען.

„אָט דורך דעם צופאַל האָב איך געהאַט עטליכע שטונדען שרעקליכע ליידען, ביז וואַנען אַלעס איז ערקלעהרט געוואָרען. דעם צופאַל אָבער האָב איך אויך צו פאַרדאַנקען מיין רעטונג; ווארים אין דערזעלבער מינוט, ווען מען האָט געלאָזט דעם באַל, איז אַ וואָגען מיט האָלץ אַריין אין יענער גאַס, וואו קיין טשאַסאָוואָי איז ניט געשטאַנען. ער וואָלט אונז פאַרשטעלט דעם וועג, און אָהן צווייפעל וואָלט אַלעס צו גרונד געגאַנגען.

„אַ נייע קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אָנגעהויבען וועגען די נויטיגע ענדערונגען. אין יענעם געסעל האָט מען געשטעלט אַ טשאַסאָוואָי. דורך דעם אָבער האָט זיך אַלעס געמוזט ענדערען, ווארים דער, וואָס האָט מיר געדאַרפט געבען דעם לעצטען סיגנאַל, האָט ניט געקענט זעהן די צייכענס פון אַלע אַנדערע פינף. מען האָט געדאַרפט האָבען נאָך מענשען, וועלכע זאָלען איינפאַך איבערגעבען פון איין טשאַסאָוואָי צום אַנדערען די סיגנאַלען, און ווען ניט, האָט מען געדאַרפט ענדערען דעם לעצטען סיגנאַל.

„מען האָט אויסערוועהלט דאָס לעצטע.

„איינער פון די אונזעריגע האָט געדונגען אַ צימער אין דריטען שטאָק, פּונקט געגענאיבער דעם האָספּיטאַל. פון דעם צימער האָט ער געקענט זעהן ניט נור די פינף טשאַסאָוואָיעס, נאָר אויך דעם הויף, אין וועלכען איך האָב שפּאַצירט. דער סיגנאַל איז געוועזען דאָס שפּילען אויף אַ פידעל. וויבאַלד אַלע צייכענס זיינען גינסטיג, האָט דער קאַמעראַד אין דעם צימער געדאַרפט שפּילען, און ווי נאָר איינער איז געוואָרען אונגינסטיג, האָט דאָס שפּילען געדאַרפט אויפהערען. דאָס איז געוועזען זעהר אַ גוט מיטעל, ווארים עס האָט מיר אָנגעוויזען ניט נור די מינוט, נאָר די גאַנצע צייט, וועלכע איז גינסטיג צו אַנטלויפען, און דעם מאָמענט האָב איך שוין אַליין געקענט וועהלען.

„דאָס ערשטע מאָל, ווען אַלעס איז שוין געוועזען פאַרטיג, און דער וואָגען האָט מיך שוין ערוואַרטעט ביים טויער, האָב איך

געלאָזט מיינע פריינד צוברעננגען עטליכע שלעכטע מינוטען: מיין קראַנקהייט איז שטאַרקער געוואָרען. איך האָב מיך געפיהלט אַזוי שוואַך, אַז איך האָב מורא געהאַט דאָס מאָל צו פאַרלאָזען זיך אויף מיינע כחות. איך בין גאַרניט ארויסגעגאַנגען אין הויף, און אונזערע האָבען שוין געמיינט, אַז די פּאָליציי האָט עטוואָס אויס־געפונען, און דערפאַר האָט מען מיך גאַרניט ארויסגעפיהרט אויפ'ן שפּאַציר.

„אין אַ טאָג צוויי אַרום איז מיר בעסער געוואָרען. מען האָט מיך אַרויסגעפיהרט אין הויף. ווי איך בין נאָר אַרויס, האָב איך באַלד דערהערט די פידעל. פינף מינוט האָט געדויערט די מוזיק; איך האָב אָבער ניט געוואָלט באַנוצען די צייט, ווייל אינסטינקטיוו איז די וואַך פון אָנהויב שטאַרקער, אויפמערקזאַמער. די פידעל איז שטיל געוואָרען; באַלד האָב איך דערזעהן, ווי איינינגע וועגען מיט האָלץ זיינען אַריין אין הויף. די פידעל האָט זיך ווייטער גע־לאָזט הערען.

„יעצט האָב איך מיך שוין באַשלאָסען. איך האָב אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויפ'ן טשאַסאַוואָי; ער איז זיך געגאַנגען אויף זיין געוועהנליכער ליניע, אויף אַ פינף־טריטיגע ווייטקייט צווישען מיר און דעם טויער. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיין ביקס. ער איז געווען געלאָדען, איך האָב עס געוואוסט. וועט ער שיסען, אָדער ניט? וואַרשיינליך ניט; ווייל ער וועט זיין זיכער, אַז ער וועט מיך כאַפּען, וואָרים ער איז דאָך אַזוי נאָהענט פון מיר. די שפּיז איז געווען געפעהרליכער, אין פאַל ווען מיינע קרעפטען זאָלען מיך פאַרלאָזען. איך האָב זיך אָבער אַזוי באַרעכענט: אויב איך וועל בלייבען אין דער פעסטונג, וועל איך דאָך זיכער שטאַר־בען, איך וועל עס ניט אויסהאַלטען. „איצט אָדער קיינמאָל ניט!“ האָב איך זיך אַליין געזאָגט. אַ כאַפּ געטאָן דעם כאַלאַט: איינס!...

„מיט אַמאָל איז די פידעל שטיל געוואָרען.

„די הענט האָבען זיך ביי מיר אָפּגעלאָזט; איך האָב געפיהלט אַזאַ מיעדקייט, גלייך ווי איך וואָלט אויפגעהויבען אַ שרעקליכע משא.

„דורך איינעם פון די געסלעך איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָליציי־פּאַטרול. אין אַ מינוט אַרום האָט די פידעל ווייטער אָנגעהויבען שפּיעלען.

„נו, יעצט איז צייט!

„דער טשאַסאָוואָי איז צוגעקומען צום עק פון זיין ליניע. איך באַלד צום כאָלאַט: איינס, צוויי, דריי! דער כאָלאַט איז ניטאַ! ווי אַ פייל פון בויגען האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צום טויער... הינטער מיר האָט זיך געהערט דער ווילדער געשריי פונ׳ם טשאַסאָוואָי. אַזוי ווי איך האָב פאָראויסגעזעהן, האָט ער זיך אַ לאָז געגעבען מיך צו כאַפּען, אָנשטאָט צו לויפען גלייך צום טויער און מיר איבערהאַקען דעם וועג. דורך דעם האָב איך געהאַט עט־ליכע שריט פאָראויס. איך בין אָבער געווען זעהר שוואַך, און די פון אונזערע, וועלכע האָבען פון אויבען געקוקט אויף דאָס משוגע׳נע לויפען, האָבען געזאָגט, אַז דער טשאַסאָוואָי איז אין גאַנצען געווען דריי שריט פון מיר, און די שפּיז, וועלכע ער האָט אַלץ גערוקט פאָראויס, האָט שוין שיער מיך אָנגעריהרט. איך, נאַטירליך, האָב גאָרניט געזעהן. איך האָב נאָר געהערט זיינע ווילדע גע־שרייען און אויך די געשרייען פון די פוהרלייט, וועלכע האָבען צונויפגעלעגט האָלץ אין הויף.

„ווי איך בין צוגעקומען צום הויף, האָב איך דערזעהן אַ וואָגען; איך האָב אָבער געצווייפעלט, אויב דאָס זיינען א ו נ ־ ז ע ר ע. אינוועניג איז געזעסען אַן אָפיציר, און איך האָב אין איהם ניט דערקענט מיין פריינד. איך האָב געמוזט עטוואָס טאָן, ער זאָל זיך אומדרעהען. איך האָב אַ פּאַטש געגעבען מיט די הענט. דער אָפיציר האָט זיך אומגעדרעהט, איך האָב איהם באַלד דערקענט און אין איין סעקונדע בין איך שוין געווען אין וואָגען.

דאָס פערד האָט אָנגעהויבען צו פליהען, און איך האָב שוין דערפיהלט אויף מיינע פּלייצעס אַ וואַיעני ניקאָלאַיעווסקי שינעל, וועלכע מיין פריינד האָט שוין געהאַלטען אָנגעגרייט׳ מיט אַן אָפיצירסקען היטעל.

„שפּעטער האָב איך ערפאַהרען, אַז אין האָספּיטאַל איז גע־

ווען א שרעקליכע איבערקעהרעניש. דער גאַנצער קאַראַאול, די גאַנצע וואך איז זיך צוזאַמענגעלאָפען אויפ'ן געשריי פונ'ם טשאַסאָוואָי, און ווען דער קאַראַאולני אָפיציר האָט זיך דערוואוסט, וואס דאָ איז געשעהן, האָט ער זיך אָנגעהויבען רייסען די האָר אויפ'ן קאָפּ און שרייען:

— איך בין פארלוירען! איך בין פארלוירען! לויפט, כאַפּט איהם, לויפט!

„ער איז אָבער געווען אזוי דערשלאָגען, אז ער איז ניט געווען אימשטאַנד עפּעס צו באַפעהלען. איינער פון אונזערע, דערזעלבער וואס האָט געשפּילט אויפ'ן פידעל, איז שנעל אַראָפּגעלאָפען, צו־געגאַנגען צו איהם, און מיט א רחמנות'דיגען פּנים, אזוי ווי ער וואָלט ליידען גלייך מיט איהם, האָט ער איהם געפרעגט: וואס איז געשעהן? ווער איז אַנטלאָפען? ווי אזוי? ווען? וואוהין? און דער אָפיציר, אויסער זיך פאַר פארצווייפלונג, האָט איהם אויף אַלעס געענטפערט, און דערווייל פארלאָרען די קאָסטבאַרע צייט.

„און אַלטע פרוי האָט געגעבען א שרעקליכע עצה:

„— עי, — האָט זי געזאָגט, — וואס איז דאָ אַזוינס?! זיי וועלען זיך אַרומדרעהען אביסעל און וועלען דאך אַרויספאָהרען אויפ'ן נעווסקי פּראָספּעקט. דאָס איז שוין זיכער. שפּאַנט אויס די פערד פונ'ם טראַמוויי (ביים האָספּיטאַל איז געשטאַנען א טראַמוויי) און לויפט, וועט איהר זיי איבערשניידען דעם וועג.

„מיר זיינען ווירקליך אזוי געפאָהרען. צום גליק האָט קיינער ניט געפאָלגט די עצה פון דער אַלטער מכשפה."

באַכאַנאָווסקי'ס אַנטלויפען.

ווען קראַפּאַטקין האָט געענדיגט, איז דער גורל געפאַלען אויפ'ן קאַזאַק איוואַן באַכאַנאָווסקי. מיר האָבען איהם גערופען „קאַזאַק", ווייל ער איז געווען פון קליין־רוסלאַנד, און איז זעהר עהנליך געווען צו די אַלטע קאַזאַקען פון דעם דאָזיגען לאַנד דורך זיין טאַפּפערקייט, דורך זיין קאַלטבלוטיגקייט און אויך דורך זיין שווייגען.

אַלע האָבען זיך געווענדעט צו איהם. ער האָט ארויסגענומען פונ'ם מויל זיין קליינע הילצערנ'ע פּיפּקע.

— ניין, ניין; דאָס געהט ניט, — האָבען מיר זיך אַלע אַ וואָרף געגעבען אויף איהם, — דערצעהל אַלעס, ווי געהעריג איז.

ווען דער „קאַזאַק" האָט געזעהן, אַז ער וועט דאָ גאָרניט מאַכען, האָט ער גענומען זיין פּיפּקע, האָט זי לאַנגזאַם אָנגעפילט מיט טאַבאַק, אַזוי ווי איינער, וואָס קלייבט זיך אויף אַ לאַנגע רייזע; האָט זי אָנגעצונדען, פּרובירט, אויב זי ציהט גוט, און האָט ענדליך אָנגעהויבען זיין ערצעהלונג, וועלכע האָט פיליכט ענטהאַלטען מעהר ווערטער, וויפיעל ער פלעגט אויסריידען אין אַ האַלב יאָהר.

„מיכאַילאַ", האָט ער אָנגעהויבען, „איז אָנגעקומען אין אָסטראָג אַ צוויי חדשים פאַר אונזער אַנטלויפען. ס'איז געווען שווער, ביז מען האָט איהם אריינגעפיהרט. עס איז איהם ענדליך דאָך געלונגען איינצוטרעטען אין דינסט אינ'ם אָסטראָג, — אין אָנהויב אַלס פּראָסטער ארבייטער, דאַן אַלס סטאָראָזש.

„ער האָט אַלע זיינע פליכטען זעהר גוט ערפילט, האָט זיך זעהר פיין אויפגעפיהרט און דורך דעם האָט איהם די גאַנצע גאַ־

טשאַלסטוואָ ליעב באַקומען, אַזוי אַז אין אַ מאָנאַט אַרום האָט מען איהם שוין איבערגעגעבען די שליסלען פון׳ם קאָרידאָר, וואו די קרימינאַל־פאַרברעכער געפינען זיך.

„כדי צו באַווייזען, אַז ער איז אַ טרייער, איבערגעגעבענער דינער, האָט איהם סטעפאַנאָוויטש געגעבען אַן עצה, אַז ער זאָל געהן מיט אַ מסירה צום אויפזעהער; און סטעפאַנאָוויטש האָט אין דערזעלבער צייט מיט אַ כיון געשריבען עפּעס אַ צעטעלע.

„— וואָשע בלאַגאָראָדיע, — האָט געזאָגט מיכאַילאָ, — עס איז עפּעס ניט גלאַט ביי אונז.

„— וואָס, וואָס איז געשעהן? — האָט זיך דער סמאָטריטעל דערשראָקען.

„— די פּאָליטישע שרייבען.

„— ווער, ווער שרייבט? — האָט דער אויפזעהער געפרעגט.

„— סטעפאַנאָוויטש.

„— נו, זאָל ער זיך שרייבען, — האָט דער סמאָטריטעל געזאָגט, און האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

„די לאַגע פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטען איז אין יענער צייט אין קיעוו געווען גאָר אַ באַזונדערע. דער טורמע האָט אַלעמען דערשראָקען. גאַנץ קיעוו האָט געציטערט, פון׳ם פּראָקוראָר ביז דעם אויפזעהער פון געפענגנים; און אַלע פלעגען זיי טאַנצען פאַר אונז, אַזוי ווי אַ בער אויף די הינטערשטע לאַפּעס; זיי האָבען געציטערט, אַז אַט גיבען מיר אַ צייכען, און זיי ווערען באַלד דער׳הרג׳עט. דערפאַר, ווען דער אויפזעהער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס שרייבט סטעפאַנאָוויטש, פאַר וועלכען זיי האָבען געציטערט מעהר ווי פאַר אַלעמען, האָט ער פאַרשוויגען און ניט געוואָלט מאַכען קיין אַביסק ביי איהם. פון דעם טאָג אָבער איז מיכאַילאָ געוואָרען זיין ליעבלינג.

„דער סמאָטריטעל האָט געזעהן, וואָס ווייניגער אונז אויפצורייצען, און האָט איבערגעגעבען די שליסלען פון אונזער קאָרידאָר צו אַ געוויסען ניקיטאַ, אַ זעהר גוטען מענשען, אונשולדיג ווי אַ לעמעלע. פאַר אונז אָבער האָט ער איצט ניט געפּאַסט;

מיר האָבען געמוזט האָבען מיכאַילאַ'ן, און מיר האָבען אָנגעהויבען זוכען מיטלען, ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון ניקיטאַ'ן.

„דאָס איז געווען זעהר אַ שווערע זאַך. דער גוטער ניקיטאַ האָט אונז קיינמאָל ניט געטאָן קיין שום שלעכטס; מיט קיין וואָרט האָט ער אונז קיינמאָל ניט באַליידיגט. וואָס טהוט מען? מיר האָבען אָנגעהויבען אַרויפצוּוואַרפען אויף איהם זאַכען, אין וועלכע ער איז גאָרניט שולדיג געווען; קלאָגען זיך פאַר דעם סמאָטריטעל; און דער פלעגט אויף איהם שרייען, איהם שעלטען, כאָטש ער איז נעבעך געווען ריין. מיר האָבען געהאָפט, אַז דורך דעם וועט ער בייז ווערען אויף אונז, וועט אָנהויבען שלעכט צו האַנדלען געגען אונז, וועט באַגעהן עפּעס אַן אונפאַרזיכטיגקייט, און דאַן וועלען מיר שוין האָבען אַ גוטען אויסרייד. מיר האָבען אָבער אַ גרויסען טעות געהאַט. אַנשטאָט בייז צו ווערען, האָט ער אַלעס איבערגעטראָגען מיט דער גרעסטער געדולד, און פלעגט זאָגען:

„— קריסטוס האָט געליטען, איך וועל אויך ליידען.

„מיר זיינען געווען אין פאַרצווייפלונג. ענדליך איז וואַלעריאַן אָסינסקי, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אונזער אַנטלויפען פון דרויסען, געפאַלען אויף אַ שפּיצעל. ער איז אָוועקגעגאַנגען אין דעם טראַקטיר, וואוהין ניקיטאַ פלעגט שטענדיג געהן, און אַזוי ווי גאָר צופעליגערווייז האָט ער זיך מיט איהם באַקאַנט. ער האָט איהם דערצעהלט, אַז ער זוכט אַ קאָנטאָרשטשיק פאַר אַ צוקער־פאַבריק אין אַ דאָרף. ער האָט איהם פאָרגעלעגט זעהר גוטע באַדינגונגען, און ניקיטאַ איז אַריינגעפאַלען. ער האָט באַקומען פון אָסינסקי'ן רייזע־געלט און פאַר אַ מאָנאַט פאָראויס געהאַלט. באַלד איז ער אַוועק אין געפענגניס, האָט זיך ענטזאָגט פון זיין שטעלע, ווייל איינע פון די קאָנדיציעס איז געווען, אַז ער מוז באַלד פאָהרען. דערווייל אָבער האָט מען יעדעס מאָל געפונען אַ נייע שטערונג, ביז מיר זיינען אַנטלאָפען, און דאַן האָט מען איהם צוריקגעשיקט זיין פּאַס מיט אַ צעטעלע, אַז איצט פאַרלאַנגט מען שוין פון איהם גאָרניט. פאַר וואָס, — האָט ער נאַטירליך שוין אַליין געטראָפען.

„ווען זיין פּלאַץ איז פריי געוואָרען, איז דער סמאָטריטעל

געקומען צו סטעפּאַנאָוויטש'ן און דייטש'ן איבערריידען מיט זיי וועגען אַ נייעם מענשען, וועלכער זאָל זיין פּלאַץ פאַרנעהמען.

„— ניט אמת, — האָט דער אויפזעהער געזאָגט, — אַז פּאַ־מענקאָ (דאָס איז געווען מיכאַילאָ'ס פאַלשער נאָמען) איז זעהר אַ פּאַסענדער מאַן פאַר דעם אמט?

„סטעפּאַנאָוויטש האָט זיך גענעבען אַ קרים און האָט גע־בורטשעט צווישען די צייהן:

„— אַ שפּיאָן זעהט ער אויס צו זיין.

„— וואָס רעדט איהר? ער איז אַ פּאַרטרעפליכער מענש, — האָט איהם דער אויפזעהער פאַרטיידיגט.

„ענדליך האָט ער זיי איבערגערעדט, און מיכאַילאָ האָט גע־קראָגען די שליסלען פון'ם קאָרידאָר, וואו די פּאָליטישע זיינען גע־זעסען.

„דאָס וויכטיגסטע איז מען איבערגעקומען; דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען אַלעס. מיכאַילאָ האָט אונז טאַקע איצט געקענט עפענען די טירען פון די קאַמערלעך; ווי אַזוי געהט מען אָבער אַרויס אין פיערען פון געפענגניס, וועלכער איז אַרומגערינגעלט מיט אַ מיליטער־וואַך?

„מיר האָבען אָבער ניט געטאָרט פאַרלירען קיין צייט; מען האָט געמוזט אַנטלויפען וואָס גיכער, וואָרים מיכאַילאָ איז געווען אין זעהר אַ געפעהרליכער לאַגע. די פעסטונג איז געווען פול מיט פּאָליטישע, פון פאַרשידענע סאָרטען און קאַטעגאָריעס: יונגע מענשען, וועלכע זיינען געזעסען איבער אַ קליינעם פאַרדאַכט, און אויך רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען געהאַט אויף זיך היבשע פּעקלעך. אַ סך האָבען געקענט מיכאַילאָ'ן, ווייל זיי האָבען זיך פריהער געטראָפען מיט איהם. נאַטירליך, פאַר אַ מסירה איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבען; מיכאַילאָ האָט זיך שוין אַ לאַנגע צייט, אַלס אונלעגאַלער, נאָר אַרומגעדרעהט צווישען איינענע. ווער האָט אָבער געקענט גאַראַנטירען, אַז איינער זאָל זיך אַזוי גלאַט ניט אויסריידען, ניט אויספּלאַפּלען עפּעס!

„מיר זיינען געזעסען ווי אויף הייסע קוילען.

„מיר האָבען געמוזט באַלד באַנוצען אונזער גינסטיגע לאַגע, אין וועלכער מיר האָבען זיך אַצונד געפונען דורך מיכאַילאַ'ן, און דערפאַר, ווי ער האָט זיך נאָר אַביסעל בעסער באַקאַנט מיט זיין נייעם אַמט, האָבען מיר באַשטימט אַ נאַכט, אין וועלכער מיר זאָלען אַנטלויפען.

„אום אַרויסצוגעהן פון געפענגניס האָבען מיר זיך געמוזט אָנטאָן פאַר טשאַסאָוואַיעס. צוויי אַזעלכע קאָסטיומען האָט מי־כאַילאַ געקראָגען פאַר אונז, די אַנדערע צוויי האָבען געמוזט אַרויס־געהן ווי זיי שטעהען און געהען. פאַר אַלע פיער האָט ער נאָר געקראָגען איין שווערד. אָבער מיר האָבען באַשלאָסען מעהר ניט צו וואַרטען.

„דעם באַשטימטען אָבענד האָט אונז מיכאַילאַ געבראַכט די צוויי סאָלדאַטסקע קאָסטיומען. מיר האָבען זיך איבערגעטאָן, און פון אונזערע פריהערדיגע קליידער האָבען מיר געמאַכט ליאַלקעס און האָבען זיי אַוועקגעלעגט אין בעט, כדי ווען די היטער וועלען אין דער פריה אַ קוק טאָן צו אונז אין פענסטער, זאָלען זיי מיינען אַז מיר שלאָפען נאָך.

„האַלבע נאַכט איז מיכאַילאַ געקומען אונז נעמען. דאָ האָט זיך אָבער געטראָפען אַן אונערוואַרטעטע שטערונג. דער „דעזשורני סטאָראָזש“ איז גראַד געקומען אין אונזער קאָרידאָר, האָט זיך אַרומגעשפּאַצירט און וואָלט געקענט אַזוי אַרומגעהן אַ גאַנצע נאַכט. סטעפּאַנאָוויטש איז ווייטער געפאַלען אויף אַ סבּרא; אַזוי ווי אומגערן איז ביי איהם פון האַנט אַרויסגעפאַלען אַ צעוואָרפען בוך אין גאָרטען. די בלעטלעך האָבען זיך צושאָטען, סטעפּאַנאָוויטש האָט אָנגעהויבען בעטען מיכאַילאַ'ן, ער זאָל עס איהם באַלד ברענגען. מיכאַילאַ האָט געהייסען דעם סטאָראָזש געהן נאָכ'ן בוך, און אין דער צייט וואָס יענער האָט געקליבען די צעוואָרפענע בלעטלעך, זיינען מיר אַרויס פון אונזערע קעמערלעך.

„ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם אונטערשטען קאָרידאָר האָט פּאַסירט עפּעס שרעקליכעס. אין דעם דאָזיגען קאָרידאָר איז געהאַנגען דער שטריק פון'ם אַלאַרם־גלאָק. אַזוי ווי מיר האָ־

בען געדאַרפט גיין אין דער פינסטער, האָב איך מיך אין איין פּלאַץ אויסגעגליטשט און בין שיער נ׳ט געפאַלען. אינסטינקטיוו האָב איך אויסגעשטרעקט די הענט און האָב דערפיהלט, אז איך ריהר עפּעס אַן אַ זאַך; איך האָב זיך אַנגעכאַפּט אַן דעם, כדי ניט צו פאַלען. מיט אַמאָל האָט זיך געלאָזט הערען אַ שרעקליכער קלאַנג איבער דעם גאַנצען געפענגניס. דאָס איז געווען דער שטריק פונ׳ם סיגנאַל־גלאָק!... דער שרעק, די שאַנדע, דער קאָמישער צושטאַנד פון אונזער אונגליק, — אַלעס האָט מיר זיך פאַרגעשטעלט פאַר מיינע אויגען. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אַלעס איז פאַרלאָרען. מיר האָבען שוין געהערט, ווי די טשאַסאָוואָיעס האָבען גענומען לויפען, ווי די סאָלדאַטען האָבען אַנגעהויבען אויף גיך אויפשטעהן. מיכאַילאָ האָט אונז געהייסען זיך באַהאַלטען וואו ניט איז, און אַליין איז ער אַוועקגעלאָפען זאָגען, אַז דאָס האָט ער אומגערן פאַרטשעפּעט דעם שטריק. ביסלאַכווייז איז אַלעס שטיל געוואָרען. נאָר דאָ איז ווייטער שיער ניט געשעהן אַן אונגליק. אַזוי ווי מיר האָבען זיך ניט איינאיינעם באַהאַלטען און פינסטער איז עס געווען, האָבען מיר ביים אַרויסגעהן געבלאָנדזשעט. אַ היבשע צייט האָט מיכאַילאָ געמוזט אַרומלויפען איבער׳ן גאַנצען קאָרידאָר, ביז וואַנען ער האָט אונז ווייטער צונויפגעקליבען.

„מיר האָבען זיך ענדליך ווידער אויסגעשטעלט אין צוויי רייהען און האָבען זיך געלאָזט געהן ווייטער. דאָס שווערסטע איז נאָך געבליבען: דורכגעהן דעם טויער לעבען סטאָראָזש און דעם טשאַסאָוואָי. דאָס איז אונז אָבער זעהר גוט געלונגען. מיכאַילאָ האָט אַ געשריי געטאָן צום סטאָראָזש, ער זאָל אונז געבען די שליסלען פון דעם קליינעם טויער, וואָס יענער האָט באַלד געטאָן; און דער טשאַסאָוואָי האָט אונז גאָר אַזוי דורכגעלאָזט; ער האָט ניט באַמערקט ניט אונזער מאָדנעם אָנצוג, ניט קיין אַנדער זאַך.

„מיר האָבען נאָר געמאַכט אַ פּאָר שריט אויף דער גאַס, איז פאַר אונז אויסגעוואַקסען אַ שוואַרצע פיגור אין אַן אַפּיצירסקען היטעל. מיר האָבען אָבער באַלד דערקענט אָסינסקי׳ס שענעם

קאָפּ. ער האָט אין גאַנצען געשטראַלט פון פרייד, און האָט אונז אויסגעשטרעקט זיינע ביידע הענט. אַ וואָגען האָט שוין געוואַרט אויף אונז. מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען צום דניעפּר. דאָרט איז געשטאַנען אַנגעגרייט פאַר אונזער לאַנגע רייזע אַ לאָדקע, וועלכע איז געווען פול מיט עסענוואַרג און אַנדערע זאַכען.

מיט אַ מינוט שפּעטער זיינען מיר שוין געשוואומען אין מיטען פון'ם ברייטען טייך — צו דרום צו. אַ וואָך האָט די דאָזיגע וואַסער־רייזע געדויערט. ביינאַכט פלעגען מיר די לאָדקע אַרוים־שלעפּען אין די קליינע בוימלעך, וועלכע וואַקסען אַרום דעם דניעפּר, פלעגען דאָרט אַ פּאָר שטונדען שלאָפען. בייטאָג פלעגען מיר רודערען מיט אַלע כחות, און ווי מיר פלעגען דערזעהן פון דער־ווייטענס אַ רויך פון אַ דאַמפּפשיף, האָבען מיר זיך באַהאַלטען אינ'ם קאַמיש (טשערעט), וועלכער רינגעלט אַרום דעם דניעפּר.

ווען מיר זיינען געקומען קיין ק ר ע מ ע נ ט ש ו ג, האָבען מיר שוין דאָרט געפונען וואַלעריאַן אַסינסקי'ן, וועלכער האָט גע־בראַכט פּעסער און אַלעם נויטיגע.

„ער האָט אונז דערצעהלט, אַז די פּאָליציי האָט איבערגע־קעהרט גאַנץ קיעוו, ווארים זי איז געווען זיכער, אַז מיר באַהאַלטען זיך אין שטאָדט.

„אין אָסטראָג האָט מען ערשט שפּעט אין דער פריה זיך דער־וואוסט וועגען אונזער פּליטה. דאָס וואָס מיכאַילאָ איז אויך ניט געוואָרען, האָט זיי אַלעמען דעם קאָפּ פאַרדרעהט. זיי זיינען גע־ווען אַזוי איינגעגלויבט אין איהם, אַז זיי האָבען ניט אַנדערש גערעכענט, אַז מיר האָבען איהם דער'הרג'עט, כדי מיר זאָלען קענען אַנטלויפען. זיי האָבען לאַנג געזוכט זיין טויטען קערפּער.

„ערשט שפּעטער, ווען מען האָט זיך גענומען צו זיין פּאַס און עס האָט זיך אַרויסגעציינט, אַז ער איז אַ פאַלשער, דאַן האָבען אַלע פאַרשטאַנען דעם סוד פון אונזער פאַרשווינדען.

„דער אויפזעהער איז אומגעגאַנגען ווי אַ משוגע'נער און האָט זיך נאָר געוואונדערט, ווי איינפאַך און אויך געשיקט מען האָט איהם דאָ אָפּגעטאָן.“

דער „קאַזאַק“ האָט געענדיגט. נאָך איהם האָבען אַנדערע דערצעהלט, אָבער זעהר פיעל אינטערעסאַנטעס איז אין זייערע ערצעהלונגען ניט געוועזן.

די באַהאַלטערס.

.1

מיר זיינען ווידער אין פעטערבורג. ס'איז געווען זעהר אַ שווערע צייט. די פּאָליציי האָט מיך פאַרפאָלגט, נאָכגעשפּירט אויף שריט און טריט. צוויי מאָל האָב איך געמוזט בייטען די וואוינונג און דעם פּאַס.

אָבער אוועקפאָהרען האָב איך ניט געקענט, ווארים אויף מיינע הענט איז געווען אַ וויכטיגע זאַך, וועלכע איך האָב ניט געהאַט ווען איבערצוגעבען. אויסערדעם האָט זיך פּשוט ניט געוואָלט פאַרלאָזען אָט די שטאָדט, וואו אויסערליך האָט עס אויסגעקוקט אַזוי רוהיג, אַזוי שטיל, און אינעווייניג האָט דאָס לעבען געקאָכט.

די לאַגע פון די ניט־לעגאַלע איז טאַקע געווען זעהר שלעכט; די פּאָליציי פלעגט מאַכען פעריאָדישע יאַגדען אויף זיי; איך האָב אָבער געהאָפט, אַז עס וועט אַלעס דורכגעהן, איך וועל זיך אויסדרעהען, כ'וועל קענען איבערוואַרטען דעם שטורם און ניט דאַרפען אָנקומען צו די „באַהאַלטערס“.

אָבער וואָס איז עס אַזוינס „באַהאַלטערס“?

דאָס איז אַ גרויסע קלאַסע מענשען פון פאַרשידענע קאַטע־גאָריעס: אַריסטאָקראַטען, אַנדערע וויכטיגע, הויכגעשטעלטע פּערזאָנען און אויך קליינע טשינאָווניקעס, אפילו פון דער פּאָליציי אַליין. אַלע סימפּאַטיזירען זיי מיט די רעוואָלוציאָנערע אידעען, נאָר איבער פאַרשידענע אורזאַכען נעמען זיי ניט קיין אַקטיווען אַנ־טייל אינ'ם קאַמף. זיי באַנוצען אָבער זייער לאַגע, כדי אין אַ נויטפאַל צו באַהאַלטען ביי זיך געפעהרליכע מענשען און אויך גע־פעהרליכע פּאַפּירען. אַ גאַנץ בוך וואָלט מען געקענט אָנשרייבען איבער די „באַהאַלטערס“. דאָס איז גאָר אַ באַזונדער, אָריגינעל

וועלטעלע, אפשר מעהר פארשידען פון די אמת'ע רעוואלוציאנע־רען. איך וויל דא דערצעהלען עטליכע פאסירונגען וועגען יענע „באהאלטערס", מיט וועלכע איך האב זיך צוזאמענגעטראפען אין די איינינע טעג, וועלכע איך באשרייב דא.

איך בין מיר געזעסען אין מיין צימער און האב געטרונקען טהע, ווען צו מיר איז אריינגעקומען דער „דווארניק"; ניט קיין אמת'ער דווארניק, נאר איינער פון די ליבענסווירדיגסטע און טע־טיגסטע מיטגלידער פון אונזער קרוזשאק און מיינער א גוטער פריינד, אלעקסאנדער מיכאילאוו. „דווארניק" האבען מיר איהם גערופען, ווייל ער פלעגט שטארק נאכקוקען, מיר זאלען זיין פארזיכטיג.

איך האב איהם דערלאנגט א שאל טהע.

איך האב גוט געוואוסט, אז גלאט אזוי, אהן אן עפעס, וואלט דער „דווארניק" איצט ניט געקומען צו מיר, און איך האב איהם געפרעגט, וואס איז אזוינס געשעהן.

— די פאליציי שפירט דיר נאך, — האט ער געענטפערט. — מען דארף מאכען א סוף דערצו. איך בין געקומען דיך אפפירען אין א זיכערען פלאץ.

איך האב עס שוין פריהער פארשטאנען. ווען וויל זיך עס אבער אפזאגען פון דער פרייהייט? אזוי געה איך פארט ארום פריי; און דער „זיכערער פלאץ", דאס הייסט זיצען אין שטוב און ניט ארויסגעהן. איך האב זיך אזוי גיך ניט אונטערגעגע־בען און האב געבעטען מיין גאסט, ער זאל מיר בעסער ערקלערען מיין לאגע.

ער האט מיר אויסדערצעהלט אלעס, וואס ער האט באמערקט. איך האב איהם געשטעלט עטליכע פראגען, כדי איך זאל אליין האבען א ריכטיגען באגריף, ווי גרויס די געפאהר איז. דאס לע־בען פונ'ם רעוואלוציאנער איז אזוי פול מיט געפאהר, אז ווען מען זאל וועלען קוקען אויף יעדע קלייניגקייט, איז שוין בעסער מיט איינמאל צו מאכען א סוף מיט זיך. אייגענטליך איז אויך אצונד ניט געוועזען קיין באזונדערעס. אמת, מען האט מיך נאכ־

געשפּירט, אָבער דאָך וואָלט זיך אַלעס געקענט ענדיגען מיט נאַר־נישט. ווען אַנשטאָט דעם „דוואָרניק“ וואָלט אַן אַנדערער געקומען צו מיר, וואָלט איך פּראָטעסטירט און וואָלט וואַרשיינליך נאָך גע־בליבען אין מיין וואוינונג. דער „דוואָרניק“ האָט אָבער פיינט געהאַט צו שפּאַסען, און איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבען.

— וואוהין זשע וועסטו מיך אַפּפיהרען? — האָב איך איהם געפרעגט.

— צו בוצעפאַל׳ן.

אַט דאָס האָט מיר נאָך געפעלט. „בוצעפאַל“ איז געווען אַ געוויסער קאַללעזשסקי סאָוועטניק טאַראַקאַנאָוו *), וועל־כער האָט געהאַט אַן אַמט אין אינערן־מיניסטעריום. מען האָט איהם גערופען „בוצעפאַל“, וויל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם שאָטען, אַזוי ווי דאָס פערד פון אַלעקסאַנדער מוקדון.

ער איז געווען שרעקעדיג ווי אַ האָז; פאַר אַלעס האָט ער געציטערט. צו אַן אָפענעם פענסטער פלעגט ער ניט צוגעהן, וויל ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט כאַפּען אַ צוג־ווינט; אויף אַ דאַמפּפשיף איז ער ניט געפאָרען, פאַר מורא, ער זאָל ניט דער־טרונקען ווערען; פיש האָט ער קיינמאָל ניט געגעסען, וויל ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך ניט דערווערגען מיט אַ ביין; ער האָט ניט חתונה געהאַט, פאַר מורא, טאָמער וועט איהם די פרוי אונטריי ווערען.

ער איז אָבער געווען אַ גרויסער פאַרעהרער פון טשער־נישעווסקי׳ן, און האָט זעהר סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט פערזענליך געקענט אַ סך רעוואָלוציאָנערען, פלעגט זעהר גערן נעמען אויף זיך די ראָלע פון אַ באַהאַלטער, און אין דעם פּרט האָט מען זיך געמעגט פאַרלאָזען

*) די נעמען און אייניגע איינצעלהייטען פון דער דאָזיגער ער־צעהלונג זיינען געענדערט. די אורזאַכען וועט יעדער איינער פאַר־שטעהן.

אויף איהם, דורך זיין לאַגע און נאָך מעהר דורך זיין מורא, פון וועלכער אַלע האָבען געוואוסט, איז זיין וואוינונג געווען אָהן אַ שום געפאַהר.

טאראקאנאָוו האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבען. פונדעסטוועגען איז ער שטענדיג געווען צו פאַרזיכטיג, פלעגט אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען, ווייל איהם האָבען זיך בסדר גע'חלומ'ט שפּיאָנען. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי אנגענעם עס איז געווען פאַר יענע, וועלכע זיינען אריינגעפאַלען צו איהם.

איך האָב געוואָלט כאָטש נאָך אַ טאָג בלייבען אין מיין צי־מער און האָב געגעבען אָנצוהערען דעם „דוואָרניק“, אַז עס וואָלט געווען בעסער פאַרנאַכט אוועקצוגעהן פון דאַנען, ווייל איצט זיי־נען דאָך דאָ אָרום מיין וואוינונג שפּיאָנען. ער האָט מיר אָבער געענטפערט זיין קורצען „ניין“ און אַז פאַר די שפּיאָנען איז ער פאַראַנטוואָרטליך.

איך האָב מיך געמוזט אונטערוואַרפען. ווען מיר זיינען גע־ווען פאַרטיג מיט'ן טהע, האָבען מיר זיך גענומען צום „אויסריי־ניגען“ דאָס צימער, ד. ה., פאַרניכטען אַלעס, וואָס האָט געקענט זיין ניצליך פאַר די זשאַנדאַרען. דערנאָך האָב איך צוגערופען די בעל הבית'טע, האָב איהר געזאָגט, אַז איך דאַרף אויף אַ קורצע צייט אוועקפאָהרען אין אַ דאָרף, און אויב איך וועל דאָרט דאַרפען בליי־בען, וועל איך איהר שרייבען. מיר האָבען זיך געלאָזט געהן.

ווי מיר האָבען נאָר געמאַכט אַ פּאָר שריט, האָב איך דערזעהן צוויי חברה־לייט שטעהן ביי אַ פענסטער פון אַ מאַגאַזין, גלייך ווי זיי וואָלטען אויפמערקזאַם באַטראַכט די ארויסגעשטעלטע סחורות. דער „דוואָרניק“ האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ אין זייער זייט, דאָס האָט געהייסען: „אָט זיינען זיי“; דערנאָך האָט ער מיר מיט אַן אַנדער צייכען געוויזען, אַז מיר זאָלען געהן אָביסעל גיכער.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס יאַגען. עס איז ניט אַזוי אינ־טערעסאַנט, אַז מען זאָל אַ סך ריידען איבער דעם, און פאַר דעם רעוואָלוציאָנער איז עס אַזאַ געוועהנליכע ערשיינונג, אַז עס קי־

מערט איהם זעהר וועניג — באַזונדערס מיר, וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט אַזאַ טייערען חבר, אַזאַ ערפאַרענעם יעגער, ווי דער „דוואַרניק".

ער האָט די זאַכען גוט פאַרשטאַנען. ער האָט גוט געקענט פיהרען מלחמה מיט דער פּאָליציי און מיט שפּיאָנען. ער האָט עס אַלעס שטודירט. עס האָט איהם גענוג צייט און מיה געקאָסט. ער האָט אויסשליסליך צוליב דעם געדונגען אַ וואוינונג אַנטקעגען דעם הויז, וואו דער שעף פון דער געהיימפּאָליציי האָט געוואוינט, און פלעגט גאַנצע טעג נאָכקוקען, ווער עס געהט אַריין און אַרוים פון דאָרט; דורך דעם האָט ער געקענט אין פּנים אַ סך פּעטערבורגער שפּיאָנען. ער האָט גוט שטודירט זייערע מאַניערען, און האָט זיי צוטיילט אויף קלאַסען: לויט'ן כאַראַקטער, לויט דעם אופן, ווי זיי שפּירען נאָך און ד. ג. ער האָט געקענט דערקענען אַ שפּיאָן מיט'ן ערשטען בליק, דורך אַזעלכע סמנים, וועלכע בלייבען פאַר אונז גאַר אומבאַמערקבאַר. די שטאָדט האָט ער געקענט, אַזוי ווי זיינע אייגענע פינף פינגער; ער האָט געקענט אַלע הויפען אין פּעטערבורג, דורך וועלכע מען קען דורכגעהן פון איין גאַס אויף די אַנדערע. דאָס האָט ער אויך ספּעציעל געלערענט.

גראָד איצט האָבען מיר געמוזט דורכגעהן עטליכע הויפען אַזעלכע; דערנאָך האָבען מיר זיך אַביסעל אַרומגעדרעהט אַי צו פוס, אַי אויף אַ וואָגען, און אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען מיר פּטור געוואָרען פון די שפּיאָנען; זיי האָבען אונז פאַרלאָרען. דאַן האָבען מיר זיך ערשט געלאָזט געהן גלייך צו טאַראַקאַנאָוו'ן. ווען מיר זיינען שוין צוגעקומען צום הויז, האָט מיין „דוואַרניק" געמאַכט עטליכע סיגנאַלען, פאַרשידענע סמנים, ביז מיר זיינען ענדליך אַריין אינעווייניג.

טאַראַקאַנאָוו איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, נים הויך געוואַקסען, אַ פולער מיט אַ רויטען פּנים. ער האָט אונז ערוואַרט, וואָרים מען האָט שוין פריהער אָנגעזאָגט, אַז מיר וועלען קומען.

ער האָט אַליין געעפענט די טיר און האָט אונז באַלד אריינ־געפיהרט אין א הינטערשטען צימער. דאָס איז געווען גאַר איבע־ריג, ווייל ער איז געווען איינער אַליין אין הויז. טאַראַקאַנאָוו האָט אָבער ניט געקענט אויסקומען אָהן פאַרזיכטיגקייטען.

פאַרשטעלען אונז האָט מען ניט געדאַרפט. מיר זיינען שוין געווען פון פריהער אַביסעל באַקאַנט.

די ערשטע זאַך האָט ער געפרעגט, אויב אימיצער האָט אונז געזעהן, ווען מיר זיינען אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ.

— פאַרשטעהט איהר מיך, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פּיעל־באַדייטענדען טאָן, — אונטען וואוינט דאָ אַ מויד, אַ שוואַרצליכע, אויגען האָט זי אַ פּאָר, אַז מען קען זיך דערשרעקען פאַר זיי; איך ווייס ניט, צי זי איז אַ מאַדיסטקע אָדער אַ בלומען־פאַרקויפערין. ווען איך געה פאַרביי, קוקט זי שטענדיג אויף מיר. איך בין זי־כער, אַז זי איז אַ שפּיאָן.

מיר האָבען איהם פאַרזיכערט, אַז ער האָט אַ טעות, און דאָס האָט איהם אַביסעל באַרוהיגט. דאָך האָט ער זיך באַלד אומגע־דרעהט צו מיר און האָט געזאָגט מיט אַן ערנסטען טאָן:

— יעדענפאַלס דאַרפט איהר ניט אַרויסגעהן. בייטאָג קענט איהר אָנטרעפען אַט די מויד; פאַרנאַכט — דעם שווייצער, און דער איז אוודאי אַ שפּיאָן. דאָ איז זעהר געפעהרליך. איהר זיצט זיך רוהיג; וואָס איהר וועט דאַרפען, וועל איך אייך ברענגען.

איך בין געווען געצוואונגען נאָכצוגעבען, בפרט אַז איך האָב נאָך געפיהלט דעם שטרענגען בליק פון'ם „דוואָרניק".

נאָך דעם „דוואָרניק'ס" אַוועקגעהן, האָט טאַראַקאַנאָוו מיך אַריינגעפיהרט אין דעם צימער, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר מיר; דאָרט איז געשטאַנען אַ קליינער שרייב־טיש און אויף איהם עטליכע ביכער איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע; אַ זאָפאַ איז דאָרט אויך געווען, וועלכע האָט מיר געדאַרפט דינען פאַר אַ בעט.

מיט עטליכע טעג פריהער האָט טאַראַקאַנאָוו אָפּגעזאָגט זיין קעכין. בייזע צינגער האָבען געזאָגט, אַז ער האָט אויך זי חושד געווען, אַז זי איז אַ שפּיאָנין. נאָר ער האָט עס אָפּגעלייקענט. ער

האט זי פשוט אפגעזאגט, ווייל זי פלעגט איהם בא'גנב'ענען. קיין אנדער דינסט האט ער ניט געוואלט נעמען, און מען פלעגט איהם שיקען עסען פון רעסטאראן.

אין גיכען איז טאראקאנאוו אוועקגעגאנגען, און האט צוגע־זאגט פארנאכט צוריקצוקומען. עס איז שוין אבער געווען שפעט־ליך, אויף די גאסען האט מען שוין אנגעצונדען די פאנארען, און ער איז נאך ניט געווען. איך בין שוין געווארען אונרוהיג, ווען די טיר האט זיך געעפענט און ער איז אריין.

איך האב מיך זעהר דערפרעהט, ווען איך האב איהם דער־זעהן, און איך האב איהם דערצעהלט, ווי באזארגט איך בין געווען איבער זיין פארשפעטיגונג.

— פארשטעהט איהר מיך, — האט ער געענטפערט — איך געה קיינמאל ניט אהיים מיט א גלייכען וועג; איך האב מורא, טאמער שפירט מען נאך; דערפאר מאך איך שטענדיג א קליי־נעם אומוועג. און היינט, צוליעב אזא פאל, האב איך, נאטירליך, געמאכט א גרעסערען אומוועג.

איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטען און האב א שמייכעל געטאן.

דעם גאנצען אבענד האבען מיר פארבראכט צוזאמען, גערעדט פון פארשידענע זאכען. ביי דעם קלענסטען גערויש, פלעגט ער זיך דערשרעקען און אנשטעלען די אויערען. איך פלעג איהם שטענדיג בארוהיגען, אז עס איז ניטא וואס מורא צו האבען.

— איך וויים, איך וויים; איך וואלט אייך דען איינגעלאדען צו מיר, ווען איך זאל ניט וויסען, אז עס איז ניטא קיין געפאהר? וואס קען איך אבער העלפען? איך האב מורא.

ארום האלבע נאכט זיינען מיר זיך פונאנדערגעגאנגען. די גאנצע צייט, וואס איך בין ניט געשלאפען, האב איך איהם געהערט ארומגעהענדיג אהין און צוריק איבער'ן צימער.

אויפ'ן צווייטען טאג, ווען מיין בעל־הבית איז שוין געווען אוועקגעגאנגען, איז צו מיר געקומען דער „דווארניק" מיט צייט־טונגען און ביכער, איך זאל עפעס אנשרייבען וועגען אן עראייגניס,

וואָס האָט זיך ניט לאַנג געטראָפּען. איך האָב איהם זעהר געדאַנקט אי פאַר זיין באַזוך, אי פאַר דער אַרבייט, און האָב איהם צוגע־זאָגט, אַז מאָרגען, העכסטענס איבערמאָרגען, וועל איך עס פאַרטיג מאַכען, און איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל ווידער קומען.

דעם גאַנצען אָבענד און שפּעט נאָך האַלבע נאַכט האָב איך געשריבען, און האָב כסדר געהערט, ווי טאַראַקאַנאָוו וואַרפט זיך אין זיין בעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. דער זייגער האָט געשלאָגען צוויי, דריי, פיער, — ער איז נאָך אַלץ ניט גע־שלאָפען. וואָס זאָל עס זיין? איך בין געזעסען שטיל; איך האָב נאָך אָנגעטאָן זיינע פאַנטאָפעל, כדי איך זאָל ניט קלאַפּען מיט די שטיוועל. דאָס ליכט פון מיין צימער האָט איהם אויך ניט גע־קענט שטערען, וואָרים די טיר פון מיין צימער האָט זיך גוט צוגע־מאַכט. אפשר איז ער קראַנק געוואָרען? איך האָב זיך ווירקליך דערמאָנט, אַז נעכטען האָט ער זעהר שלעכט אויסגעזעהן.

אין דער פריה האָט מיך אויפגעוועקט דער קלאַנג פון געשיר, וועלכע מיין בעל־הבית האָט צוגעגרייט צום טהע. איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און בין אַרויסגעגאַנגען אין עס־צימער.

ער האָט זעהר שלעכט אויסגעזעהן. דער פּנים איז ניט בלויז געווען בלייך, נאָר גרין; די אויגען איינגעפאַלען, דער אויס־דרוק פונ'ם געזיכט טרויעריג, נידערגעשלאָגען.

— וואָס איז מיט אייך? — האָב איך איהם געפרעגט.

— גאָרניט.

— וואָס הייסט גאָרניט? טוט אַ קוק אין שפּיגעל; אַ שע־נערען לעגט מען דאָך אין קבר. און איהר האָט דאָך ביז פיער אזייגער ניט געשלאָפען.

— זאָגט בעסער אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען.

— דאַן זייט איהר דאָך קראַנק.

— ניין; איך קען פּשוט ניט שלאָפען, ווען איינער איז דאָ ביי מיר.

ערשט איצט האָב איך אַלעס פאַרשטאַנען.

איך האָב אָנגענומען זיין האַנט און האָב זי שטאַרק געדריקט.

— איך דאַנק אייך זעהר, — האָב איך געזאָגט, — אָבער איך וויל אייך מעהר ניט פאַרשאַפען אַזעלכע ליידען. איך וויל אַוועק־געהן פון אייך.

— וואָס? וואָס רעדט איהר? איך בעט אייך, איהר זאָלט עס ניט טאָן. ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז איהר וועט מיך אַזוי פאַר־שטעהן, וואָלט איך אייך קיין וואָרט ניט געזאָגט. איהר וועט בלייבען ביי מיר. דאָס זיינען אַלעס דומהייטען.

— איהר קענט דאָך אָבער קראַנק ווערען.

— זייט רוהיג. ערשטענס קען איך שלאָפען ביי טאָג, און צווייטענס, קען איך דאָך איינגעמען עפּעס אַ שלאָפמיטעל.

מען האָט מיר שפּעטער דערצעהלט, אַז ער פלעגט ווירקליך נעמען אויף ביינאַכט חלאָראַל, ווען ער פלעגט שוין ניט קענען מעהר אויסהאַלטען.

אונזער געשפּרעך האָט זיך מיט דעם געענדיגט.

איך האָב לאַנג געקוקט אויף טאַראַקאַנאָוו'ן. דער מענש איז געווען לעבערליך דורך זיין מורא; ווי גרויס איז אָבער געווען זיין זעלבסטאויפאָפּפערונג, זיין זעלבסט־פערלייקענונג.

איך האָב געוואוסט, אַז זיין הויז איז שטענדיג אָפען פאַר אַלע. וועלכע זיינען אין אַזאַ לאַגע, ווי איך בין דאַן געווען, און איינינגע פלעגט ער האַלטען ביי זיך וואָכענלאַנג. וויפיעל מוט, מאָראַלישען מוט האָט דער מענש געמוזט האָבען, אום גוטוויליג צו נעמען אויף זיך אַזעלכע ליידען?

אויף מאָרגען, ווען דער „הוואָרניק" איז געקומען אָפּנעמען דעם מאַנוסקריפּט, האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך קען דאָ מעהר ניט בלייבען, און האָב איהם געבעטען, אַז ער זאָל פאַר מיר גע־פינען אַן אַנדער פּלאַץ.

צום גליק האָט ער ניט געהאַט דאַגעגען.

— איך האָב געזעהן ס ע ר אַ ו ו ' ן, — האָט ער געזאָגט, — ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר. אויב דו ווילסט, וועל איך מיט איהם ריידען.

דאָס איז געווען פאַר מיר ווי געוואונשען.

מען האָט באַלד מיט איהם איבערגערעדט, און אין צוויי טעג ארום האָב איך שוין באַקומען אַן ענטפער פון סעראָוו'ן, אַז איך קען קומען.

טאַראַקאַנאָוו'ן האָב איך געזאָגט, אַז איך מוז איבער געוויסע געשעפטס־פּאַרהעלטניסען אָוועקפאָרען פון פּעטערבורג, און מיר האָבען זיך פריינדליך געזעגענט.

— צום ווידערזעהן, צום ווידערזעהן! — האָט ער געזאָגט — גליקליכע רייזע. איך וואַרט אויף אייך; פאַרגעסט ניט, אַז איך שטעה שטענדיג גרייט אייך צו דינען.

ביינאַכט האָב איך פאַרלאָזען זיין וואוינונג. קיין באַגלייטער האָב איך דאָ ניט געדאַרפט האָבען, וואָרים איך האָב גוט געוואוסט דעם אַדרעס פון סעראָוו'ן, וועלכער איז געווען מיין אַלטער גוטער פריינד.

.2

ווען איך בין אריינגעקומען צו סעראָוו'ן, האָב איך געטראָפען זיין גאַנצע פאַמיליע און צוויי, דריי גוטע פריינד, זיצענדיג ארום אַ גרויסען טיש, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ זידענדיגער סאַמאָוואַר. דער בעל הבית איז אויפגעשטאַנען און האָט מיר אויסגעשטרעקט ביידע הענט.

באָרים סעראָוו איז שוין געווען אַן עלטערער מענש. זיינע לאַנגע געדיכטע האָר זיינען שוין געווען כמעט אין גאַנצען ווייס. אָבער ניט די יאָהרען האָבען גרוי געמאַכט אָט דעם קאָפּ; סעראָוו איז אין גאַנצען געווען פופציג יאָהר אַלט. ער איז געווען פאַרמישט אין דער באַוועגונג, וועלכע איז נאָך געווען אין די ערשטע יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס רעגירונג. אין יאָהר 1861, ווען ער איז געווען מיליטער־דאָקטאָר אין ק אַ ז אַ ן, האָט ער גענומען אַ טעטיגען אַנטייל אין דער מיליטער־פאַרשווערונג פון א י ו ו אַ־נ י צ ק י און ט ש ע ר נ י ק. סעראָוו האָט געמוזט צוזעהן, ווי די רעגירונג האָט אָהן רחמנות געשניטען זיינע קאַמעראַדען; ער האָט אָבער גאַרניט געקענט העלפען. אַליין האָט ער זיך, ווי דורך

אַ נס, געראַטעוועט. באַלד נאָכדעם איז ער אוועקגעפאָהרען קיין פעטערבורג. אָבער די פּאָליציי האָט איהם פון יענער צייט אָן געהאַט אויפ'ן אויג, און פלעגט כּמעט יעדעס יאָהר מאַכען ביי איהם אַן אָביסק. אַמאָל צעהן האָט מען איהם שוין אַרעסטירט, איינגעשפּאַרט אין טורמע, אָבער אין עטליכע טעג אַרום פלעגט מען איהם שטענדיג אַרויסלאָזען. ער איז שוין אַזוי געוועזען אַנגעלע־רענט, האָט זיך אַזוי געקענט אַרויסדרעהען, אַז די זשאַנדאַרען איז קיינמאָל ניט געלונגען עפּעס צו געפינען געגען איהם. אמת טאַקע, ער האָט שוין מעהר קיין אַקטיווען אַנטייל ניט גענומען אין דער באַוועגונג, וואָרים די אונגעלונגענע אַרבייט אין פאַרלויף פון די פיעלע יאָהרען האָט אין איהם אויסגעלאָשען דאָס פייערל, וואָס מען רופט גלויבען, און וואָס איז די נשמה פון יעדער רעוואָ־לוציאָנערער טעטיגקייט. דער פייערדיגער, דער היציגער ענטו־זיאַזם פון די יונגע יאָהרען איז ביי איהם פאַרביטען געוואָרען אויף יענעם סקעפּטיציזם, וועלכער איז די געוועהנליכע מכה ביי די גע־בילדעטע מענשען אין רוסלאַנד. דערפאַר טרעפען מיר ביי אונז זעהר ווייניג רייפע מענשען, אָדער זיי זיינען אַלע גאַנץ יונגע מענ־שען, אָדער אַלטע. דאָך אָבער איז דער סקעפּטיציזם ניט געווען אימשטאַנד אַרויסצוטרייבען פון זיין האַרצען די הייסע ליעבע צו יענע, וועלכע זיינען געבליבען אין די רייהען פון די קעמפער. דאָס דאָזיגע געפיהל, די דאָזיגע ליעבע האָט איהם געצוואונגען צו טאָן אַלערליי טובות די רעוואָלוציאָנערען. דורך די פיעל־יאָהריגע ער־פאַהרונג איז ער געווען זעהר אַ גוטער קאָנספּיראַטאָר. ער פלעגט אָרגאַניזירען די געהיימע קאָרעספּאָנדענץ, געפינען אַ פּלאַץ פאַר די פאַרבאָטענע ביכער, זאַמלען געלד און אַ סך אַנדערע זאַכען. נאָר אין דער שווערער און וויכטיגער ראָלע פון אַ באַהאַלטער, האָט ער זיין גלייכען ניט געהאַט. אַ סך יאָהרען איז ער געווען טעטיג אין דער היגזיכט, און האָט זאָגאַר געמאַכט אַ יום־טוב'ל — אַ צעהן יעהריגען יובילעאום, זינט ער האָט אָנגעהויבען צו באַהאַל־טען ביי זיך רעוואָלוציאָנערען, און ניט ער, ניט זיי זיינען קיינמאָל ניט אַריינגעפאַלען. ער איז געווען פאַלקאָם אַן אונערשראָקענער

מענש, האָט די געפאהר קיינמאָל ניט צו גרויס געמאַכט; די פּאַר־שטעלונג האָט ביי איהם דאָ קיין ראָלע ניט געשפּילט. ווען עס איז אָבער געווען אַ געפאהר, האָט ער זי שוין ניט דורכגעלאָזט. ער האָט פון דערווייטענס דערשמעקט די זשאַנדאַרען, און פלעגט, ווי אַ גוטער יאַגד־הונט, דערקענען זייערע שפּורען, ווען זיי אַליין זיינען שוין ניט געווען אויפ'ן פּלאַץ.

נאָכ'ן שטעהן פון פּאָליציסט פלעגט ער דערקענען, צי מען האָט איהם געהייסען נאָכקוקען נאָך זיין הויז, אָדער ניט. נאָכ'ן קלאַנג פונ'ם דוואָרניק'ס שטימע, נאָך דעם, ווי אַזוי ער פלעגט פאַר איהם אַראָפּנעהמען דאָס היטעל, האָט סעראָוו געוואוסט, אויב ער האָט עפּעס געהאַט אַ געשפּרעך מיט דער פּאָליציי, און אפילו אונגעפעהר דעם אינהאַלט פונ'ם געשפּרעך. ער האָט געהאַט גע־היימניספולע סמנים, דורך וועלכע ער פלעגט פריהער באַשטימען, צי מען וועט מאַכען ביי איהם אַן אַביסק, צי ניט.

ווער עס האָט זיך ביי איהם באַהאַלטען, איז געווען זיכער, אַז ער שטעהט אויסער יעדער געפאהר. כדי צו געבען אַ בעסערען באַגריף, ווי גרויס זיין רעפּוטאַציע איז געווען אַלס „באַהאַלטער", וועלען מיר נאָר זאָגען, אַז ביי איהם האָט מען באַהאַלטען ווערא זאַסוליטש נאָכ'ן געריכט, ווען די זשאַנדאַרען האָבען איבערגע־קעהרט די שטאָדט, זוכענדיג זי, און ווען פאַר דער פּאַרטיי איז עס געווען זעהר וויכטיג, בשום אופן ניט איבערגעבען זי אין די הענט פון דער רעגירונג.

סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ פלעגט זאָגען, אַז ווען זי זעהט ביי סע־ראָוו'ן אין פענסטער דעם געוויסען צייכען, וועלכער האָט אָנגעווי־זען, אַז עס איז ניטאָ קיין געפאהר, געהט זי אריין אין זיין וואוי־נונג מיט אַ סך אַ גרעסערער זיכערקייט, ווי דער קייזער — אין זיין פּלאַץ.

אָט דאָס איז געווען דער מענש, צו וועלכען איך בין איצט געקומען, און וואו איך האָב באַדאַרפט בלייבען, ביז עס וועט אַביסעל שטילער ווערען.

איך בין באַלד צוגעשטאַנען צו דער קאָמפּאַניע, וועלכע איז

געזעסען ארום טיש, און מיר האבען זעהר גוט פארבראכט דעם אבענד.

ביי סעראוו׳ן איז געווען גוט זיך צו באהאלטען, ניט נאר דער־פאר, ווייל מען איז געווען זיכער, ווייל מען האט ניט געדארפט מורא האבען, נאר אויך דערפאר, ווייל עס איז געווען דער אנגע־נעהמסטער פון אלע אנדערע אזעלכע פלעצער. בייטאג פלעג איך ארבייטען אין איינעם פון די הינטערשטע צימערען, כדי איך זאל זיך ניט טרעפען מיט א צופעליגען גאסט אדער מיט זיינע פאציענ־טען; אין אבענד פלעג איך זאגאר קענען ארויסגעהן אביסעל שפאצירען. איך האב אבער מייסטענס די אבענדען פארבראכט אין דער היים מיט זיין פאמיליע. ער האט געהאט צוויי שעהנע טעכטער, מיט וועלכע מיר זיינען באלד באפריינדעט געווארען. לאנג אבער איז מיר ניט אויסגעקומען צו זיין אין דער ליבענסוויר־דיגער פאמיליע; אין א וואך ארום האב איך זיך געמוזט זוכען אן אנדער היים.

אין א שענעם טאג איז סעראוו געקומען אהיים און האט צו מיר געזאגט מיט א שמייכעל:

— עס שמעקט עפעס!

— וואס איז? וואס אזוינס? — האבען אלע פרויען אויס־געשריען מיט אמאל.

— דערווייל איז נאך גארניט, אבער עפעס שמעקט שוין.

— איהר ערוואַרטעט אן אביסק? — האב איך איהם גע־פרעגט.

— אומגעפעהר אזוי, — האט ער געענטפערט. — באלד ניט, אבער אין א פאר טעג ארום וועלען זיי זיכער קומען. יעדענ־פאלס, וועט איהר זיך מוזען ארויסציהען פון דאנען.

איך האב געוואוסט, אז סעראוו וועט פון דער העלער הויט ניט ריידען, מן־הסתם איז שוין עפעס דא.

נאכמיטאג איז ער אוועק זאגען אונזערע, און דעמזעלבען אבענד טאקע האב איך זיך שוין געמוזט געזעגנען מיט דער ליעבער פא־

מיליע. אין דער באַגלייטונג פון אַ פריינד, בין איך ווייטער אַוועק איבער דער שטאָדט זוכען אַ מקום־מנוחה.

אין אייניגע טעג אַרום האָב איך ערפאַרען, אַז ביי סעראַוו'ן איז ווירקליך געווען אַן אַביסק, אַ „סאַניטאַרני וויזיט", ווי ער פלעגט רופען אַט די פעריאָדישע אַנפאַלען פון דער פאָליציי. מען האָט אָבער גאָרנים געפונען, און די זשאַנדאַרען זיינען אַוועק מיט אַ נאָז.

3.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ הויז, וואו עס האָבען זיך פאַר־דונגען מעבלירטע צימערען. די בעל־הבית'טע איז געווען אַן אַלטע, זיבעציג־יעהריגע פרוי, אַ ט י ל י אַ ג ו ס ט אַ וו אַ וו ו נ אַ ה אַ ר ז, אַ געבאָרענע פון ד ע נ ע מ אַ ר ק, און האָט נאָך איצט גערעדט שלעכט רוסיש. כמעט איהר זיינען זעהר ווייניג אַנגע־גאַנגען אונזערע „פאַרפלוכטע" פראַגען, דאָך איז זי געווען אַ „ניהי־ליסטקע", נאָך מעהר, זי איז געווען אַ הייסע טעראָריסטקע.

די געשיכטע, ווי אַזוי זי איז געוואָרען אַ טעראָריסטקע, איז זעהר אינטערעסאַנט און אָריגינאַל און האָט די ווערט מען זאָל זי דערצעהלען.

אַטיליאַ גוסטאַוואָוונאַ איז, נאָך אַלס יונגע פרוי, געקומען מיט איהר ערשטען מאַן קיין ר י ג אַ. אין גיכען איז זי געוואָרען אַן אַלמנה, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַ רוס און איז אַרויסגעפאָהרען קיין פעטערבורג, וואו איהר מאַן האָט געקראָגען אַ קליינע שטעלע אין דער פאָליציי. זי וואָלט וואַרשיינליך אָפּגעלעבט איהרע יאָהרען אין פרידען, וואָלט זיך קיינמאָל ניט פאַרקלערט איבער ניהיליזם, טעראָריזם און אַנדערע א י ז מ ע ן, ווען עס וואָלט זיך ניט געטראָפען אַ צופאַל, דורך וועלכען זי האָט גערעכענט גליקליך צו ווערען. דער פאַל איז גע־ווען, וואָס די דענישע פרינצעסין ד אַ ג מ אַ ר אַ איז געוואָרען די פרוי פונ'ם רוסישען יורש־עצר.

וואָס האָט אָבער די דענישע פרינצעסין און די פרוי פונ'ם

רוסישען קרוינפרינץ צו טאָן מיט אַ פרוי פון אַן אָרימען טשינאָווניק? און דאָך האָט אַט דער אומשטאַנד אַריינגעשטופּט אַטיליאַ גוסטאַוואָוונאַ אין די רייהען פון די אונצופרידענע.

אַט ווי אַזוי עס איז געשעהן.

אַלס אַ פאַנטאַסטישע פרוי, איז איהר איינגעפאַלען, אַז איצט וועט זי קענען קריגען פאַר איהר מאַן אַ גוטע שטעלע אין הויף. כדי אויסצופיהרען איהר פּלאַן, איז זי אַוועק צום דענישען געזאַנדטען און האָט איהם געבעטען, ער זאָל ווירקען אין הויף, זאָל בעטען פאַר איהר מאַן. אַלס אַ גרונד האָט זי אָנגעגעבען, אַז איהר ערשטער מאַן, מיט אַ יאָהר פופציג צוריק, איז געווען אַ ליפעראַנט אָדער אַזוי עפּעס אַ באַאַמטער אין דענישען הויף.

דער מיניסטער האָט איהר, נאַטירליך, ניט געענטפערט, און זי איז אַוועק אונצופרידען. אַטיליאַ גוסטאַוואָוונאַ איז אָבער געווען פון די פרויען, וועלכע לאָזען זיך ניט אַזוי גיך אָפּ פון אַ געדאַנק, וועלכען זיי האָבען זיך אַריינגענומען אין קאָפּ. אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי ווייטער געקומען אין דער געזאַנדשאַפט מיט דיזעלבע פּרעטענזיעס. דער געזאַנדטער איז שוין דאָס מאָל געווען ניט אַזוי העפליך, און האָט זיך אויסגעלאַכט גלייך איהר אין פּנים.

דאָס איז געווען אַ צו גרויסע באַליידיגונג פאַר אַזאַ היציגען טעמפּעראַמענט ווי אַטיליאַ גוסטאַוואָוונאַ'ס. פון יענעם טאָג אָן איז זי געוואָרען דער גרעסטער שונא פון דעם דיפּלאָמאַט.

ווי אַזוי באַצאָהלט מען איהם אָבער פאַר דער באַליידיגונג? זי האָט ניט געקענט געפינען קיין מיטעל. אַלע פּלענער פון ראַכע האָט זי געמוזט באַהאַלטען אין זיך, האָט ניט געקענט האָפען, אַז זי זאָל זיי קענען אַמאָל דורכפיהרען.

אַזוי זיינען דורכגעגאַנגען יאָהרען.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; דער טעראָר האָט, ווי אַ שרעקליכער דונער, געמאַכט ציטערען גאַנץ רוסלאַנד.

אויך אויף אונזער היציגע אַלטיטשקע אַטיליאַ גוסטאַוואָוונאַ האָט ער געווירקט. אַ נייער געדאַנק האָט זי באַלויכטען.

— אַ, אַט דאָס איז עס, אַט דאָס דאַרף מען, — האָט זי כסדר גע׳טענה׳ט; און ענדליך איז זי צוגעצויגען געוואָרען מיט גרויס ענטוזיאַזם צו די ניהיליסטען.

זי האָט אפשר געהאָפּט, אַז נאָך טרעפּאָוו׳ן, מע־זענצעוו׳ן און קראָפּאָטקינ׳ען וועלען זיי אויה דערגעהן ביז איהר שרעקליכסטען שונא, דעם דענישען געזאַנדטען, וועלכען זי האָט גערעכענט פאַר דעם נידעריגסטען מענשען אין דער גאַנצער וועלט. אָדער פיליכט האָט דער האַס צו אייז פאַר־שטעהער פון די העכערע קלאַסען אַזוי ווייט געווירקט, אַז זי האָט אָנגעהויבען צו האַסען אַלע, וועלכע שטעהען אויף אַזאַ הויכער מדרגה. עס איז שווער דאַ צו באַגרייפען די פּסיכאָלאָגיע פון דער זיבעציג יעהריגער פרוי. איינס איז נאָר זיכער: אַטיליאַ גוס־טאַוואָוונאַ איז געוואָרען אַ הייסע טעראָריסטקע.

זי האָט געהאַלטען מעבלירטע צימערען, און מייסטענס האָבען ביי איהר געוואוינט סטודענטען. איינינע פון זיי זיינען געווען מיטגלידער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און די מעהרסטע — מיטפיהלענדע, סימפּאַטיזירערס.

אין אָנהויב פלעגען זיי אפילו לאַכען איבער דאָס פּאָליטישע פייער, וואָס האָט זיך אַביסעל צו שפּעט אָנגעצונדען ביי זייער בעל־הבית׳טע. אָבער ביסלאַכווייז האָבען זיי אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, אַז עס איז ערנסטער ווי זיי מיינען.

אין פּעטערבורג איז ניטאָ איין הויז, אין וועלכען סטודענטען וואוינען, וואו מען זאָל אָפט ניט מאַכען קיין אַביסקעס. נאַטירליך פלעגען די זשאַנדאַרען אויך אָפט באַזוכען אַטיליאַ גוסטאַוואָוונאַ׳ס וואוינונג, און דאַ האָט זי געוויזען, ווי ווייט זי סימפּאַטיזירט מיט די טעראָריסטען. ביי די זשאַנדאַרען אונטער דער נאַז פלעגט זי אוועקטראָגען פאַרשידענע קאָמפּראָמיטירענדע פּאַפּירען, בריעף און ביכער. מען האָט זי שוין איינינע מאָל געשלעפּט אין דער פּאָליציי אויך, און זי האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זיך צו האַלטען דאָרט, ווי צו ענטפערען מיט גרויסער פאַרזיכטיגקייט.

איהר רעוואָלוציאָנערע קאַריערע האָט זי אָנגעהויבען מיט דעם,

וואָס זי פּלעגט ביי זיך באַהאַלטן די פאַרבאָטענע ביכער, זשור־נאַלן, צייטונגען, די קאָנספּיראַטיווע קאָרעספּאָנדענץ און נאָך אַנדערע זאַכן, ביז זי איז ענדליך געוואָרן איינע פון די בעסטע באַהאַלטערינס. אַלע האָבן געהאַט צו איהר דעם גרעסטן צוטרוי: זי איז געווען די אָרענטליכקייט, די פאַרזיכטיגקייט אַליין.

אָט די ביאָגראַפיע איהרע און די אַלע צוגען פון איהר כאַראַקטער האָט מיר דערצעהלט מיין פריינד אין דער צייט, וואָס מיר זיינען געגאַנגען צו איהר.

ענדליך זיינען מיר אַרויף אויפ'ן קאַמענאָ־אָסטראָוואָסקי פּראָספּעקט און צוגעגאַנגען צו אַ קליין הייזעל, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַטיליאַ גוסטאַוואָוונאַ.

ווען מיר זיינען אַריין אין שטוב, האָב איך דערזעהן אַ הויכע, געזונטע פרוי, מיט אַן ענערגישען, כמעט קריגערישען אויסזעהן. מען האָט איהר מעהר ניט געקענט שאַצען ווי פינף־און־פופציג, העכסטענס זעכציג יאָהר אַלט.

דאָס איז געווען זי.

כאָטש מיר האָבן זיך געזעהן צום ערשטען מאָל, פונדעסטוועגען האָט זי מיך אַזוי פריינדליך אויפגענומען, אַזוי וואַרם, גליך ווי איך וואָלט געווען איהרער אַ נאָהענטער קרוב, וועלכען זי האָט שוין לאַנג ניט געזעהן.

באַלד איז פאַרטיג געוואָרן דער סאַמאָוואַר; מען האָט דערלאַנגט פאַרשידענעם צו פאַרבייסען, און מען האָט אַביסעל איבערגעבאַפּט. זי האָט מיר אָנגעוויזען מיין צימער, וואו איך האָב געפונען אַלעס, וואָס איך האָב נאָר געדאַרפט האָבען.

זי האָט זיך נאָכגעפרעגט נאָך צוויי־דריי פון מיינע פריינד, וועלכע זיינען שוין אָנגעקומען אַמאָל צו איהר גאַסטפריינדשאַפט. פריהער איז זי נאָר געווען ענטציקט פון די טעראָריסטען פון דער ווייטענס; איצט אָבער, ווען זי האָט זיך פערזענליך באַקענט מיט זיי, האָט זי זיי ליעב געקראָגען מיט דער ריין־מוטערליכער צערטליכקייט. פיליייכט האָט דאָ פיעל מיטגעהאָלפען דאָס, וואָס זי אַליין האָט קיין קינדער ניט געהאַט. אָבער די גאַנצע קראַפט פון

איהר ליעבע פלענט זי קאָנצענטרירען אויף די, וועלכע זיינען גע־וען אויף איהרע הענט. וויפיעל מיה האָט מיר געקאָסט, ביז איך האָב איהר ענדליך איינגערעדט, אַז זי זאָל זיך ניט אַזוי זאָרגען איבער מיר, זאָל ניט אַזוי פּאַדען אַרום מיר.

נאָך די ערשטע נאַכט, וואָס איך בין דאָרט געווען, האָט זי באַשלאָסען מיך צו באַקענען מיט איהר מאַן. ער איז שוין געלע־גען אין בעט, אָבער אַטיליאַ האָט איהם געהייסען אויפשטעהן. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן, אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ צוריסענעם כאַלאַט, אויף די פיס אַ פּאָר אויסגעטראָטענע פּאַנטאָפעל, און איז אַריין צו מיר אין צימער.

מיט אַ נאַאיווען שמייכעל און אַזוי ווי ער וואָלט זיך עפּעס פיהלען שולדיג, האָט ער מיר דערלאַנגט זיין האַנט און דערביי גע־שאָקעלט מיט׳ן ליסענעם קאָפּ.

— אויב עס איז נייטיג, — האָט אַטיליאַ געזאָגט, — וועל איך איהם מאָרגען שיקען אין דער פּאָליציי נאָך אויסקינפטע.

די ענערגישע אַטיליאַ האָט איהם אויך אָראָפּגעפיהרט פון וועג.

אַט ביי דער פרוי האָב איך פאַרבראַכט די גאַנצע צייט, ביז דער רעש איז דורכגעגאַנגען, ביז די פּאָליציי האָט זיך אָנגעהויבען נאָכצויאָגען נאָך אַנדערע, און האָט פאַרגעסען אַן מיר. איך האָב נאָר געקראָגען אַן אַנדער נאָמען, האָב זיך באַזעצט אין אַן אַנדער געגענד פון דער שטאָדט, און האָב ווייטער געקענט פריי אַרויס־געהן אויף דער ליכטיגער וועלט, אַביסעל פרייער אָטעמען.

די געהיימע דרוקעריי.

זינט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אין רוסלאַנד, איז דער הייסטער וואונש פון אַלע אָרגאַניזאַציעס געווען צו גרינדען אַ געהיימע דרוקעריי, כדי דורך דעם צו געבען דעם פרייען געדאַנק, וועלכער קעמפט געגען דעם דעספאָטיזם, אַ מעכ־טיג ווערקצייג אין די הענט.

נאָך אין יאָהר 1860, ווען עס זיינען ענטשטאַנען די ערשטע געהיימע געזעלשאַפטען, וועמעס ציעל עס איז געווען אַרויסצורופען אַ רעוואָלוציע פון פויערים, ווי „זעמליאַ אי וואָליאַ" און „מאַלאָדאַיאַ ראָסיאַ" (דאָס יונגע רוסלאַנד), זעהען מיר שוין עטוואָס ענליכעס אויף דרוקערייען, וועלכע האָבען זיך אָבער ניט געהאַלטען מעהר ווי אַ פּאָר וואָכען.

די פרייע פּרעסע אין אויסלאַנד, אפילו מיט אַזאַ שרייבער ווי הערצען אין דער שפּיץ, האָט שוין ניט געקענט באַפרידיגען די פּאַרטיי, וועלכע האָט געאַרבייט אין רוסלאַנד.

ווען די באַוועגונג איז גרעסער געוואָרען, ווען זי האָט אויס־געבריים איהר קראַפט אין די לעצטע 10, 15 יאָהר, האָבען שוין די קליינע דרוקערייען אין דער שווייץ און אין לאָנדאָן גאָרניט געקענט צופרידענשטעלען די באַדערפעענישען. פון טאָג צו טאָג האָט מען אַלץ מעהר איינגעזעהן די נויטיגקייט פון אַן אונטערער־דישע פּרעסע אין רוסלאַנד, וועלכע האָט געדאַרפט ענטפערן אויף די מאַסע טאָגעס־פראַגען.

דערפאַר זעהען מיר, אַז אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען זיך דאָן אַזוי שנעל געביטען איינע נאָך די אַנדערע האָבען זיך די גרעסטע מיה געגעבען צו האָבען אַן אייגענע דרוקעריי.

די דרוקעריי פון די „קאַראַקאָזאָװצעס“ *) האָט זיך אײנגאַנ־צען געהאַלטען עטליכע חדשים. די „נעטשאַיעװצעס **) האָבען

*) קאַראַקאָזאָװ איז געװעזען דער ערשטער, װעלכער האָט אין רוסלאַנד געשאָסען אױפ׳ן קײזער (אין פּאַריז האָט נאָך פּאַר איהם בערעזאָװסקי — אַ פּאָליאַק — געשאָסען אױף אַלעקסאַנדער דעם צװײטען). דאָס איז געװעזען דעם 4טען אַפּריל, 1866. און טאַקע אין׳ם זעלבען יאָהר איז שױן געװעזען דער פּראָצעס פון די „קאַראַקאָזאָװצעס“. מוראַװיאָװ דער הענגער איז געװעזען זײער ריכטער. קאַראַקאָזאָװ איז פאַראורטײלט געװאָרען צום טױט דורך אױפהענגען, אישוטין — אײביגע קאַטאָרגע; ניקאָלאַיעװ — 20 יאָהר קאַטאָרגע; כודיאַקאָװ — אײביגע קאַטאָרגע, װאו ער איז אויך געשטאָרבען. די גאַנצע דאַמאָלסדיגע באַװעגונג האָט ניט גע־האַט קײן באַשטימטע ריכטונג. עס זײנען געװעזען אַ סך קרוזשאָקעס מיט פאַרשידענע ציעלען.

**) די „נעטשאַיעװצעס“ געהערען צו די יאָהרען 1869-70. נעטשאַיעװ איז געװעזען אַ דאָרפס־לעהרער. אין יאָהר 1869 איז ער אַנטלאָפען קײן אױסלאַנד און האָט דאָרט געגרינדעט אַ צײטונג „נאַראָדנאַיאַ ראַספּראַװאַ“, פון װעלכער עס זײנען אין גאַנצען ערשינען צװײ נומערען. אין 1870 איז ער צוריקגעקומען קײן רוסלאַנד און האָט אין מאָסקװאַ געגרינדעט אַ געהײמע געזעלשאַפט. דער „צענטראַלני קרוזשאָק“ איז באַשטאַנען פון איהם אַלײן, פון אוספּענסקי, פּריזשאָװ, קוזנעצאָװ און איװאַנאָװ. נעטשאַ־יעװ איז געװעזען אַ מענש מיט אַ זעלטענעם כאַראַקטער, און האָט אַלעם געװאָלט האַלטען אין זײן האַנט. איװאַנאָװ האָט זיך איהם ניט גע־װאָלט אונטערגעבען און עס איז אַרױסגעקומען אַ שפּאַלטונג. מען קען באַשטימט ניט זאָגען, װי אַזױ די זאַך איז צוגעגאַנגען, אפשר האָט דער קרוזשאָק אױסגעפונען, אז איװאַנאָװ איז געװעזען אַ שפּיאָן, אָדער אַנ־דערע אורזאַכען זײנען געװעזען דערבײ, נאָר אין אַ שענעם טאָג האָבען זײ דער׳הרג׳עט איװאַנאָװ׳ן. נעטשאַיעװ איז אַנטלאָפען אין דער שװײץ, נאָר אַלע איבעריגע האָט די רעגירונג אַרעסטירט און פאַראור־

אויך געהאַט אַ מאַשינדעל און די איבעריגע זאַכען. זיי האָבען אָבער אַלעס געמוזט האַלטען באַגראָבען אין דר'ערד, און עס איז ערשט דאַן אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט, ווען די פּאָליציי האָט פאַרניכטעט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, און האָט אויך אַלעס געפונען אין דר'ערד. די דרוקעריי פון די „דאָלגושינצעס" *) האָט אינ־גאַנצען אַרויסגעלאָזט צוויי נומערען, און די פּאָליציי האָט זי באַלד געפּאַקט. די טשאַיקאָווצעס האָבען אויך געהאַט שריפט און אַ

טוילט צו קאַטאָרגע. די רוסישע רעגירונג האָט געפאָדערט פון דער שווייץ, זי זאָל ארויסגעבען נעטשאַיעוו'ן, אלס אַ מערדער. אין 1873 האָט איהם די שווייץ אַרויסגעגעבען מיט דער באַדינגונג, מען זאָל איהם משפּט'ן אַלס אַ קרימינאַל־פּארברעכער, אָבער ניט ווי אַ פּאָליטישען. מען האָט איהם פאַראורטיילט אויף צוואַנציג יאָהר אין פּעטראָפּאַוולאָווסקי קרעפּאָסט. אין 1881 האָט דער באַוואוסטער „איספּאָלניטעלני קאָמיטעט" איהם געוואָלט באַפרייען. אַזוי ווי מען איז אָבער געווען באַשעפ־טיגט דאַן מיט די פאָרבאַרייטונגען צום אַטענטאַט פונ'ם ערשטען מערץ, האָט מען איהם געפרעגט, אויב מען זאָל איהם פריהער באַפרייען, און דערנאָך זיך נעהמען צום קייזער, אָדער לאָזען זיין באַפרייאונג אויף שפּעטער. כאָטש ער האָט שוין אַכט יאָהר זיך אָפּגעמוטשעט אין דער שרעקליכער פעסטונג, פונדעסטוועגען האָט ער געענטפערט, אַז פריהער איז וויכטיגער פּטור צו ווערען פונ'ם קייזער, דאַן וועט מען שוין זעהן. צווישען ז ש ע ל י אַ ב אָ ו ו'ס פּאַפּירען האָט מען געפונען אַ קאָ־רעספּאָנדענץ פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקי קרעפּאָסט, און מען האָט נע־טשאַיעוו'ן אַריבערגעפיהרט אין שליסעלבורגער פעסטונג, וואו ער איז אין יאָהר 1887 געשטאָרבען. אָט די באַוועגונג איז שוין געווען אַ מעהר רעוואָלוציאָנערע. זיי זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען אָנגע־הויבען געהן צום פאָלק.

*) ד אָ ל ג ו ש י ן איז געווען אַ סטודענט־טעכנאָלאָג. די דאַזיגע באַוועגונג געהערט צו די יאָהרען 1872-73. אין 1873 איז דאָלגושין פאַראורטיילט געוואָרען אויף 20 יאָהר קאַטאָרגע און איז דאָרט געשטאָר־בען. די באַוועגונג איז געווען אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע.

גוטע מאשין, עס איז זיי אָבער קיינמאָל ניט געלונגען צו ארבייטען, און גאַנצע פינף יאָהר האָט זיך אַלעס געוואַלגערט ערגעץ אויף אַ בוידים.

און ווירקליך, עס איז זעהר שווער צו האַלטען אַ געהיימע דרוק־ קעריי אין אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד, וואו מען קוקט נאָך אויף יעדען שריט און טריט. פיעלע האָבען עס שוין גערעכענט גאָר פאַר אַן אונמעגליכע זאַך. ווי אַזוי זאָל מען זיך באַהאַלטען מיט אַזאַ זאַך? ביכער, צייטונגען, מענשען, דאָס אַלעס קען מען נאָך באַהאַלטען, אָבער אַ מאשין? זי לאָזט זיך דאָך אַליין הערען דורך איהר קלאַ־ פען. היינט ווי אַזוי ברענגט מען דאָס ריינע פּאַפּיר, און ווי אַזוי פיהרט מען אַוועק דאָס גערדוקטע?

מען האָט ענדליך באַשלאָסען, אַז עס איז אונמעגליך; מען האָט זיך גאָר אָפּגעלאָזט דערפון. מען האָט עס געהאַלטען פאַר אַ פאַנטאַזיע, דורך וועלכע פיעלע קרעפטען געהען פאַרלאָרען, און אויף וועלכע מען גיט אויס אַ מאַסע געלט אומזיסט. „סעריעזע" מענשען האָבען אפילו ניט געוואָלט רעדען, ניט הערען מעהר פון דעם.

צווישען אַלע האָט זיך אָבער געפונען איין פאַנטאַזיאָר, וועלכער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַנערקענען די מיינונג פון אַלע, און פּלענט מיט היץ איבערצייגען, אַז אין פּעטערבורג אַליין קען מען מאַכען אַ דרוקעריי, און ער נעמט זיך עס אונטער, ווען ער זאָל נאָר האָבען די נייטיגע מיטלען.

אָט דער פאַנטאַזיאָר איז געווען אַ ה ר ן ז ו נ ד ע ל ע ־ וו י ט ש, פון ווילנא, דער זוהן פון אַ אידישען קרעמער.

אין דער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער האָט געהערט (שפּעטער האָט די אָרגאַניזאַציע געהייסען „זעמליאַ אי וואָליאַ"), האָט מען זיך אויסגעלאַכט פון זיינע פּלענער; מען האָט זיי געהאַלטען פאַר פאַנטאַזיעס פון אַן אָפּטימיסט.

זונדעלעוויטש האָט זיך אָבער פון דעם געדאַנק ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבייט, ביז זיין גלויבען אין דער זאַך איז

אויך ביסלעכווייז אריבער צו זיינע קאמעראדען. מען האט געקרא־
גען פיער טויזענד רובעל און איבערגעגעבען זונדעלעוויטש'ן.

מיט דעם געלט איז ער אוועקגעפאהרען אין אויסלאנד, האט
אלעם איינגעקויפט און צוגעשטעלט אין פעטערבורג. ער האט
זיך אויסגעלערענט זעצען און האט שוין אליין אויסגעלערענט נאך
פיער פריינד, און ענדליך האט ער אין 1877 געגרינדעט אין פעטער־
בורג א געהיימע דרוקעריי, די ערשטע, וועלכע פארדינט דעם נא־
מען, ווארים זי האט געארבייט רעגעלמעסיג, האט ארויסגעלאזט
פיעל בראשורען, און שפעטער אויך א ציימונג.

זונדעלעוויטש'ס פלאן איז געווען אזוי איינפאך, אזוי נאטיר־
ליך, אזוי קלוג, אז גאנצע פיער יאהר האט די פאליציי געזוכט,
געמאכט אביסקעס, און איז אפילו אויף די שפור פון דער דרוקעריי
ניט געקומען. דורך א נארישען צופאל האט מען זי געפאקט. די
פאליציי האט געדארפט געהן גאר אין אן אנדער הויז, זי האט
אבער צומישט די נעמען, און דורך א טעות איז זי געקומען אין
דעם הויז, וואו די דרוקעריי איז געווען.

נאטירליך, האט מען אלעם צוגענומען. באלד אבער זיינען
ענטשטאנען נייע, נאך דעמזעלבען מוסטער, וועלכע האבען געאר־
בייט כסדר, אהן אונטערברעכונג.

פון יענער צייט אן לאזט זיך אפט הערען איבער גאנץ רוס־
לאנד א מעכטיגע שטימע, וועלכע פארדעקט דאס שטילע שעפטשען
פון די היפאקריטען און די ווילדע געשרייען פון די שמייכלער.
פרעהליך קלאפען די הערצער פון די קעמפער, ווען זיי הערען
זי; דער דעספאט אבער ציטערט אפילו אין די ווענט פון זיין
פעסטונג — פון זיין שלאס; ער פיהלט, אז אויף איהם האט זיך
גענומען א קראפט, א גרויסע, א שרעקליכע קראפט, וועלכע וועט
פארניכטען אלע זיינע פאלקען און אויך דעם פעסטען באדען, אויף
וועלכען ער האלט זיך. דאס איז די קראפט פון דעם פרייען געדאנק,
די קראפט פון ליעבע און אונאיינגעננוציגע איבערגעבענהייט צו
דער פאלקס־זאך.

אט די קראפט, באוואפענט מיט פייער און דינאמיט, האט

זיך אַריינגעוואָרפען אין דעם שרעקליכען קאַמף, וועלכער וועט זיך ניט ענדיגען, איידער דער דעספּאָטיזם וועט פאַלען.

און אין אַט דעם קאַמף איז די געהיימע דרוקעריי געווען די פאָהן, אַרום וועלכער עס קאָכט די הייסטע שלאַכט, און אויף וועלכע עס זיינען אָנגעשטעלט די אומרוהיגע בליקען פון די קעמפער. כל זמן די פאָהן האָט געפלאַטערט, כל זמן קיין אָנשטרענגונגען פון די שונאים האָבען זי ניט געקענט אַרויסרייסען פון די הענט פון איהרע פּאַרטיידיגער, איז קיינער ניט אַראָפּגעפאַלען ביי זיך, קיינער האָט ניט געצווייפעלט אין דער צוקונפט פון דער פּאַרטיי, אפילו נאָך די שרעקליכסטע קלעפּ.

דאָס איז אַ מערקווירדיגער פאַקט, אַז אין אַזאַ לאַנד, ווי אין רוסלאַנד, זאָל במעט אונטער דער נאָז פון דער פּאָליציי קענען עקזיסטירען אַ געהיימע דרוקעריי. וואו ליגט די אורזאַך דערפון? אויסשליסליך אין דער איבערגעבענקייט פון יענע, וועלכע האָבען געדאַרפט אַרבייטען אין די דאָזיגע דרוקערייען, און אין די פּאַרזיכטס־מיטלען, וועלכע מען פלעגט אָננעמען, כדי זי אָפּצוהיטען פון יעדער געפאַהר.

קיינער איז אַהין ניט געגאַנגען. קיינער האָט אפילו ניט געוואוסט, וואו די דרוקעריי איז, אַ חוץ די, פּאַר וועמען ס'איז געווען נויטיג. אַזוי ווייט פּאָרזיכטיג איז מען געווען, אַז ניט נאָר די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער זי האָט געהערט, נאָר אפילו די רעדאַקטאָרען און די מיטאַרבייטער פון'ם אָרגאַן האָבען אויך ניט געוואוסט דעם פּלאַץ. איינער נאָר האָט געוואוסט דעם סוד, און ער האָט שוין אַלעם געפיהרט; דערביי פלעגט ער אויך זעהן, וואָס וועניגער צו באַזוכען די דרוקעריי.

ווען איך האָב אַנטייל גענומען אין דער רעדאַקציע פון „זעמליאַ אי וואָליאַ“, איז דער גורל געפאַלען אויף מיר. מיר האָבען שוין געהאַט באַשטימטע, זיכערע ערטער, וואו איך פלעג איבערגעבען די מאַנוסקריפּטען, קריגען די קאָרעקטור, און דאָרט פלעגט באַשטימט ווערען דער פּלאַץ און די צייט, ווען מען זאָל זיך דאָס נעכסטע מאָל זעהן. ווען עס פלעגט זיך טרעפען אַז אונערוואַרטע־

טער צופאל, און מען האט זיך ניט געקענט זעהן, פלעג איך גע־וועהנליך שיקען א פאסט־קארטעל, וואו איך פלעג דורך א געוויי־סען צייכען באשטימען די צייט.

איין מאל אין גאנצען בין איך געווען אין דער דרוקעריי, דורך דעם פאלגענדען צופאל:

דאס איז געווען דעם 30טען נאוועמבער, אינ'ם זעלבען טאג, ווען עס האט געדארפט ערשיינען די ערשטע נומער פון אונזער צייטונג. אין דער פריה איז צו מיר געקומען אלעקסאנדער מיכאילאוו און האט מיר דערצעהלט, אז ער איז היינט שיער אריינגעפאלען אין די לאפעס פון דער פאליציי, און האט זיך געראטעוועט דורך א שפיצעל. ער האט געדארפט אריינגעהן אין טראשטשאנסקי'ס הויז וועגען א געשעפט. ווי ער איז נאר ארויסגעגאנגען, האט ער דערזעהן, אז ער איז ארומגערינגעלט פון זשאנדארען און פאליציסטען; ער האט זיך געלאזט לויפען. די פאליציי־לייט האבען געשריען „כאפט איהם“, און ער האט אויך געשריען: „האלט איהם, האלט איהם“; קיינער האט ניט גע־וואוסט, וועמען מען מיינט דא, און אזוי האט ער זיך ארויסגעריי־סען פון זייערע הענט.

מיר האט זיך זעהר געוואלט אריינשטעלען עס אין דעם היינ־טיגען נומער. באזונדערס האב איך דערמיט געוואלט אביסעל צורייצען דעם פעטערבורגער גראדאנאטשאלניק זוראוו'ן, וועלכער האט פארזיכערט, אז די דרוקעריי קען ניט זיין אין פע־טערבורג, ווייל ער וואלט זי זיכער געפונען.

צוליעב דעם האב איך איצט געמוזט געהן אין דער דרוקעריי. דערווייל האב איך זיך שוין באקענט מיט די זעצער, וועלכע הא־בען מיך שוין לאנג גערופען צו זיך אין לאך.

די דרוקעריי איז געווען אויף דער ניקאליעווסקער גאס, צוויי שריט פונ'ם נעווסקי פראספעקט. מיט גרויסע פארזיכטיגקייטען בין איך צוגעקומען צום הויז און האב א קלונג געטאן אויף א געוויסען אופן. מאריא קרילאווא האט מיר געעפענט.

איך בין אַריינגעגאַנגען מיט עהרפורכט, ווי אַ פרומער מאַן אין אַ מקום קדוש.

אין דער דרוקעריי האָבען געאַרבייט פיער מענשען: — צוויי מענער און צוויי פרויען.

מאַריאַ קרילאָוואַ, די בעל־הבית׳טע פון דער דירה, אַ פינף און פערציג יעהריגע פרוי, איז געווען איינע פון די עלטסטע און זעהר געאַכטעטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. זי איז נאָך געווען פּאַרמישט אין קאַראַקאַזאָוו׳ס פּראָצעס, און איז געווען פאַרשיקט אין איינע פון די צפון־גובערניעס. אין 1874 איז איהר געלונגען צו אַנטלויפען. פון דאַן איז זי שוין געווען „אונלעגאַל“, און האָט בסדר געאַרבייט פאַר דער רעוואָלוציע ביז דעם יאָהר 1880, ווען זי איז אַרעסטירט געוואָרען אין דער דרוקעריי פון דעם „טשאָרני פּערעדיעל“, ווי אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטען. זעכצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד איז זי געבליבען אין די רייהען פון די רעוואָלוציאָנערען. און האָט שטענדיג גענומען אויף זיך די איינפאַכסטע, אָבער אויך די געפעהרליכסטע אַרבייטען. אין אַלע דרוקערייען האָט זי געאַרבייט, וואָרים זי איז געווען אַ גוטע זעצערין, כאָטש זי איז שוין געווען אַזוי קורצזיכטיג, אַז זי האָט כמעט גאָרנישט געזעהן.

דער צווייטער איז געווען װ אַ ס י ל י ב ו ד, אַ גענעראַל׳ס אַ זוהן און אַ סענאַטאָר׳ס אַ פּלימעניק. ער האָט געוואוינט אַלס קוואַרטיראַנט ביי קרילאָוואַ. ער האָט געהאַט אַ פּאַס פון אַ טשינאָווניק, און פלעגט טאָג־טעגליך אין אַ באַשטימטער צייט אַרויסגעהן מיט אַ גרויסען פּאָרטפעל אונטער׳ן אָרעם. אין דעם פּאָרטפעל פלעגט ער אוועקטראָגען די נומערען פון דער צייטונג און פלעגט צוריקברענגען ריין פּאַפּיער צום דרוקען. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן, 26־27 יאָהר אַלט; אַ בלייכער, מיט אַן עלעגאַנטען, אַריסטאָקראַטישען אויסזעהן. אויפפאַלענד ביי איהם איז געווען זיין שווייגען. ער איז געווען דער פּאַרמיטלער צווישען דער דרוקעריי און דער דרויסענדיגער וועלט.

דער נאָמען פון דעם דריטען איז געבליבען אונבאַקאַנט. דריי יאָהר איז ער שוין געווען אין די רייהען פון דער פּאַרטיי, אַלע

האָבען איהם געליעבט און געשעצט. זיין ריכטיגען נאָמען האָט אָבער קיינער ניט געוואוסט, ווארים דער, וואָס האָט איהם אריינ־געבראַכט אין דער אָרגאַניזאַציע, איז געשטאָרבען, און אַלע אַנדערע האָבען איהם גערופען „פויגעל", אַ צונאָמען, וועלכען מען האָט איהם געגעבען צוליעב זיין שטימע. ווען די דרוקעריי פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואו ער האָט געאַרבייט, האָט זיך געמוזט אונטערגעבען, נאָך אַ שרעקליכען פיער־שטונדיגען ווידערשטאַנד און די סאָלדאַטען זיינען אריין אין הויז, האָט ער זיך אַליין דער־שאָסען מיט אַ רעוואָלווער.

אזוי האָט ער אָהן אַ נאָמען געלעבט, אָהן אַ נאָמען געשטאָר־בען.

זיין לאַגע איז געווען די שווערסטע אין דער דרוקעריי. אין דער פּאָליציי האָט ער זיך גאַרניט פאַרשריבען; ווי גוט דער פּאַס זאָל ניט זיין, עס איז דאָך אַן איבעריגע געפאַהר, אַז מען איז באַ־וואוסט ביי דער פּאָליציי. דערפאַר האָט ער אַמאָל מאָנאַטען־לאַנג געמוזט זיצען אין שטוב און ניט אַרויסגעהן, כדי דער דוואָרניק זאָל איהם ניט באַמערקען. אייגענטליך האָבען אַלע אַרבייטער אין די געהיימע דרוקערייען געלעבט ווי נזירים, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. דער „פויגעל" אָבער האָט געליטען מעהר פון אַלעמען. ער איז נאָך גאָר אַ יונגער מענש, 22-23 יאָהר אַלט, אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט לאַנגע בלוי־שוואַרצע האָר, דורך וועלכע מען האָט נאָך בעסער אַרויסגעזעהן זיין שרעקליכע בלייכ־קייט — אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט גענוג פרישע לופט און ליכט, און איז שטענדיג געווען אין אַן אַטמאָספערע, פול מיט דעם גיפטיגען שטויב פון בליי. לעבעדיג זיינען נאָר געבליבען ביי איהם די גרויסע, שוואַרצע אויגען, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשטראַלט אַן אונענדליכע גוטסקייט און אויך אַ שרעקליכע טרויעריקייט. ער האָט געהאַט די שווינדזוכט, און האָט געוואוסט דערפון. וואַרפען אָבער די שטעלע האָט ער ניט געוואָלט, ווייל ער איז געווען אַ פלינקער זעצער און עס איז

ניט געווען קיין אנדערער, ווער עס זאל קענען זיין פלאץ פאר־נעמען.

דער פערטער זעצער איז געווען א מיידעל, וועלכע איז אין דער פאליציי געווען באקאנט, אלס קרילאווא׳ס דיענסט. איהר נאמען האב איך פארגעסען. דאס איז געווען א ליעבליכע בלאנ־דינקע מיט הימעל־בלויע אויגען, אין גאנצען 18 אדער 19 יאהר אלט. ווען ניט די שווערע, דריקענדע נערווען־אנשטרענגונג, וועל־כע איז שטענדיג געלעגען אויף איהר פנים, וואלט זי געווען זעהר שעהן. פון איהר געזיכט האט מען ארויסגעזעהן די שרעקליכע ליידען, וועלכע מענשען דארפען איבערטראגען, ווען זיי געפינען זיך יעדען טאג, יעדע שעה, יא, זאגאר יעדע מינוט אין געפאהר.

איך האב ערקלערט די אורזאך פון מיין קומען און האב גע־פרעגט, אויב מען וועט קענען אין היינטיגען נומער אריינשטעלען די קליינע באמערקונג וועגען מיכאילאוו׳ן. מען האט מיר גע־ענטפערט, אז יא. דער נומער איז שוין געווען אינגאנצען פארטיג אריינצולעגען אין מאשין, און מען האט געמוזט עפעס ארויס־ווארפען, כדי צו מאכען פלאץ פאר מיין באמערקונג, וועלכע איך האב טאקע דארט אנגעשריבען.

זיי האבען מיר דורכגעפיהרט אין אלע צימערען און האבען מיר ערקלערט, ווי די ארבייט געהט ביי זיי צו.

די דרוקעריי איז באשטאנען פון עטליכע קאסטענס מיט פאר־שידענע שריפט; א קליינער צילינדער; א גרויסען שווערען צי־לינדער, וועלכער האט געדינט פאר א פרעס, עטליכע בערשטלעך, שוואמען, א פאר פלעשלעך מיט דרוק־טינט. אין ווינקעל איז גע־שטאנען א גרויסע שאפע. אלע זאכען זיינען געווען אזוי פונאנדער־געלעגט, אז אין איין פערטעל שעה האט מען אלעס געקענט אריינ־לעגען אין שאפע.

זיי האבען מיר ערקלעהרט די טעכנישע זייט פון דער ארבייט און ענדליך האבען זיי מיר דערצעהלט, וואס זיי טוען, כדי דער דווארניק זאל קיין פארדאכט ניט האבען. דער הויפט־כלל זייערער איז געווען — ניט באהאלטען זיך, נאר אומגעקערט, באווייזען וואס

עפטער די וואוינונג. די זעצערס פלעגען שוין געפינען אורזאכען אבי אריינלאזען דעם דוואָרניק אין די אינעוועניגסטע צימערען; נאַטירליך, פלעגט מען פריהער אַלעס אויפראַמען. איין צימער איז געווען גאַר אַ הינטערשטער, וואו דער דוואָרניק איז נאָך ניט געווען. קרילאָווא איז אַוועק צו איהם מיט אַן אויסרייד, אַז אַ מויז איז אריינגעלאָפען אין יענעם צימער, און מע דאַרף זי הרג'ע־נען. דער דוואָרניק איז געקומען; עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט גאָרניט געפונען, אָבער זיי האָבען אויסגעפירט זייערס. ער איז שוין געווען אין אַלע צימערען און האָט געקענט זיין אַ גוטער עדות, אַז ער האָט גאָרניט געזעהן, וואָס עס זאָל האָבען עפּעס אַ פאַרדאַכט.

די זעצער האָבען זיך דערמאָנט אַן אַלע כיטרעקייטען, האָבען געשפּאַסט, געלאַכט. איך האָב אָבער ניט געקענט לאַכען.

עס איז מיר געוואָרען שווער אויפ'ן האַרצען. אַ שרעקליכער טרויער איז אַנגעפאַלען אויף מיר, ווען איך האָב געקוקט אויף די דאָזיגע מענשען. איך האָב פאַרגליכען זייער לעבען מיט אונ־זערן, און איך האָב זיך געמוזט שעמען. אונזער אַרבייט, אונזער טעטיגקייט ביי דעם טאָג־ליכט, אין דעם אויפרעגענדען קאַמף, אינ'ם קרייז פון קאַמעראַדען און פריינד איז געווען אַ יום־טוב אין פאַר־גלייך מיט זייער קאַטאָרזשנעם לעבען.

מיר האָבען זיך געזעגענט. לאַנגזאַם בין איך אַראָפּ די טרעפּ און בין אַרויס אויף דער גאַס שרעקליך אויפגערעגט. פאַרשידענע געדאַנקען זיינען מיר געקראָכען אין קאָפּ. איך האָב געטראַכט וועגען אָט די מענשען, וועגען דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף, צו־ליעב וועלכען זיי האָבען זיך פרייוויליג אויפגעאָפּפערט, איך האָב געטראַכט וועגען אונזער פּאַרטיי.

פּלוצלונג איז מיר אַ נייער געדאַנק אויפגעקומען: אַ געדאַנק, וועלכער האָט מיר ערקלערט מיין אויפרעגונג. זיינען זיי, אָט די זעלבסט־אויפאָפּפערענדע מענשען, ניט די אמת'ע פאַרשטעהער פון אונזער פּאַרטיי? איז די דרוקעריי ניט די לעבעדיגע פּערזאָני־פיצירונג פונ'ם גאַנצען רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף אין רוסלאַנד?

א געפיהל אין גאנצען דער הפוך פון יענעם געפיהל, וואס האט מיך ביז דאן אזוי געמוטשעט, האט זיך אנגעצונדען אין מיין ברוסט.

ניין, מיר זיינען אונבאזיגבאר, האב איך זיך געטראכט, כל־זמן מיר האבען נאך אזא אנאנימען, נאמענלאזען העלדענמוט, וועלכער שטעהט העכער פון אלע העלדענמוטען; מיר זיינען אונ־באזיגבאר, כל זמן מיר וועלען האבען אזעלכע מענשען.

אַ רייזע נאָך פּעטערבורג.

איינלייטונג.

איך בין נאָך געלעגען אין בעט, ווען איך האָב דערהערט אַ שטאַרקען קלאַפּ אין טיר. איך בין אויפגעשפּרונגען.

וואָס האָט דאָ געקענט געשעהן? ווען עס וואָלט זיין אין רוסלאַנד, וואָלט איך שוין געוואוסט, וואָס דאָס הייסט: זשאַנדאַרען! ווער דען קען אַזוי קלאַפּען אין רוסלאַנד. דאָס איז אָבער געווען אין דער שווייץ, און פאַר אַזעלכע זאַכען דאַרף מען דאָרט קיין מורא ניט האָבען.

— ווער איז דאָרט? — האָב איך געפרעגט אויף פראַנצויזיש.

— איך, — האָט געענטפערט אויף רוסיש זעהר אַ באַקאַנטע שטימע, — מאַכט שנעל אויף.

איך האָב אָנגעצונדען אַ ליכט, וואָרים עס איז נאָך געווען פינסטער, און האָב מיך אויף גיך אָנגעטאָן. דאָס הארץ האָט מיר געקלאַפּט, עפּעס האָב איך געפיהלט, אַז עס איז ניט אומזיסט אַזאַ פריהער באַזוך, אַז אַן אונגליק איז געשעהן.

איינער פון מיינע בעסטע פריינד *) איז מיט אַ צוויי וואָכען פאַר דעם אַוועקגעפאָהרען קיין רוסלאַנד. ער איז געווען פאַרמישט אין דעם לעצטען אַטענטאַט אויפ'ן קייזער, און מיר זיינען אַלע אַצונד געווען אונרוהיג איבער איהם. מיר האָבען מיט אונגעדולד ערוואַרטעט נאַכריכטען, ווי אַזוי ער איז אַריבער די גרענעץ.

---

*) ניקאָלאַי מאַראַזאָוו. געשטאָרבען אין דער שליסעלבורגער פעסטונג.

און די נאַכריכטען זיינען ניט געקומען. אַ שרעקליכער געדאַנק איז מיר אַריין אין קאָפּ.

איך האָב שנעל אויפגעמאַכט די טיר. אין צימער איז אַריין אַ נ ד ר י י, אָהן אַ גוט־מאָרגען, אפילו ניט אַראָפּגענומען דעם הוט.

— נ י ק אָ ל אַ י איז אַרעסטירט. האָט ער אויסגערעדט מיט אַ צובראָכענער שטימע, און איז געפאַלען אויף אַ שטול.

ניקאָלאַי איז געווען אונזערביידענס פריינד. עטליכע מינוט האָב איך געקוקט אויף איהם מיט אַ פאַרגליווערטען בליק, גלייך ווי איך וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט. דערנאָך האָב איך ווידערהאָלט אַט די דריי שרעקליכע ווערטער, צוערשט מעכאַניש, קוים הערבאַר, און דאַן מיט אַ שרעקליכער דייטליכקייט.

מיר האָבעןביידע געשוויגען.

עטוואָס שרעקליכעס איז אַנגעפאַלען אויף אונז, האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע צימער, דורכגעדרונגען אונזער גאַנצעס וועזען. דאָס בלוט האָט זיך אַזוי ווי אָפּגעשטעלט, דאָס דענקען איז פּאַראַליזירט געוואָרען.

מיט אַזאַ זיצען קען מען אָבער גאָרניט מאַכען. מיט פאַרצווייפלונג קען מען גאָרניט העלפען. מען האָט געדאַרפט וויסען, אויב אַלעס איז שוין פאַרפאַלען, אָדער מען קען נאָך עפּעס אונטערנעמען.

איך האָב אָנגעהויבען פונאַנדערפרעגען די איינצעלהייטען. ניקאָלאַי איז אַרעסטירט געוואָרען אויף דער גרענעץ. ערגער פון אַלעס איז געווען, וואָס עס זיינען שוין דורכגעגאַנגען פיער טעג, און דער קאָנטראַבאַנדיסט, אַנשטאָט אונז צו טעלעגראַפירען, האָט אויס עקאָנאָמיע געשיקט אַן איינפאַכען בריעף.

— וואו זשע איז דער בריעף? — האָט איך געפרעגט אַ נ ד ר י י'ן.

— ביי װ ו ל אַ ד י מ י ר ׳ ן *). ער איז ערשט געקומען און ערוואַרטעט אייך ביי מיר. לאָמיר געהן.

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען.

עס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו טאָגען. די גאַסען זיינען געווען לעדיג. די שטאָדט האָט נאָך געשלאָפען. שטיל און מיד אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבען מיר זיך געשלעפּט איבער די טראָטואַרען. יעדער פון אונז איז געווען פאַרטיפט אין זיינע שוואַרצע, פינסטערע געדאַנקען. וולאַדימיר האָט אונז שוין ערוואַרטעט. איך בין געווען מיט איהם זעהר באַפריינדעט, און שוין אַ לאַנגע צייט האָבען מיר זיך ניט געזעהן. ניט פרעהליך איז אָבער געווען אונזער איצטיגער צוזאַמענקומען. קיין פריינדליכע באַגריסונג, קיין פראַגע, קיין שמייכעל. טרויעריג האָבען מיר נאָר געדריקט איינער דעם אַנדערן די האַנט. אַזוי באַגעגענען זיך מענשען אין אַ הויז, וואו עס ליעגט אַ בר־מינן.

וולאַדימיר האָט אונז פאָרגעלעזען דעם קאָנטראַבאַנדיסט׳ס בריעף. ניקאָלאַי׳ן האָט מען אַרעסטירט אויף דער פּרייסישער גרענעץ, לעבען װ ו ע ר ז ש ב אַ ל אָ ו ו אָ און מען האָט איהם דערוויל איינגעזעצט אין דעם דאָרטיגען געפענגנים. וואָס עס איז ווייטער געשעהן, האָט קיינער ניט געוואוסט. דער קאָנטראַבאַנדיסט איז אויס מורא אַנטלאָפען קיין דייטשלאַנד, און פון זיינע ווייטערע ידיעות האָט מען שוין קיין טאָלק ניט געקענט דערגעהן: אין אָנהויב האָט מען געמיינט, אַז ער איז אַרעסטירט געוואָרען, אַלס אַ דעזערטיר, אַז אַנטלאָפענער סאָלדאָט, דערנאָך אָבער איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז זשאַנדאַרען האָבען זיך אַריינגעמישט; דאָס האָט געהייסען, אַז ער איז אַ פּאָליטישער פאַרברעכער.

פון דעם גאַנצען בריעף האָט מען נאָר געקענט פאַרשטעהן איין זאַך אויף קלאָר, אַז דער קאָנטראַבאַנדיסט איז דאָ גאָרניט שולדיג געווען. ער האָט זיך אויף אַלערליי אופנים פאַרטיידיגט, האָט אויסגעדריקט זיין האַרציגע באַדויערונג איבער דעם אונ־

---

*) יאָבעלזאָן.

גליקליכען פאַל, און האָט ענדליך געבעטען, מען זאָל איהם אפשי־
קען דאָס געלט, וואָס איז איהם נאָך געקומען פון אונז. ניקאָלאַי
איז אַליין שולדיג געווען. ער איז אָפּגעזעסען דעם ערשטען טאָג, ווי
ער איז אָנגעקומען, אויף אַ בוידעם, פאַרנאַכט אָבער האָט ער זיך
ניט געקענט איינהאַלטען און איז אַרויס אין גאַס, זיך אַביסעל דורכ־
צוגעהן. דאָס איז געווען אַ קינדערשע נאַכלעסיגקייט.

איך בין געוואָרען אויסער זיך פאַר פאַרדרוס.

— וואָס פאַר אַ דומהייט! וואָס פאַר אַ קינדעריי! — האָב
איך אויסגעשריען. — אַרויסגעהן אויף דער גאַס אין אַ קליינעם
דערפעל, וואו יעדער נייער מענש וואַרפט זיך אין די אויגען. שפּי־
לען זיך, אַמוזירען זיך האָט זיך איהם פאַרוואָלט אין אַזאַ לאַגע!
יעדער עזעל, יעדער דומקאָפּ געהט איצט אַריבער די גרענעץ, און
ער דאַרף אַרויסגעהן שפּאַצירען, אַליין אונטערשטעלען דעם קאָפּ
אונטער דעם מעסער. ער איז דאָך שוין ניט קיין אינגעלע! אַ
דרייסיג יעהריגער מענש זאָל אויף אַזוי פיעל ניט פאַרשטעהן. אַ
מצוה אויף איהם, אַ מצוה!... איצט וועט ער שוין וויסען, ווי אַזוי
זיך אַרויסצושטעלען.

איך בין שיער ניט משוגע געוואָרען פאַר כעס, און אין דער־
זעלבער צייט האָב איך אַזש ביז בלוט געביסען די ליפען, כדי
איינצוהאַלטען די טרערען, וועלכע האָבען מיך געשטיקט, וועלכע
האָבען זיך געריסען פון די אויגען.

אַנדריי איז געזעסען לעבען טיש, אָנגעשפּאַרט מיט'ן גאַנצען קער־
פּער אויפ'ן רעכטען עלענבויגען. זיין לאַנגע פיגור, באַלויכטען פון
דעם טונקעלען, ציטערדיגען פלאַם פון אַ ליכט, האָט אויסגעזעהן
לעבענסלאָז.

איך האָב זיך אַנידערגעשטעלט אַנטקעגען איהם.

— נו, וואָס טוט מען איצט? — האָט ער מיר פּלוצלונג גע־
פרעגט.

דיזעלבע פראַגע האָב איך איהם ערשט געוואָלט שטעלען. וואָס
האָב איך איהם געקענט ענטפערען? איך האָב זיך אָפּגעקערט

פון איהם, און האָב אָנגעהויבען אַרומצוגעהן איבער'ן צימער אַהין און צוריק.

— וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. פינף טעג זיינען שוין דורכגעגאַנגען, זינט ניקאָלאַי איז אַרעסטירט געוואָרען. פאָהרען צו דער רוסישער גרענעץ דאַרף דויערען נאָך אַ טאָג דריי; און אין זיבען־אַכט טעג האָבען שוין די זשאַנדאַרען צוואַנציג מאָל געקענט אויסגעפינען זיין ריכטיגען נאָמען, און דאַן וועט מען איהם נאַטירליך אונטער אַ שטרענגען קאָנוואַי אָוועקפיהרען קיין פּעטערבורג. דאַן איז אַלעס פאַרפאַ־לען! אָבער ווער ווייס? אפשר האָבען זיי איהם געלאָזט אין ווערזשבאָלאָווא אָדער ניט ווייט ערגעץ אין אַ שטעדטעל. ער איז דאָך אַזוי דום, אַזוי נאַריש אַריינגעפאַלען, אַז זיי קענען איהם אָנ־נעמען גאַרניט פאַר דעם, ווער ער איז אין אמת'ן. ניין, עס קען ניט זיין. מיר האָבען שוין געהערט, אַז די זשאַנדאַרען האָבען איינעב ערוואַרטעט פון אויסלאַנד. שרעקליך, שרעקליך! די לאַגע איז האָפנונגסלאָז. עפּעס דאַרף מען דאָך אָבער טאָן.

— מען דאַרף שיקען רינאַ'ן, — האָב איך ענדליך געזאָגט מיט אַ זיפץ. — אויב עס איז נאָך דאָ עפּעס אַ מעגליכקייט צו טאָן, איז נאָר זי אימשטאַנד עס צו טאָן.

— יאָ, יאָ, לאָמיר שיקען רינאַ'ן, — האָט אַנדריי אויסגערו־פען. אַ שטראַל פון האָפנונג האָט אַזוי ווי באַלעבט דאָס דאָזיגע טויט־בלייבע געזיכט.

און ווירקליך, ווען עס וואָלט נאָר געווען עפּעס אַ מעגליכקייט, וואָלט זי עס אויסגעפיהרט.

רינאַ *) איז געווען אַ אידיש־מיידעל פון פּוילען. איהר פאַ־

---

*) „רינאַ" איז די באַקאַנטע רוסישע סאָציאַליסטקע אַ נ נ אַ מ י ־ כ אַ י ל אָ ו ו נ אַ ע פּ ש ט י י ן. אין די זיבעציגער יאָהרען האָט זי זעהר פיעל געאַרבייט אין רוסלאַנד. ווי סטעפּניאַק דערצעהלט דאָ. איז זי געווען די בעסטע און די הויפּט־קאָנטראַבאַנדיסטין. אויסער דעם אין די יאָהרען 1875-76 האָט זי זיך צוזאַמען מיט ל י ו ב אָ ו ו

טער איז געווען איינער פון די פיעלע מארטירער, וועלכע האבען אזוי געליטען פאר דער פרייהייט פון זייער אונגליקליכען היימאט־לאנד — פוילען.

איהרע קינדער־יאהרען האט זי פארבראכט אין א קליין־שטעד־טעל ביי דער גרענעץ, וואו אלע איינוואוינער האבען געלעבט פון קאנטראבאנדע. ווען זי איז געקומען אין פעטערבורג שטודירען האט זי זיך באקענט מיט די אידעען פון סאציאליזם און איז צו־געשטאנען צו דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, וועלכע האט זיך דאן ערשט אנגעהויבען. זי האט באלד געקראגען אין דער ארגאני־זאציע נאר א באזונדערע ארבייט; זי האט „געהאלטען די גרע־נעץ“, ווי מען פלעגט דאן זאגען, ד. ה., זי איז געווען די פארמיט־לערין צווישען רוסלאנד און אויסלאנד, וואו עס האט זיך דאן גע־דרוקט כמעט די גאנצע רוסישע רעוואלוציאנערע ליטעראטור.

קיינער איז ניט געווען אזוי פעהיג צו דעם ווי זי. זי איז געווען אזוי פאפולער צווישען די קאנטראבאנדיסטען, אז זי האט געקענט אויספיהרען אזעלכע זאכען, וואס אן אנדערען וואלט עס זיך אפילו ניט גע'חלום'ט. זי אליין פלעגט זאגען, אז אויף דער גרענעץ קען זי אויספיהרען מעהר, איידער דער גובערנאטאר אליין. און דאס איז געווען אמת; זי האט אלעמען געקענט, און האט

איוואנאווגא־קארנילאווא־סערדיוקאווא איבער־געגעבען דער שווערער ארבייט צו פארזארגען די פאליטישע געפאנגענע מיט אלעם. די באוואוסטע וואוילטעטערין, די גענעראלשע הערנגראס, פלעגט זאגען: „אט איז אן אמת'ע קריסטין; ביי איהר דארף מען זיך לערנען, ווי אזוי צו ליעבען מענשען!“ אין ווילנא האט זי גע־גרינדעט א קרוזשאק, פון וועלכען עס איז ארויסגעקומען זונדע־לעוויטש. מיט סטעפניאק'ן איז זי געווען זעהר באפריינדעט און האט איהם אליין מעהרערע מאל אריבערגעפיהרט איבער דער גרע־נעץ. די לעצטע יאהרען פון איהר לעבען האט זי פארבראכט אין סער־ביען, אלס דאקטאר. געשטארבען איז זי אין וויען, דעם 13טען נאוועמבער, 1895.

געוואוסט, אז מען קען זיי אלע אפקויפען, פון דעם סאלדאט, וואס שטעהט ביי דער גרענעץ, ביז די פארשטעהער פון דער מאגיס־טראטור און אדמיניסטראציע אין דער שטאדט. מען האט נאר געדארפט פארשטעהן, ווי אזוי צוצוקומען צו זיי, ווי אזוי זיך צו באגעהן מיט זיי.

רינא האט אנטייל גענומען אין דער באוועגונג, ביז עס האט זיך געהאלטען די פראפאגאנדע. ווי נאר די פעריאדע פון דער פראפאגאנדע האט זיך געענדיגט, און אויף דער סצענע איז ארויס־געטרעטען די בלוטיגע עפאכע פון דעם טעראר, איז זי אפגעשטא־נען, האט מעהר קיין אנטייל ניט גענומען, ווארים זי האט ניט גע־גלויבט, אז דורך אזעלכע מיטלען זאל מען קענען עפעס געווינען.

זי איז אוועקגעפאהרען קיין פאריז שטודירען, האט אבער ניט גע־קענט לאנג דארט בלייבען, ווייל איהר געזונט איז געווארען זעהר שוואך. זי איז אוועק אין דער שווייץ, און האט זיך דארט בא־זעצט.

איך האב איבערגעלאזען מיינע פריינד, און בין אוועקגעגאנגען צו איהר.

איך בין געלאפען דעם גאנצען וועג; מיר האבען שוין גע־וואלט וויסען איהר ענטפער.

— דאס פרייליין שלאפט נאך, — האט געזאגט די דינסט, וועלכע האט מיר אויפגעמאכט די טיר, און האט אפילו ניט גע־ווארט אויף מיין פראגע.

— איך ווייס, — האב איך איהר געענטפערט. — עס איז אבער געקומען איהרער א קרוב, וועלכער זי וויל זעהר זעהן און וואס גיכער.

מיר זיינען שוין אזוי געוואוינט אין רוסלאנד צו באהאלטען זיך מיט יעדער זאך, אז אפילו דא האב איך אויך געטאן דאס־זעלבע.

איך בין צוגעגאנגען צו רינא׳ס צימער און האב שטארק אנ־געקלאפט.

— איך מוז אייך באַלד זעהען. איך האָב נויטיגעס מיט אייך צו ריידען, — האָב איך געזאָגט אויף רוסיש.

— באַלד, באַלד, — האָט זי געענטפערט. אין איהר שטימע האָט זיך געהערט אַן אומרוהיגע נאָטע, אַזוי ווי זי וואָלט פאַר־שטאַנען, אַז עפּעס איז געשעהן.

אין אַ פינף מינוט אַרום איז זי אַרויסגעגאַנגען.

— וואָס איז, וואָס איז געשעהן? — האָט זי געפרעגט אונ־רוהיג, און האָט אַנגעשטעלט אויף מיר איהרע גרויסע אויגען.

איך האָב אין קורצען דערצעהלט וועגען דעם אונגליק.

דורך דער טונקעלער פאַרב פון איהר פּנים האָט מען דאָך גע־קענט באַמערקען, ווי בלייך זי איז געוואָרען, ווען זי האָט דערהערט אָט די נאַכריכט. זי האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט, האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איהר גאַנצע קליינע, כמעט קינדערשע פיגור האָט אין דעם מאָמענט אויסגעדריקט אַ שרעקליכען, גרע־נעצלאָזען קומער.

איך האָב ניט געוואָלט שטערען איהר שווייגען, און האָב גע־וואַרט, ביז זי וועט עפּעס זאָגען.

— ווען מיר וואָלטען זיך דערוואוסט וועגען דעם פריהער, צו דער רעכטער צייט, — האָט זי ענדליך אויסגערעדט שטיל, גלייך ווי זי וואָלט רעדען צו זיך אַליין, — דאַן וואָלט מען נאָך געקענט אַלעס טאָן, מען וואָלט געקענט אַלעס אין אָרדנונג ברענגען, אָבער איצט...

— מיר ווייסען דאָך אָבער ניט, — האָב איך געענטפערט. — טאָמער האַלטען זיי איהם נאָך אויף דער גרענעץ.

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אַלס צייכען, אַז זי צוויי־פעלט זעהר אין דעם.

— יעדענפאַלס מוז מען עפּעס אונטערנעמען, — האָב איך געזאָגט. — איך בין געקומען אייך בעטען, איהר זאָלט פאָהרען אַהין.

רינא איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָהן יעדע באַוועגונג, גלייך ווי זי וואָלט ניט געהערט מיינע ווערטער, אָדער ווי ניט זי מיינט מען

עס. זי האט אפילו ניט אויפגעהויבען איהרע לאנגע ברעמען, וועל־כע האבען איינגאנצען פארדעקט איהרע אויגען; זי האט די גאנצע צייט געקוקט אראפ.

— יא, וואס מיך אנבאלאנגט, — האט זי ענדליך שטיל אויס־גערעט, — וועל איך פאהרען, אבער...

זי האט זיך אביסעל ערמונטערט און האט אנגעהויבען צו אנאליזירען די פראגע פון דעם פראקטישען שטאנדפונקט. איך האב איהר געמוזט נאכגעבען, אז אין דעם פרט איז עס שלעכט גע־שטאנען. פונדעסטוועגען איז זי אויך געווען איינפארשטאנען, אז מען מוז פרובירען, אפשר וועט געלינגען.

מען האט באלד געמאכט א פאר הונדערט פראנק צווישען די קאמעראדען, און אין א פאר שעה ארום איז שוין רינא געפלויגען מיט׳ן קוריערסקען צוג צו דער רוסישער גרענעץ.

זי איז געקומען צו שפעט.

צוויי טאג איז ביי איהר אוועקגעגאנגען אויפ׳ן זוכען דעם קאנטראבאנדיסט, וואָרים נאר פון איהם האט זי געקענט האבען פינקטליכע אויסקינפטע. ער האט זיך אבער ניט געוואלט ווייזען פאר איהר, און ווען עס איז איהם אויסגעקומען ענג, איז ער אנט־לאפען קיין אמעריקא, און האט דערביי פארגעסען ביי זיך אין קעשענע דאס געלט, וואס מיר האבען איהם צוגעשיקט, טאמער וועט מען דארפען האבען צום געשעפט.

ווען רינא האט דאס ערפארען, האט זי באשלאסען אליין ארי־בערגעהן די גרענעץ. קיין באשטימטען פלאן האט זי ניט געהאט; זי האט נאר געוואוסט, אז אין אזא פאל איז א מינוט טייער, און מען טאר קיין צייט ניט פארלירען. צום אונגליק איז שוין ניקאלאי דארט ניט געווען. מיט איינינע טעג פריהער האט מען איהם אוועקגעפיהרט פון ווערזשבאלאווא. מען האט איהם דער־קענט און אוועקגעשיקט קיין פעטערבורג.

רינא האט זיך אוועקגעלאזט קיין פעטערבורג. ערשטענס, פרובירען, טאמער וועט דאך געלינגען צו באפרייען ניקאלאי׳ן, און

צווייטענס, האָט זיך איהר פּשוט געוואָלט באַזוכען פּעטערבורג און זעהן זיך מיט די אַלטע פריינד.

עטליכע טעג פאַר'ן ערשטען מערץ איז זי אַנגעקומען אַהין, און דריי וואָכען האָט זי פאַרבראַכט אין דעם גיהנום; אַנדערש האָט מען ניט געקענט אַנרופען פּעטערבורג אין דער שטיקעל צייט נאָך דעם טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

ווען מיר איז איינגעפאַלען צו שרייבען מיינע סקיצען, איז מיר אַריין אַ געדאַנק, אַז עס וואָלט זיך זעהר געפּאַסט, און עס וואָלט אויך געווען זעהר אינטערעסאַנט, אַריינצושטעלען אויך איהרע עראינערונגען פון דער קורצער צייט. איך האָב איהר געשריבען וועגען דעם, און דער רעזולטאַט דערפון איז די פאָלגענדע ערצעהלונג.

.1

באַלד ווי איך בין אַנגעקומען אין פּעטערבורג, — אַזוי הויבט רינאַ אַן איהר ערצעהלונג, — האָב איך אַנגעהויבען זוכען מיין אַלטע באַקאַנטע און פריינדין, ד ו ב ר אָ ו י נ אַ. איך האָב אפילו געוואוסט, אַז זי נעמט ניט קיין אַקטיווען אנטייל אין דער באַוועגונג; אָבער צו איהר פלעגען קומען מעהרערע רעוואָלוציאָנערען, און איך האָב געהאָפט, אַז זי וועט מיר קענען געבען אויסקינפטע, צו געפינען אַ ל ג אַ ' ן, ניקאָלאַי'ס פרוי, וועלכע איז דאַן געווען אין פּעטערבורג. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. צו דובראַווינאַ פלעגען ווירקליך קומען אַ טייל פון די טעראָריסטען, אָבער פון אַלגאַ'ן האָט זי גאַרניט געוואוסט.

איך האָב זיך אַנגעהויבען אַרומשלעפּען איבער פּעטערבורג צו אַלע באַקאַנטע, וואו איך האָב נאָך געדעכענט, אַז איך וועל קענען עפּעס געוואָהר ווערען. עס איז מיר אויך ניט געלונגען. די רעוואָלוציאָנערען האָב איך ניט געקענט געפינען, וואָרים זיי האָלטען זייערע וואוינונגען בסוד, קיינער ווייסט ניט זייערע אדרעסען. מען האָט מיר דערצעהלט, אַז איינער, ד., וועלכער האָט געוואוינט אין פּעטערבורג, האָט געדאַרפט אַמאָל אויפזוכען זיינעם אַ פריינד,

וועלכער האָט אויך געוואוינט אין פּעטערבורג, און האָט איהם בשום אופן ניט געקענט געפינען. ער האָט געמוזט פאָהרען אין קיעוו, בלויז כדי דאָרט אויסצוגעפינען זיין אַדרעס.

צוויי טעג זיינען שוין דורכגעגאַנגען, און איך האָב נאָך קיין אָהנונג ניט געהאַט איבער אַלגאַ'ן. איך בין געווען אויסער זיך. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס מען הויבט אַן צו טאָן. דובראָווינאַ האָט מיך אַביסעל בארוהיגט. זי האָט געקענט די רעוואָלוציאָנערע וועלט און האָט געוואוסט, אַז פון אַלע נייעסען, אפילו די קלענסטע, דערוויסען זיך באַלד די רעוואָלוציאָנערען, און דערפאַר האָט זי מיר פאַרזיכערט, אַז זיי וועלען זיך באַלד דערוויסען פון מיין אָנקומען פון דער שווייץ, און אַלגאַ וועט פאַרשטעהן, וועגען וואָס איך בין געקומען, און וועט שוין זוכען מיטלען ווי מיך צו געפינען.

אַזוי איז טאַקע געווען.

אויפ'ן דריטען טאָג פון מיין אָנקומען, ווען מיר זיינען זיך אַזוי געזעסען מיט דובראָווינאַ'ן אַן מיט איהרע אַ פריינדין, האָט זיך געעפענט די טיר, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזען דער „פ אַ ק י ר“ — דערזעלבער, וואָס האָט זיך פיער מאָל שיער ניט פאַר'סמ'ט מיט פאַרשידענע גיפטען, וועלכע ער האָט איינגענומען כדי צו מאַכען עקספּערימענטען איבער זיך. ער האָט זיך געווענ־דעט צו מיר און האָט אויסגערעדט געהיימניספול:

— איך דאַרף זיך דורכגעהן מיט אייך. קענט איהר מיר פאַר־שאַפען דאָס פאַרגניגען, איך זאָל זיין אייער קאַוואַליער.

ער האָט עס אַרויסגערעדט מיט אַזאַ פייערליכער מינע, אַז מיר האָבען זיך אַלע געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. ער איז אָבער געבליבען ערנסט, ווי פריהער, און האָט זיך רוהיג פאַרקנע־פּעלט זיינע האַנדשוה.

איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איהם גענומען אונטערן אָרעם און האָב באַוויזען, ווי איך וועל געהן מיט איהם איבער'ן גאַס, ווי אַ „דאַמע“. ער זאָל כאָטש אַ שמייכעל געבען! ער איז גע־שטאַנען אַזוי אויסגעשטרעקט, אויסגעצויגען ווי ביז אַהער. מיט זיין נאַקעטען קאָפּ, מיט דעם שטערן פון אַ בראָנזען־פאַרב, אַהן

ברעמען, מיט זיין גאַנצער מאַגנעטער פיזיאָנאָמיע איז ער געווען ענליך אויף אַן אינדישען אַפּגאָט.

ער האָט מיר ניט געדאַרפט זאָגען, וואוהין מיר געהען. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז א פריינד פון אַלגאַ'ן און פון ניקאַלאַי'ן, וועלכער האָט איהם ליעב געהאַט פאַר זיין ענטשלאָסענעם כאַראַקטער, כאָטש ער פלעגט זיך אָפט לוסטיג מאַכען איבער זיין ליידענשאַפט צו קאָנספּיראַציעס.

מיר זיינען אָפּגעגאַנגען א פּאָר הונדערט טריט צו פוס, דערנאָך האָבען מיר גענומען אַן איזוואָשטשיק, וועלכער האָט אונז געדאַרפט ברענגען אויף די פּ ע ס ק י ' ס. דאָס איז א היבש שטיקעל וועג, און צו דעם האָט זיך אונז נאָך געטראָפען עפּעס א פערדעל, וואָס האָט קוים געשלעפּט דעם וואָגען. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מיר וועלען קיינמאָל ניט דערפאָהרען.

— אַך, ווי ווייט עס איז! — האָב איך זיך געווענדעט צו מיין באַגלייטער.

— אַ יאָ. אויסערדעם דאַרפט איהר ניט פאַרגעסען, אַז מיר פאָהרען איצט גראַד אין א פאַרקערטען וועג.

איך בין שרעקליך בייז געוואָרען, וואָס מיר פאַרלירען אומזיסט צייט, און האָב געזאָגט דעם „פאַקיר", אַז איך וויל פאָהרען גלייך צו אַלגאַ'ן. ער איז אָבער ניט געווען פון די, וואָס גיבען אַזוי באַלד נאָך. ער האָט מיך ניט געפאָלגט און האָט זיך געטאַן זיינס.

ענדליך זיינען מיר אָנגעקומען אויף די פעסקי'ס; דאָרט זיינען מיר ווייטער געגאַנגען אַביסעל צו פוס, און דערנאָך האָבען מיר גענומען אַן אַנדער איזוואָשטשיק, וועלכער האָט אונז געבראַכט צום טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט.

ווען מיר זיינען אַראָפּ פון וואָגען, האָט אַן אָפיציר גענומען אונזער איזוואָשטשיק. דאָס האָט שטאַרק באַאונרוהיגט מיין קאַוואַליער; עס איז אָבער ניט געווען קיין צייט צו דענקען וועגען דעם.

אויפ'ן טראָטואַר, וואו מיר זיינען געגאַנגען, זיינען געשטאַנען

צוויי קינדער, א אינגעל מיט א מיידעל, און האבען געבעטעלט. זיי זיינען געווען אזעלכע שעהנינקע, אזוי סימפאטיש, אז איך האב זיך געמוזט אפשטעלען א קוק טאן אויף זיי.

— גיב מיר א קאפעיעטשקע, באריניא, — האבען די קינדער אויסגעשריען און אויסגעשטרעקט צו מיר די הענט.

איך האב זיי א גלעט געטאן איבער די בעקלעך און האב יע־דען געגעבען א קאפיקע.

אז מיר זיינען שוין געווען ווייטלעך פון זיי, האט דער „פא־קיר" צו מיר געזאגט מיט אן אומרוהיגער שטימע:

— וואס טוט איהר? צו וואס האט איהר זיי געגעבען געלט? איהר ווייסט דען ניט, ווער דאס זיינען? די פאליציי האלט הונ־דערטער אזעלכע קינדער. זיי פארשטעלען זיך נאר פאר בעטלער, אין אמת'ן אבער זיי קליינע שפיאָניקלאך.

איך האב א שמייכעל געטאן. ארייננעהן מיט איהם אין הויכע דרכים, דיסקוטירען וועגען דעם האב איך ניט געוואלט. עס וואלט סיי ווי געווען אומזיסט.

אונזער רייזע האט געדויערט נאך א גוטע שעה. ערשט ווען מען האט אנגעהויבען אנצינדען די פאנארען אויף די גאסען, זיינען מיר צוגעקומען צום הויז, וואו אלגא האט מיך ערווארט.

איך האב זי ניט דערקענט, אזוי האט זי זיך פארענדערט. איהר אויסזעהן איז געווען שרעקליך: בלייך, מאגער, איינגעצויגען. איך האב געוואלט ריידען מיט איהר וועגען ניקאלאי'ן, מיר זיינען אבער ניט געווען אליין. דאס צימער, וואו מיר זיינען גע־זעסען, איז ביסלאכווייז פול געווארען מיט מענשען, מייסטענס זיינען עס געווען סטודענטען. באלד איז אויך אריינגעקומען די בעל־הבית'טע, א יונגע, שעהנע ברונעטקע, און האט שטילערהייט געזאגט אלגא'ן, אז דאס צימער איז היינט פארנומען, דא וועט זיין א סטודענטען־פארזאמלונג.

זי האט אונז איינגעלאדען צו בלייבען; אונז זיינען אבער קיין פארזאמלונגען אין קאפ ניט געקראכען.

אונטען זיינען געווען לעדיגע צימערען. מיר זיינען אראפ

אהין. און דאָרט האָבען מיר אויך פאַרבראַכט דעם גאַנצען אָבענד, איבערגערעדט וועגען אונזערע געשעפטען. איך האָב דערצעהלט אַלגאַ'ן, ווי מיר איז געגאַנגען ביי דער גרענעץ; זי האָט מיר דער־צעהלט, וואָס זי האָט געטאָן דערווייל אין פעטערבורג.

איך האָב אַרויסגעזעהן, אַז מען האָט כמעט גאָרניט געטאָן. און האָב אויסגעדריקט מיין מיינונג, אַז עס איז כמעט קיין האָפ־נונג ניטאָ. אַלגאָ אָבער האָט עס ניט געוואָלט דערלאָזען. זי האָט נאָך אימער געהאָפט.

.2

אויף מאָרגען, ביי דובראָווינאַ'ן, האָב איך זיך צום ערשטען מאָל באַגעגענט מיט העסיע העלפמאַן. דער ערשטער איינדרוק, וועלכען זי האָט געמאַכט אויף מיר, איז געווען פון אַ ליידענדער פרוי. זי האָט געמוזט שטאַרק ליידען; מען האָט עס אַרויסגעזעהן פון איהר געזיכט, פון איהרע אויגען. פונדעסטוועגען, ווי מען האָט אונז נאָר באַקאַנט געמאַכט, האָט זי באַלד אָנגעהויבען דער־צעהלען פון די „געשעפטען“, פון דער ריכטונג, וועלכע פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע גרופען האָבען אָנגענומען, פונ'ם ר ו י ט ע ן ק ר י י ץ און פיעלע אנדערע זאַכען.

איך האָב זי דערנאָך מעהרערע מאָל געזעהן. דאָס איז געווען אַן אויפריכטיגע, איינפאַכע און באַשיידענע פרוי, מיט ליעב און זעעלע איבערגעבען דער זאַך; איהר האָט געפעהלט די איניציאַ־טיווע.

מיט אַ פּאָר טעג, איידער איך בין געקומען, איז אַרעסטירט געוואָרען איהר מאַן, קאָלאָטקעוויטש, דאָס האָט זי אָבער ניט אָפּ־געהאַלטען פון דער אַרבייט; אינערליך האָט זי שרעקליך געלי־טען, פלעגט אָבער אַלעם דורכפיהרען, ווי פריהער. דובראָווינאַ און אַלע, וועך עס האָט זי נאָר געקענט, האָבען געזאָגט, אַז איהר גומסקייט האָט גאָר קיין גרענעץ ניט.

זי איז געווען אַזוי באַשעפטיגט אַז עס איז איהר גאָרניט

געבליבען קיין צייט צו טראַכטען פון זיך, פון איהר אייגענעם אונגליק.

איך געדענק, ווי זי האָט אַמאָל געבראַכט דובראָווינאַ'ן אַ צעטעלע, איבערצוגעבען דער פרוי ס ק ר י פּ אַ ט ש אָ ו ו אַ. אַט די סקריפּאַטשאָווא איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַ זשאַנדאַר, וועלכער פלעגט געהיים איבערגעבען בריעף די איינגעשפּאַרטע אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. ווי זי האָט זיך ניט באַמיהט, צו באַהערשען איהר אויפרעגונג, איהר שטימע האָט דאָך אָבער געקלונגען מיט אַזאַ שרעקליכען קומער, ווען זי האָט געזאָגט דובראָווינאַ'ן, אַז דאָס צעטעלע דאַרף איבערגעגעבען ווערען קאַלאַטקעוויטש'ן, וועלכער איז אויך געזעסען אין דער פעסטונג.

צום אונגליק האָט גראָד דאַן אויפגעהערט דער פאַרקעהר מיט דער פעסטונג, און דאָס צעטעלע האָט שוין ניט געקענט אָנקומען.

העסיע העלפמאַן פלעגט זעהר אָפט קומען צו דובראָווינאַ'ן. און אַלע, אפילו די אַלטע באַבע, האָבען זי דאָרט ליעב געהאַט, ווי אַן אייגענע. זי איז געווען זעהר אַ שעמעדיגע. קיינמאָל האָט זי דאָרט ניט געגעסען; זעלטען ווען זי פלעגט אויסטרינקען אַ גלאָז טהע. און איך בין זיכער, אַז ניט איינמאָל איז זי געקומען הונגעריג צו אונז; וואָרים צייטענווייז איז זי געווען אַזוי פאַרוואָרפען מיט אַרבייט, האָט אַזוי פיעל געהאַט אַרומצולויפען, אַז זי האָט קיין צייט ניט געהאַט אַריינלויפען אַהיים איבערכאַפּען עפּעס.

איך בין אויסגעווען אין אַ סך הייזער אין פּעטערבורג; וואָרים איך האָב זעהר אָפט געדאַרפט זוכען אַ פּלאַץ וואו צו נעכטיגען, ווייל איך האָב קיין פּאַס ניט געהאַט, און אָהן אַ פּאַס האָב איך אויף איין אָרט לאַנג ניט געקענט בלייבען. וואוהין איך בין נור געקומען, האָט מען העסיע'ן געקענט; אומעטום האָט מען זי געשעצט, געליעבט. וואוהין זי זאָל ניט קומען, איז זי געווען אַ טייערער גאַסט, ווייל זי האָט שטענדיג געוואוסט פון אַלע נייעסען אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט; און דאָס אינטערעסירט דאָך יעדען, באַזונדערס די יוגענד. איהרע קעשענעס און די גרויסע

לערערנע טאַש, וועלכע זי האָט שטענדיג געטראָגען מיט זיך, זיי־נען אימער געווען אָנגעפּילט מיט פּראָקלאַמאַציעס פון'ם איספּאָני־טעלני קאָמיטעט, מיט נומערען פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", מיט בילעטען אויף באַלען, קאָנצערטען, ספּעקטאַקלען, לאָטערייען — צום בענעפיט פון די פארשיקטע, איינגעשפּאַרטע אָדער פאַר דער אונטערערדישער ליטעראַטור. זי האָט אַלעמען געקענט, און אַלע האָבען זי געקענט. ווּעמען איהר זאָלט ניט דאַרפען זעהן, אַפילו די פאַרשטעהער פון'ם איספּאָלניטעלני קאָמיטעט, האָט איהר נאָר געדאַרפט זאָגען העסיע'ן, און איהר האָט געמעגט זיין זיכער, אַז זי וועט עס שוין אַראַנזשירען.

זי האָט עס מיר איבערגעגעבען, אַז סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, וועלכע איך האָב נאָך געקענט פון פריהער, וויל זיך מיט מיר זעהן. זי האָט געוואָלט קומען צו מיר, נאָר זי איז קראַנק געוואָרען, און דאָס האָט איהר געשטערט.

.3

מיט פּעראָווסקאַיאַ'ן האָב איך זיך געטראָפען ביי מיינעם אַן אַלטען פריינד אַ ל ע נ י ן, אַ טשינאָווניק אין אַ דעפּאַרטמענט. עס איז שוין געווען שפּעט ביי נאַכט, ווען זי איז אַריינגעקומען. זי איז געווען בלייך ווי די וואַנט, האָט קוים געשלעפּט די פיס און ווי זי איז נאָר אַריין, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער זאָפאַ; זי האָט אַפילו קיין כח ניט געהאַט צו זיצען. זי איז געקומען צו אַלענינ'ן נאָכ'ן מאַנאַטליכען ביי׳טראַג, וועלכען ער פלעגט צונויפ־מאַכען צווישען זיינע קאַמעראַדען. אין גאַנצען איז עס געווען הונ־דערט רובעל אַ מאָנאַט. צום אונגליק האָט איהם נאָך קיינער קיין געלט ניט געגעבען, און ער איז ניט געווען אַזוי רייך, ער זאָל קענען אויסלייגען זיין אייגען געלט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נאָר אַ גרויסע נויט האָט זי געקענט צווינגען צו קומען נאָך געלט אין אַזאַ קראַנקען צושטאַנד, ווי זי איז געווען, עלף אַזייגער ביינאַכט. דערפאַר האָב איך איהר פאַר־

געלעגט, אַז איך קען איהר ליהען אויף צוויי טעג הונדערט רובעל. פרעמד געלד, וואָס איך האָב גראָד געהאַט מיט מיר.

פעראָווסקאַיאַ האָט זיי אָבער ניט געוואָלט נעמען, ווייל זי האָט ניט געוואוסט אויף זיכער, אַז זי וועט זיי קענען אָפּגעבען אין אַזאַ קורצער צייט. דערווייל האָט זי אונז דערצעהלט, אַז זי איז געבליבען אָהן אַ גראָשען, וואָרים נאָך איהר האָט זיך געיאָגט אַ שפּיאָן, און זי האָט געמוזט עטליכע מאָל בייטען איזוואָשטשי־קעס. זי איז נאָך ניט געווען זיכער, אַז דער שפּיאָן האָט זי פאַר־לאָרען, און די פּאָליציי האָט געקענט יעדען מאָמענט קומען צו אַלע־ניין נאָך איהר.

מיר האָבען אויסגעשאָטען אונזער גאַנץ קליינגעלט אין איהר בייטעלע.

אַלעניין האָט אפילו קיין מורא ניט געהאַט; ער איז שוין געווען אָנגעלערענט, און זיין דירה איז געווען פאָלקאָם „ריין“; איך האָב אָבער גראָד געהאַט אין קעשענע עטליכע עקזעמפּלאַרען פון דעם לעצטען נומער פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. איך האָב זיי געוואָלט אריינוואַרפען אין אויוועז, פעראָווסקאַיאַ האָט עס אָבער ניט דערלאָזט און האָט זיי גענומען צו זיך. „אויב מען וועט מיך אַרעסטירען“, האָט זי געזאָגט, „וועט קיין גרויסער אונטערשיד ניט זיין מיט דעם אָדער אָהן דעם“.

זי איז אַרויסגעגאַנגען אין איילעניש און שוין אין דער טיר האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי וואָלט זיך זעהר וועלען נאָך אַ מאָל זעהן מיט מיר, אויב זי וועט „לעבען“.

מיר האָבען באַשטימט דעם פּלאַץ און די צייט. זי איז אָבער ניט געקומען און איך האָב מיך זעהר געשראָקען: מיר איז באַלד אריין דער געדאַנק, אַז זי איז אַרעסטירט.

אויף מאָרגען האָט זי מיך באַרוהיגט. זי האָט מיר געשיקט זאָגען, אַז זי „לעבט“, נאָר זי האָט ניט געקענט קומען, ווייל זי איז שטאַרק קראַנק.

דאָס אַלעס איז געשעהן מיט אַ צוויי־דריי טעג פאַר דעם 1טען (דרייצעהנטען) מערץ. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז

מיט אַ טאָג פריהער, איידער מיר האָבען זיך געזעהן ביי אַלעניג'ן, איז אַרעסטירט געוואָרען זשעליאַבאָוו...

דעם ערשטען מערץ — דאָס איז געוועזען אַ זונטאָג — אין דער פריה, בין איך אַוועקגעפאָהרען צו מיינער אַ פריינדין אין גאַטשינאַ, וועלכע איז דאַן געוועזען אַ שטיל שטעדטעל, ניט דאָס וואָס איצט.

די ערשטע נאַכריכטען איבער די פּעטערבורגער געשעהעני־שען האָבען מיר ערפאָהרען מאָנטאָג אין דער פריה פון דער דיענסט. אַזייגער איינס נאָכמיטאָג איז צו אונז געקומען דער גלח און האָט דערצעהלט, אַז די מוזשיקעס, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון פּע־טערבורג, האָבען אויך עפּעס געהערט פון דעם. קיין אָפיציעלע באַשטעטיגונגען זיינען אָבער נאָך ניט געווען. ערשט פאַרנאַכט איז געקומען נאַדיאַ'ס שוועסטער און האָט געבראַכט אַ גאַנ־צען פּאַק ציטונגען.

וואָס מיר האָבען דאַן געפיהלט, איז ניט צו באַשרייבען. נאַדיאַ איז זאָגאַר קראַנק געוואָרען.

איצט האָבען זיך אָנגעהויבען שרעקליכע טעג, טעג פון מאַר־טערענדען צווייפעל, פון שרעקליכער מורא. דער צושטאַנד לאָזט זיך גאָרניט באַשרייבען. ס'האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך איבערגעקעהרט. יעדער נומער פון די ציטונגען פלעגט ברענגען נאַכריכטען, אַז די פּאָליציי געפינט אויס יעדען טאָג עפּעס נייעס, און די רעגירונג פיהרט איין נייע שטרענגקייטען. מיר האָבען זיך אויך דערוואוסט פון דעם שרעקליכען פאַל אויף דער טעלעזשניע גאַס, וועגען דעם זעלבסטמאָרד פונ'ם אונבאַקאַנטען מענשען. וועגען אַרעסטען איז שוין גאָרניט געווען וואָס צו ריי־דען. יעדען טאָג האָט מען געהערט פון נייע אַרעסטען, איינצעלנע פּערזאָנען און אויך גאַנצע מאַסען.

ווי אַזוי לאָזט מען זיך אַריין אין דעם גיהנום? ווי אַזוי קען מען אָבער בלייבען זיצען אין אַזאַ צייט אין גאַטשינאַ?

איך האָב ענדליך ניט אויסגעהאַלטען, און דאָנערשטאָג בין איך אַוועקגעפאָהרען קיין פּעטערבורג.

זעהר אַ שווערען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די שטאָדט. זי איז אין גאַנצען געווען אין טרויער. די הייזער, די באַלקאָנען, די פענסטער, די לאַמטערנעס אויף די גאַסען — אַלעס איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצען און ווייסען.

איך האָב זיך גלייך געלאָזט צו דובראָווינאַ'ן.

די גאַנצע פאַמיליע, אויסער דובראָווינאַ'ס אינגערע שוועסטער, איז געווען אין דער היים. אויף אַלע פּנים'ער איז געלעגען אַ אונאויסדריקליכער שרעק. ווען זיי האָבען מיך דערזעהן, זיינען זיי גאַר געוואָרען טויט.

— וואָס פאַר אַ רוח האָט אייך געבראַכט! — האָט אויסגע־שריען דובראָווינאַ. — פאַר וואָס זייט איהר ניט געבליבען אין גאַטשינאַ? וואָס זייט איהר געקומען אַהער? איהר ווייסט דען ניט, אַז מען קוקט מיר נאָך, מען שפּירט מיר נאָך? וואוהין זאָל איך אייך איצט אַהין טאָן?

דאָס אַלעס האָט זי אויסגערעדט גיך, אין אַן אויפרעגונג, ארומלויפענדיג אַהין און צוריק איבער'ן צימער.

— פאַר וואָס בין איך' ניט געבליבען אין גאַטשינאַ? פאַר וואָס בין איך געקומען אַהער? — האָב איך זיך אַליין געטראַכט. און האָב קיין תירוץ ניט געפונען.

אין אַ פּאָר טעג ארום איז מיין פריינדין בעסער געוואָרען, און אין די דריי וואָכען, וועלכע איך בין נאָך געבליבען אין פּעט־ערבורג, האָב איך ווייטער עפּעטערס ביי איהר גענעכטיגט ווי פריהער. דעם ערשטען טאָג אָבער איז זי געווען אונבארעמהערציג. זי איז ארומגעגאַנגען בייז, און גראָד אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט געוואָלט אויסלאָזען אויף מיר איהר גאַנצען כעס, איז אין צימער אריינגעקומען אַ פרעמדע פרוי, גאַנץ אַנשטענדיג אָנגעטאָן און האָט געזאָגט דובראָווינאַ'ן, אַז זי האָט איהר עפּעס מיטצו־טיילען, אָבער אונטער פיער אויגען.

דובראָווינאַ איז מיט דער פרעמדער ארויסגעגאַנגען. אין צי־מער איז מיט אַמאָל געוואָרען טויט־שטיל. אַלע זיינען געוואָרען זעהר אומרוהיג, וואָרים די אינגערע שוועסטער דובראָווינאַ'ס אין

נאָך אין דער פריה אוועקגעגאַנגען און ביז איצט ניט צוריקגעקומען. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זי איז, און אַלעמען איז איינגעפאַלען, אַז מיט איהר האָט עפּעס געטראָפען.

דאָס צוריקקומען פון דובראַווינאַ האָט אָבער באַלד פאַרטריבען אונזער צווייפעל. זי האָט מיך אָפּגערופען אַז אַ זייט און האָט מיר געזאָגט, אַז די פרוי איז געקומען צו מיר פון סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ.

איך בין אונטערגעשפּרונגען פון גרויס פרייד. סאָניאַ „לעבט“ אַלזאָ, און קלייבט זיך ווארשיינליך נאָך אויסלאַנד. זי האָט געוואוסט, אַז אַריבערפיהרען די גרענעץ איז מיין ספּעציאַליטעט, און איך בין געווען זיכער, אַז צוליעב דעם רופט זי מיך.

מיט אַזעלכע פרעהליכע געדאַנקען בין איך אַריינגעגאַנגען אין דעם צימער, וואו פּעראָווסקאַיאַ האָט מיך ערוואַרטעט.

איך האָב גלייך אָנגעהויבען פון דעם, ווי עס פרעהט מיך זעהר, וואָס זי האָט ענדליך באַשלאָסען צו פאָהרען נאָך אויסלאַנד.

זי האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, גלייך ווי איך וואָלט געזאָגט די גרעסטע נאַרישקייט, דעם גרעסטען אונזין.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט. דאָך האָב איך זי אָנגעהויבען בעטען, זי זאָל פאַרלאָזען פּעטערבורג, וואו מען האָט זי אַזוי שטאַרק געזוכט. איך האָב נאָך דאַן גאָרניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ראָלע זי האָט געשפּילט אין דער אונטערנעמונג פון׳ם ערשטען מערץ; אָבער וועגען איהר אַנטייל אין דעם מאָסקווער אַטענטאַט האָט שוין גאַלדענבערג דערצעהלט. אַלע צייטונגען האָבען שוין געוועזט דערפון, און דאָס איז שוין גענוג, אום צו פאַרלאָזען פּעטערבורג אין אַזאַ צייט.

זי האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט טאָן.

— מען קען איצט ניט אוועקגעהן אין אַזאַ וויכטיגען מאָמענט. דאָ איז דאָ אַזוי פיעל אַרבייט; מען דאַרף זעהן אַזוי פיעל מענשען.

זי איז געווען אין אַזאַ ענטוזיאַזם פון דעם מעכטיגען זיעג פון דער פּאַרטיי, האָט אַזוי געגלויבט אין דער צוקונפט!

זי האָט געזוכט, ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון מיינע ביטעס, און כדי צו מאַכען אַ סוף צו זיי, האָט זי מיר ערקלערט, וועגען וואָס זי האָט מיך גערופען.

זי האָט זעהר געוואָלט וויסען, ווי שטעהט עס מיט די קייזער־מערדער, ווי האַלט עס מיט'ן פּראָצעס, און דערפאַר האָט זי גע־שיקט נאָך מיר, ווייל איך האָב איהר געקענט ניצליך זיין. מיט עטליכע יאָהר פריהער האָב איך זיך צופעליג באַקאַנט מיט אַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן, וועלכע האָט געהאַט אַן אַמט אין דער הויכער פּאָליציי. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די רעוואָ־לוציאָנערען, קיינער פון זיי האָט איהם ניט געקענט אויסער מיר. פּעראָווסקאַיאַ האָט געוואוסט, אַז ער קען געבען ריכטיגע אויס־קינפטע איבער'ן פּראָצעס. פאַר איהר איז דאָס געווען זעהר וויכ־טיג. דער מענש, וועלכען זי האָט געליעבט, איז געווען צווישען די באַשולדיגטע. ער האָט געהאַט אויף זיך אַ גוטען פּעקעל, אָבער צופעליג האָט ער קיין דירעקטען אַנטייל ניט גענומען דעם ערשטען מערץ, און זי האָט געהאָפט.

איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך וועל געהן ניט נאָר צו מיין „גענעראַל" (אַזוי האָבען מיר גערופען אַט דעם באַקאַנטען מיינעם), נאָר אפילו צו מיין „זשאַנדאַר", מיט וועלכען איך בין מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער געשטאַנען אין פאַרבינדונג וועגען דער קאָרעספּאָנ־דענץ מיט די געפאַנגענע. דאָס האָט פּעראָווסקאַיאַ ניט געוואָלט, ווייל דער זשאַנדאַר האָט זיך שוין אינגאַנצען ענטזאָגט, האָט שוין ניט געהאַט קיין פּערהעלטניסען מיט די רעוואָלוציאָנערען, און זי האָט געדענקט, אַז ער וועט מיך זיכער איבערגעבען דער פּאָליציי, אָדער אויב ער וועט מורא האָבען, איך זאָל אויך עפּעס ניט אויס־זאָגען פון'ם חדר, וועט ער וועניגסטענס אַרויסלאָזען אויף מיר אַ גאַנצע מחנה פון שפּיאָנען. יעדענפאַלס, וועט ער גאָרניט זאָגען און אפשר ווייסט ער אַליין אויך גאָרנישט. פאַר'ן „גענעראַל" אָבער איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבען; אויסער דעם וואָס

ער האָט זעהר סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערען, איז ער נים געווען פעהיג צו באַגעהן אַ נידערטרעכטיגקייט.

פּעראָווסקאַיאַ האָט געוואָלט האָבען פון מיר אַן ענטפער גי־כער, זי האָט אָבער פריהער ניט געקענט באַשטימען, ווי מאָרגען זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. מיך האָט עס געוואונדערט, וואָס זי לעגט אָפּ אַזוי לאַנג, האָט זי מיר אויסגערעכענט איהר צייט; אויף מאָרגען האָט זי געהאַט ז י ב ע ן ערטער, וואוהין זי האָט געדאַרפט געהן זעהן זיך מיט פאַרשידענע גענאָסען, און יעדער פּלאַץ איז געווען אין אַן אַנדער עק פון דער שטאָט.

ווען מיר האָבען געענדיגט אונזער געשפּרעך, האָט פּעראָווס־קאַיאַ געשיקט איינעם אין דעם אַדרעסען־קאָנטאָר, צו קריגען דעם אַדרעס פון מיין „גענעראַל“.

איך האָב אָבער אויף דער נאַכט נאָך ניט געהאַט קיין פּלאַץ, וואו צו שלאָפען, און האָב געבעטען פּעראָווסקאַיאַ׳ן, זי זאָל עס מיר פאַרזאָרגען. זי האָט באַלד געשיקט אַ פריינדין פון דער בעל־הבית׳טע פון דעם הויז, וואו מיר האָבען זיך געזעהן, אויפזוכען פאַר מיר אַ נאַכטלעגער.

מיר זיינען ווייטער געבליבען אַליין, און איך האָב ווייטער אָנגעהויבען איהר איינריידען, זי זאָל פאָהרען קיין אויסלאַנד. איך האָב איהר פאָרגעלעגט, מיר זאָלען צוזאַמען אוועקפאָהרען ערגעץ אין אַ קליין שטעדטעל ביי דער גרענעץ, כאָטש אויף אַ צוויי־דריי וואָכען, אויב זי וויל ניט פאַרלאָזען רוסלאַנד אויף לאַנג. זי האָט אָבער פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערען. ענדליך האָט זי גאָר איבערגעביטען דעם געשפּרעך. זי האָט מיר דערצעהלט, ווער איז געווען דער, וואָס איז דער׳הרג׳עט געוואָרען פון דער באָמבע, וועל־כע מען האָט געוואָרפען צו דעם קייזער׳ס פיס. זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז דער, וואָס האָט זיך דערשאָסען אויף דער טעלעזשני גאַס, איז געווען נ י ק אָ ל אַ י ס אַ ב ל י ן, וועלכען איך האָב אַמאָל געקענט. אַ פּראָסט איז מיר איבערגעגאַנגען איבער׳ן גאַנ־צען לייב, ווען איך האָב דאָס דערהערט.

ווען דאָס מיידעל, וועלכע איז געגאַנגען זוכען פאַר מיר אַ

נאַכמלעגער, איז צוריקגעקומען, בין איך אוועקגעגאַנגען. פּעראַווס־קאיאַ האָט מיר געוואָלט געבען געלט (פולע קעשענעס מיט געלט האָט זי דאַן געהאַט) איך זאָל זיך קויפען אַ קלייד, איידער איך וועל געהן צום „גענעראַל“. איך האָב עס אָבער ניט געדאַרפט, ווייל איך האָב געהאַט גאַנץ אַנשטענדיגע קליידער.

אוייף מאָרגען בין איך אַוועקגעגאַנגען צום „גענעראַל“. ער האָט מיך אַזוי גוט אויפגענומען, אַז איך האָב עס גאַרניט ערוואַר־טעט, און האָט מיר געגעבען פּינקטליכע אויסקינפטע איבער דעם פּראָצעס. ווי טרויעריג זיינען זיי אָבער געווען אָט די אויסקינפ־טע! דער אורטייל פון אַלע באַשולדיגטע און אויך פון זשעליאַ־באָוו'ן איז שוין פון פריהער געווען באַשטימט! דער פּראָצעס האָט נאָר געזאָלט זיין פאַר דאָס פּובליקום, פאַר דער וועלט.

אָט מיט די אויסקינפטע בין איך געקומען אויפ'ן באַשטימטען פּלאַץ זעקס אזייגער פאַרנאַכט. פּעראָווסקאיאַ איז ערשט געקור־מען אום ניין. איך האָב פריי אויפגעאָטעמט, ווען איך האָב זי דערזעהן. מיר זיינען ביידע געווען שרעקליך אויפגערעגט און האָ־בען ביידע שלעכט אויסגעזעהן: איך איבער די נייעס, וועלכע איך האָב איהר געבראַכט, און איבער איהר שפּעטען קומען, און זי, ווייל זי איז געווען שרעקליך מיעד; אַזוי האָט זי געזאָגט; ווער ווייס? אפשר איז נאָך געווען אַן אַנדער אורזאַכע דערביי.

מען האָט אונז אריינגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר, און מיר זיי־נען געבליבען אַליין.

איך האָב איהר דערצעהלט אַלעס, וואָס איך האָב געקראָגען צו וויסען פונ'ם גענעראַל. כדי איך זאָל ניט זעהן איהר געזיכט, האָב איך אַ לאַנגע צייט די אויגען געהאַלטען אַראָפּגעלאָזט. ווען איך האָב זיי אויפגעהויבען, האָב איך דערזעהן, ווי זי ציטערט מיט אַלע אבּרים. זי האָט מיר אָנגעכאַפּט ביי די הענט, האָט אָנגעהויבען אַראָפּלאָזען דעם קאָפּ אַלץ נידעריגער, נידעריגער, און האָט איהם ענדליך איינגעטוליעט אין מיינע קניע. אַזוי איז זי געלעגען אַ פּאָר מינוט. זי האָט ניט געוויינט, נאָר געהאַלטען אין איין ציטערן. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זיך געזעצט, האָט

אנגעווענדעט אַלע קרעפטען זיך צו באַרוהיגען אַמיסעל; עס איז אַבער געווען אונמעגליך פאַר איהר. מיט אַ קראַמפּפהאַפטיגע ציטערניש האָט זי מיך ווייטער אָנגעכאַפּט ביי די הענט און האָט זיי אַזוי שטאַרק געדריקט, אַז איך האָב געפיהלט שמערצען פון דעם.

איך האָב איהר פאַרגעלעגט, אַז איך וועל פאָהרען קיין אָדעס, כ'וועל זיך זעהן מיט זשעליאַבאָוו'ס נאָהענטע קרובים און וועל אפשר פועל'ן, אַז איינער זאָל קומען. זי האָט אַבער געענטפערט, אַז זי ווייסט ניט זייער ריכטיגען אַדרעס, און דאָן איז שוין צו שפּעט; צום פּראָצעס וועלען זיי שוין ניט אוספּייען צו קומען.

ווען איך האָב איהר דערצעהלט, אַז דער „גענעראַל" וואונדערט זיך, פאַרוואָס זשעליאַבאָוו האָט זיך אַליין ערקלערט, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פונ'ם אַטענטאַט, האָט זי דערויף געענטפערט:

— אַנדערש האָט ער אויך ניט געקענט האַנדלען; אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. דער פּראָצעס געגען איין ריסאַקאָוו'ן וואָלט ניט געהאַט קיין ווירקונג, קיין ווערט.

איך האָב איהר אויך דערצעהלט, אַז זשעליאַבאָוו האַלט זיך שטאָלץ און מונטער. איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, און די באַקען האָבען געקראָגען זייער געוועהנליכע פאַרב. מען האָט באַמערקט, אַז דאָס האָט איהר אַ גרויס פאַרגניגען פאַרשאַפט.

דער „גענעראַל" האָט מיר אויך געזאָגט אַז אַלע ווייסען, וואָס זיי ערוואַרטעט, און האָבען אויסגעהערט די נאַכריכט פון זייער נאָהענטען טויט רוהיג און קאַלטבלוטיג.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן ווען זי האָט דאָס אויסגעהערט. זי האָט שרעקליך געליטען. זי האָט זיך געמוזט איינהאַלטען, די טרערען זאָלען ניט אַרויספלאַצען פון איהרע אויגען.

אין שטאָדט איז דערווייל אַרוים אַ קלאַנג, אַז ריסאַקאָוו האָט אָנגעהויבען אויסגעבען. דער גענעראַל האָט עס אָפּגעלייקענט. אַזוי ווי איך האָב זי געוואָלט דורך וואָס עס ניט איז באַרוהיגען, האָב איך איהר געזאָגט, אַז עס איז מעגליך, אַז דער „גענעראַל"

ווייסט אַליין פון גאָרניט, והא ראיה, אַז די גאַנצע שטאָדט רעדט אַזוי, און ער לייקענט עס אָפּ. זי האָט אָבער מיר געענטפערט:

— ניין, איך בין זיכער, אַז עס איז אַלעס אַזוי, ווי אייער „גע־נעראַל" האָט אייך געזאָגט; אויך דאָ האָט ער רעכט. איך קען ריסאַקאָוו'ן און בין זיכער, אַז ער וועט גאָרניט זאָגן. מיכאַילאָוו אויך דאָסזעלבע.

מיר זיינען געזעסען ביז האַלבע נאַכט. זי האָט געוואָלט פריי־הער אַוועקגעהן; זי איז אָבער געוועזן אַזוי מיעד, אַז איך האָב זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען. דאָס מאָל האָט זי גערעדט ווייניג, קורץ, אָפּגעהאַקט.

מיר האָבען אָפּגערעדט, אַז מאָרגען זאָלען מיר זיך ווייטער צונויפקומען אויפ'ן זעלבען פּלאַץ, צווישען צוויי און דריי אַזייגער. איך בין געקומען האַלב דריי, און האָב זי שוין ניט געטראָ־פען. זי איז געוועזן פריהער, האָט אָבער ניט געקענט וואַרטען אויף מיר, ווייל זי האָט קיין צייט ניט געהאַט.

אין צוויי טעג אַרום איז זי אַרעסטירט געוואָרען.

4.

פאַר מיר האָבען זיך אָנגעהויבען שווערע טעג. מיין לאַגע — אי אַ „לעגאַלע", אי אַן „אונלעגאַלע" — האָט מיר פאַרשאַפט זעהר פיעל צרות. קיין פאַלשען פּאַס האָב איך ניט געוואָלט נעמען, ווייל איך האָב דאָך אין דער באַוועגונג קיין אַנטייל ניט גענומען, און אָהן אַ פּאַס קען מען לאַנג אויף איין דירה ניט זיצען. כמעט יעדע נאַכט האָב איך געמוזט זוכען אַן אַנדער פּלאַץ, און דאָס איז געוועזן זעהר שווער. די טעראָריסטען האָבען פאַר מיר גאָרניט גע־קענט טאָן אין דער הינזיכט; זיי זיינען געוועזן באַשעפטיגט מיט זיך, זיי האָבען אַליין געדאַרפט זוכען וואוינונגען. איך האָב געמוזט אַליין זאָרגען פאַר זיך. וואוהין געהט מען אָבער, צו וועמען ווענדעט מען זיך? מיינע פּערזענליכע פריינד, וועלכע וואָלטען יא געקענט עפּעס טאָן פאַר מיר, זיינען אַלע געוועזן, אַזוי ווי דובראַ־

ווינאַ, „אין פאַרדאַכט", און איך האָב זעהר זעלטען געקענט זיי באַזוכען.

איך האָב געמוזט אָנקומען צו פרעמדע. דאָס האָט מיר אָבער געגעבען די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט די צווישען־קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. מיט צוויי קאַטעגאָריען האָב איך געהאַט צו טאָן: איינע, וועלכע נעמט גאָר קיין אַנטייל ניט אין דער פּאָליטיק, טראַכט נאָר פון זיך, זאָרגט זיך נאָר פאַר'ן אייגענעם פעלצעל; און די צווייטע, צו וועלכער עס געהערט אויך אַ גרויסער טייל סטודענטען, איז די, וועלכע פיהלט מיט, סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציע, אָבער איז נאָך ניט צוגעשטאַנען צו קיין אָרגאַניזאַציע.

וועגען די ערשטע איז ניטאָ פיעל וואָס צו ריידען, און עס איז אויך ניט אינטערעסאַנט. איינס האָב איך נאָר באַמערקט: אין רוסלאַנד ציטערט אַם מייסטען דער, ווער עס האָט גאָר קיין אורזאַכען ניט מורא צו האָבען *).

*) דאָס איז זעהר ריכטיג. איך דערמאָן זיך אָן אַ פּאַל, וועלכער באַשטעטיגט אָט די מיינונג.

איינעם, אַ געוויסען פ—וו, אַ רייכער מאַן, פון דער אַריסטאָקראַטיע, איז איינגעפאַלען בייצושטייערען פאַר דער פּאַרטיי אַ געוויסע סומע געלט. ער האָט אָבער קיינעם ניט געטרויט, און האָט עס ניט געוואָלט טאָן דורך אַ דריטע פּערזאָן, נאָר דוקא אליין איבערגעבען דאָס געלט איינעם פון די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. אַ לאַנגע צייט האָט ער אַלץ מורא געהאַט צו ענטדעקען אימיצען דעם סוד, ענדליך האָט ער זיך געמאַכט קוראזש און האָט עס דערצעהלט איינעם מיט'ן נאָמען נ. דער דאָזיגער האָט איהם צוגעזאָגט, אַז ער קען די זאַך אַראַנזשירען. ער קען איהם צונויפפיהרען מיט מיר. נ. איז געווען זעהר באַפריינדעט מיט מיר. די סומע איז געווען ניט אַזוי גרויס, אין גאַנצען פינף הונדערט רובעל; אָבער אַוועקמאַכען עס מיט דער האַנט האָט מען ניט געקענט. אין באַשטימטען טאָג און אין דער באַשטימטער שעה בין איך מיט נ. אַוועקגעגאַנגען צו פ—וו'ן. אויס פאָרזיכטיגקייט האָט ער

איך וויל נאָר ברענגען איין פאַקט.

צופעליג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַן אַלטע פריינדין מיי־
נע, עמיליא ......, מיט וועלכער מיר האָבען זיך אַמאָל אויפ־
געהאַלטען ווי אייגענע שוועסטער, איז געקומען קיין פּעטערבורג.
עס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט זעהן מיט איהר. אַזוי ווי זי איז
אָבער ערשט אָנגעקומען, האָב איך איהר אַדרעס ניט געקענט גע־

אָוועקגעשיקט דעם דוואָרניק און דעם דינער. זיין פאַמיליע איז גע־
ווען אין אויסלאַנד אין די בעדער, און ער איז געווען אין גאַנצען
הויז איינער אַליין. באַלד ווי מיר האָבען אָנגעקלונגען, איז ער אַראָפּ־
געקומען מיט אַ ליכט אין דער האַנט (עס איז שוין געווען אָבענד);
ווי ער האָט אָבער אונז דערזעהן, האָט ער שוין פאַרלאָשען דאָס ליכט —
פאָרזיכטיגקייט. אין דער פינסטער האָבען מיר געמוזט אַרויפקלעטע־
רען די טרעפּ. ער האָט אונז אַריינגעפיהרט אין אַ ווייטען, גאָר אָפּ־
געזונדערטען צימער און דאָ האָט ער ערשט ווייטער אָנגעצונדען פייער.
דאַן האָט מען אָנגעהויבען צו ריידען. דאָס געשפּרעך איז געווען זעהר
קאָמיש. ער האָט זיך גלייך צו מיר ניט געווענדעט, און פלעגט נאָר
ווידערהאָלען: „געדענקט־זשע, איך האָב קיינעם ניט געזעהן; אויס־
סער נ. איז קיינער ניט געווען ביי מיר אין שטוב“. און אַזוי האָט
ער כסדר גערעדט, אַלץ צו איהם, גלייך ווי איך וואָלט גאָר ניט געווען
אין צימער. ענדליך איז מען אַרויפגעקומען אויף דאָס געלט. דאָ האָט
פּ—וו געשטעלט אַ פאָדערונג, וועלכע האָט מיך ערשטוינט. ער האָט
געפאָדערט פון מיר (נאַטירליך, שטענדיג ריידענדיג אין דער דריטער
פערזאָן), אַז איך זאָל איהם געבען אַ וועקסעל אויף דער סומע, וועלכע
איך נעהם ביי איהם; ניט אונטער מיין אייגענעם נאָמען, אָבער אַבי
אונטערשרייבען. „איך בין גרייט צו ערפילען די ביטע פונ'ם עהרוויר־
דיגען העהר פּ—וו“, האָב איך געזאָגט צו נ., „נאָר פיליכט וואָלט ער
מיר געקענט ערקלערען די אורזאַך דערפון? איך קען עס בשום אופן
ניט פאַרשטעהן.“ דאַן האָט פּ—וו ערקלערט נ., אַז די אורזאַך איז די
פאָלגענדע: די פּאָליציי קען דערשמעקען פון זיין טאַט, און אום זיך
צו איבערצייגען, קען זי קומען צו איהם אין קאָנטאָר איבערקוקען די

פינען אין אדרעסען־קאנטאר, און איך האב זיך געווענדעט צו פראפעסאר ב א י ק א, אונזערער א לאנדסמאן און א פריינד פון אונזער פאמיליע. א האלבען טאג בין איך מיט איהם ארומגע־לאפען און געזוכט; די גאנצע צייט בין איך געווען אין שרעק־ליכער אויפרעגונג; מיר האט זיך געוואלט וואס גיכער זעהן מיין פריינדין. באיקא האט מיך גראטען, איך זאל גארניט געהן, ווארים

ביכער. אין דער קאסע וועלען פעהלען פינף הונדערט רובעל, וועלכע וועלען אין ערגעץ ניט זיין פארשריבען. ווען ער וועט אבער האבען א וועקסעל, דאן איז אלעס פארענטפערט. אט דער ענטפער האט מיך בא־פרידיגט. נ. האט איהם אבער אן עצה געגעבען, אז ער זאל פון מיר קיין אונטערשריפט ניט נעמען, ווארים מיין האנדשריפט קען זיין באקאנט אין דער פאליציי; אנשטאט מיר, וועט ער זיך אונטערשריי־בען. ווי אזוי זיי האבען דערנאך געענדיגט, ווייס איך ניט. ווען אלעס איז שוין געווען פארטיג, האט זיך פ—וו אויף אזוי פיעל צו־ברית'ט, אז ער האט זיך שוין געווענדעט גלייך צו מיר אין דער צווייטער פערזאן. צווישען אנדערעס דערמאן איך זיך, ווי ער האט געזאגט, אז ער גלויבט ניט, אז אין רוסלאנד זאל זיין א רעוואלוציאן. „די רוסען זיינען פיגלינגע“, האט ער געזאגט, און כדי עס בעסער צו ערקלערען, האט ער צוגעלעגט: „איך ווייס עס גוט, ווייל איך בין אליין א רוס“. פון די רעוואלוציאנערען אבער, פון זייער טאפפערקייט איז ער געווען ענטציקט, און דערפאר האט ער „נאך פיעל נאכדענקען“ באשטימט אויך מיט א קלייניגקייט בייצושטעהן דער זאך. ער האט מיר אויך דערצעהלט, אז צייטענווייז פאלען צו איהם אריין אונזערע פראקלאמאציעס; ער האט זיי אבער נאר געהאלטען אין אפטריט, און פלעגט יעדעס מאל לייענען ניט מעהר ווי איין זייטעל, כדי „די דיענער זאלען עפעס קיין פארדאכט ניט האבען“, וואס ער זיצט אזוי לאנג. ער פלעגט זיי האלטען צוגעבונדען אויף גאר א דינעם פאדעם און האט עס אזוי באווארענט, אז ווען איינער זאל אונפארזיכטיג עפע־נען דאס דעקעל, וואלט זיך דער פאדעם באלד איבערגעריסען און די גאנצע געפערליכע קאלעקציע וואלט אריינגעפאלען אין אזא פלאץ, וואו־

עמיליאַ האָט אודאי געקראָגען צו וויסען, אַז איך בין אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד, און מיין וויזיט וועט איהר גאָרניט זיין אַנגענעם, ער וועט איהר נאָך אפשר דערשרעקען. איך בין אָבער געווען אַזוי זיכער אין מיין פריינדין, אַז זיינע ווערטער האָבען אויף מיר קיין ווירקונג ניט געמאַכט; זיי זיינען מיר אין איין אויער אַריין, פונ׳ם אַנדערען אַרויס.

באַלד, ווי מיר האָבען אויסגעפונען דעם אַדרעס, בין איך מיט באַיקאַ׳ן אַוועקגעפאָהרען אַהין.

האַסטיג בין איך אַריינגעלאָפען און האָב געפרעגט דעם שווייצאַר, אויב זיי זיינען אין דער היים.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט.

שנעל בין איך אַרויפגעלאָפען די טרעפּ און האָב האַסטיג אָנגעקלאַפּט.

עמיליאַ אַליין האָט אונז געעפענט.

די סצענע, וועלכע איז פאָרגעקומען, לאָזט זיך ניט באַשרייבען.

ווי זי האָט מיך דערזעהן, איז זי געוואָרען טויט־בלייך; האָט אָנגעהויבען צו ציטערען מיט׳ן גאַנצען קערפּער. איך האָב אויסגעשטרעקט די הענט, האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר, זי האָט

הין די פּאָליציי וואָלט ניט געקראָכען זוכען. „האַ, וואָס זאָגט איהר עפּעס דערצו?“ האָט ער געענדיגט. איך האָב זיך אפילו געפיהלט אָביסעל באַליידיגט, וואָס מע באַגעהט זיך אַזוי מיט אונזערע פּראָקלאַמאַציעס. דאָך האָב איך געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט געמאַכט אַ גאַנצע ערפינדונג. יאָ, איך האָב נאָך פאַרגעסען צו זאָגען, אז אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט, וואָס מיר זיינען דאָרט געזעסען, פלעגט זיך פ—וו יעדע פינף מינוט אויפכאַפּען פון זיין פּלאַץ און צולויפען צו דער טיר, אַרומקוקען זיך, טאָמער האָט זיך איינער באַהאַלטען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז אין גאַנצען הויז איז קיינער ניט געווען, אויסער אונז. און אז די גאַס־טיר איז געווען צוגעשלאָסען.

ד ע ר פ אַ ר פ אַ ס ע ר.

זיך אָבער צוריקגעצויגען, און עס האָט מיר פיעל מיה געקאָסט, ביז איך האָב זי דאָך ענדליך געכאַפּט, צוגעדריקט צו זיך און באַדעקט מיט קושען דאָס טויט־בלייכע געזיכט.

ווען מיר זיינען אריין אין גאַסטצימער, האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט פאָלגענדעס בילד: עמיליא'ס מאַן און איהר ברודער,ביידע פריינד פון מיינע קינדער־יאָהרען, — זיינען געזעסען ארום טיש און האָבען געשפּילט אין קאָרטען.

קיינער פון זיי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, קיינער האָט מיך ניט געגריסט; זיי זיינען ביידע געבליבען ווי פאַרשטיינערט.

דער שפּאַנענדער צושטאַנד האָט געדויערט עטליכע מינוט.

— אַך, זיינען אַזוי אריינגעטאָן אין שפּילען, אַז זיי קענען זיך ניט אָפּרייסען! — האָב איך ענדליך געזאָגט, כדי צו פאַרלייכטערען די אונאַנגענעמע לאַגע פון עמיליא'ן.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן. אָבער וואָס פאַר אַ שמייכעל איז עס געווען! מען האָט עס גיכער געקענט אָננעמען פאַר אַ גרימאַסע.

איך האָב זיי אָנגעהויבען צו ערקלערען, אַז איך האָב אין די לעצטע יאָהרען קיין שום אַנטייל ניט גענומען אין דער באַוועגונג; אַז איך בין כמעט אַ לעגאַלע; אַז ווען עס זאָל ניט געווען זיין דער ערשטער מערץ, וואָלט איך זיך געקענט אויסכלאַפּאָטשען אַ פּאַס. מיט איין וואָרט, אַז זיי האָבען גאָרניט וואָס מורא צו האָבען, וואָס איך קום צו זיי; ווען עס וואָלט נאָר געווען אַ שטיקעל געפאַהר, וואָלט איך אַליין ניט געקומען.

עמיליא האָט גוט געוואוסט, אַז איך בין ניט פעהיג צו זאָגען קיין ליגען, און איך האָב געהאָפט, אַז מיינע ווערטער וועלען זי באַרוהיגען. וויים איך וואָס, עס האָט זיך אפילו ניט אָנגעהויבען. מיינע ווערטער האָבען גאָר קיין ווירקונג ניט געהאַט, וואָרים מיינע פריינד זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון יענעם שרעק, איבער וועלכען די מענשען האָבען קיין מאַכט ניט, און וועלכע עס העלפען ניט קיין איבערצייגונגען.

עמיליא איז געזעסען ווי פריהער, בלייך ווי די וואַנט, און

האָט נאָר געקענט אַרויסריידען, אַז זי האָט זיך זעהר דערשראָקען ווען זי האָט מיך דערזעהן אין אַזאַ צייט.

ענדליך האָבען זיך די מענער אויפגעהויבען און האָבען מיר אָפּגעגעבען דעם „שלום עליכם“. דער פּאַרגליוועֶרטער צושטאַנד האָט אָנגעהויבען בּיסלאַכוויז צו פאַרשווינדען.

מיר זיינען דאָרט זעהר וועניג געזעסען. עמיליא האָט אונז באַגלייט ביז דער טיר און האָט כסדר ווידערהאָלט: „אַה, איך האָב זיך אַזוי דערשראָקען, אַזוי דערשראָקען.“ דאָס זיינען, דאַכט זיך, געוועזען די איינציגע ווערטער, וועלכע איך האָב געהערט פון איהר.

ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דער גאַס, האָט באַיקאַ אָנגעהויבען זיך לוסטיג מאַכען איבער מיר, מיך אויסלאַכען.

— האַ, וואָס האָב איך אייך געזאָגט? האָט זיך געלוינט צו געהן? וואָלט ניט געווען בעסער, ווען מען געהט גאָרניט?

איך האָב געענטפערט, אַז עס איז גאָרניט. עס זיינען נאַרישקייטען; אַז איך בין דאָך צופרידען, וואָס איך האָב געזעהן עמיליא'ן; אין אמת'ן אָבער איז מיר אויפ'ן הארצען געווען זעהר ניט גוט.

דערווייל האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב נאָך היינט ניט וואו צו שלאָפען. עס איז שוין געווען שפּעט, און אין אַזאַ צייט איז געווען זעהר שווער צו געפינען אַ נאַכטלעגער.

געוועהנליך פלעגט ביי מיר דער גאַנצער טאָג אַוועקגעהן אויף דעם. ווי איך פלעג נאָר אויפעפענען די אויגען, פלעג איך שוין אָנהויבען דענקען, וואו איך וועל צוברענגען די קומענדע נאַכט, און דער גאַנצער טאָג כמעט פלעגט ביי מיר אַוועקגעהן אויף זוכען. היינט אָבער האָב איך איבער עמיליא'ן גאָר פאַרגעסען אַן דעם.

— איך וועל היינט מוזען נעכטיגען אין גאַס, — האָב איך געזאָגט.

דאָס האָט באַיקאַ בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזען. נאָר וויפיעל ער האָט ניט נאָכגעדענקט, וואו קריגט מען ערגעץ פאַר

מיר אַ נאַכטלעגער, האָט ער דאָך גאָרניט געקענט אויסגעפינען.

פון זיינע באַקאַנטע איז ניט געווען וואָס צו ריידען; זיי וואָל־טען מיך אפילו אויף זייער שוועל ניט אַרויפגעלאָזט. ער אַליין האָט זיך אין דער פּאָליטיק ניט אָנגעהויבען מישען, און דער קרייז פון זיינע באַקאַנטע איז אויך באַשטאַנען פון אַזעלכע מענשען, ווי ער.

— אַט וואָס, — האָט ער ענדליך געזאָגט, — קומט צו מיר.

איך האָב איהם טאַקע געקענט פון קינדהייט אָן, און האָב איהם ליעב געהאַט, ווי אַ ברודער; דאָך איז מיר געווען זעהר אונאַנגענעם צו פאַרברענגען אַ נאַכט אין זיין קוואַרטיר, וועלכע איז אין גאַנצען באַשטאַנען פון איין צימער.

איך האָב איהם געזאָגט, אַז עס זיינען דאָ דערביי אַ סך אומ־באַקוועמליכקייטען; וואָס וועט זאָגען דער דוואָרניק, די בעל־הבית'טע, די דיענסט?

— עט, דאָס איז גאָרניט, — האָט באַיקאַ געענטפערט. — ניט די בעל־הבית'טע, ניט די דיענסט קענען עס ביז אין דער פריה ניט ערפאַרען. דאָס זיינען נאַרישקייטען.

— וואָס, דער דוואָרניק איז ביי אייך אויך נאַרישקייטען, אויך גאָרניט? ער וועט אונז טאַקע אַריינלאָזען, און וועט באַלד לויפען מעלדען אין דער פּאָליציי.

— אַט האָסטו דיר אַ נייעס! — האָט באַיקאַ אויסגעשריען. — צו וואָס וועט ער לויפען אין דער פּאָליציי? ער וועט מיינען, אַז איך האָב מיר ערגעץ גענומען...

— שטיל, — האָב איך געזאָגט מיט אַ געלעכטער, — דער דוואָרניק וועט עס ניט מיינען.

— איז נאָך בעסער. אַלזאָ, געהען מיר.

וואָס זאָל איך דאָ טאָן? האָב איך מיר געטראַכט. בלייבען אויף דער גאַס אַ גאַנצע נאַכט איז ניט נאָר אונאַנגענעם, נאָר אויך געפעהרליך. איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און האָב אָנגענומען זיין פאָרשלאַג.

פאַרביי דעם דוואָרניק זיינען מיר דורכגעגאַנגען אָהן יעדע

שטערונג. ער האט נאך העפליך אראפגענומען דאס היטעל פאר אונז. די בעל־הבית׳טע און די דיענסט זיינען שוין געשלאפען. און מיר זיינען זיך גאנץ שטיל אריין. קיינער האט אונז ניט באמערקט. ווען איך בין שוין געווען אין צימער, האב איך פריי אויפגעאטעמט, כאטש אין גאנצען האב איך זיך נאך ניט געקענט בארוהיגען. מיר האט זיך אלץ גע׳חלומ׳ט, אז דער דווארניק וועט אונז עפעס אפטאן.

— מיר זיינען נאך ניט פארטיג, — האב איך געזאגט באיקא׳ן, — דורכגעגאנגען זיינען מיר טאקע פריי, אבער דער דווארניק איז אודאי אוועקגעגאנגען רופען די פאליציי.

באיקא האט זיך אויסגעלאכט פון מיר, און כדי מיך אביסעל פרעהליכער צו מאכען, האט ער מיר דערצעהלט, ווי עס האט זיך איהם שוין געטראפען איינמאל אונגעפעהר אזא געשיכטע.

ער האט צוזאמען מיט זיינעם א קאלעגע געארבייט א שטיקעל צייט ביי זיך אין דער היים ביז שפעט אין דער נאכט, און יענער האט געמוזט עטליכע מאל ביי איהם נעכטיגען. אין א שעהנעם טאג קומט צו איהם דער הויפט־דווארניק מיט א טענה, אז ער באהאלט ביי זיך מענשען, וועלכע האבען ניט קיין פעסער.

— א, יא, — האט איהם באיקא אויף דעם געענטפערט, — און ניט נאר איינעם, נאר א גאנצען הויפען. איך וועל דיר זעהר דאנקבאר זיין, אויב דו וועסט זיי ארויסטרייבען פון מיין צימער.

דער דווארניק האט אויסגעשטעלט אויף איהם א פאר אויגען; ער האט ניט אנגעהויבען צו פארשטעהן, וואס ער מיינט דא.

באיקא האט איהם אנגעוויזען אויף א ווינקעל, וואו עס איז געלעגען א גאנצער הויפען טאראקאנעס. „נא, זעהסט שוין יעצט מיינע בראדיאגעס, אט דאס זיינען זיי. אבער מיין פריינד איז אן אנזעסיגער טאראקאן און האט א פאס".

דער דווארניק האט זיך צולאכט, און פון יענער צייט אן האט ער איהם שוין מעהר ניט געטשעפעט.

מיר וואלטען גערן פארבראכט אזוי די גאנצע נאכט אין רייד־דען, מען האט אבער געמוזט פארלעשען דאס ליכט. דאס פענסטער

פונ'ם צימער איז ארויסגעגאנגען אין הויף, און דאס פייער וואלט
געקענט ווארפען א פארדאכטביים דווארניק, אז דא איז עפעס
ניט גלאט.

באיקא האט מיר אפגעגעבען זיין בעט און אליין האט ער
זיך אנגעטאנערהייט, נאר ארויפגענומען דעם ראק, אויסגעצויגען
אויף דער פאדלאגע. איך האב זיך געלעגט, אזוי ווי איך בין
געשטאנען און געגאנגען, אפילו ניט ארויפגענומען דעם קעלנערעל
און די מאנקעטען. דער קישען האט אזוי געשמעקט פון טאבאק
אז איך האב געמוזט איינטוליען דעם קאפ אין מיין שווארצען
קאפטיכעל.

„אויב די זשאנדארען וועלען קומען ביינאכט", האב איך זיך
געטראכט, „וועלען זיי גארניט לאנג דארפען ווארטען אויף מיר."

צום גליק איז קיינער ניט געקומען, און אלעס איז אראפ גוט.

.5

אצונד וויל איך זאגען א פאר ווערטער וועגען דער צווייטער
קאטעגאריע פון דער רוסישער געזעלשאפט, מיט וועלכער איך
האב זיך אפט צוזאמענגעטראפען אין דער צייט, — וועגען דער
יוגענד, דעם סטודענטענטום.

עס איז זיך אפילו שווער פארצושטעלען, אז אין איין און
דערזעלבער שטאדט זאלען קענען עקזיסטירען אזעלכע קאנטראסטען,
ווי די סטודענטען און אזעלכע פרידליכע רוסען, ווי איך האב
נור וואס באשריבען. ווען איך וואלט עס ניט געווען זעהן מיט
מיינע אייגענע אויגען, וואלט איך עס אליין אויך ניט געגלויבט.

איך וועל דא דערצעהלען א פאקט, פון וועלכען גאנץ פעטערבורג
האט א לאנגע צייט גערעדט.

א סטודענט פון דער מעדיצינישער אקאדעמיע, עפעס א
„קניאזאק", איז איינגעפאלען צו זאמלען געלט אויף א קראנץ,
וועלכען ער האט געוואלט ארויפלעגען אויף אלעקסאנדער דעם

צווייטענס קבר. ער האָט געמאַכט דעם פּאַרשלאַג, האָט דערביי גע־האַלטען אַ קורצע רעדע, און דערנאָך האָט ער אַליין אַריינגעלעגט אין הוט אַ פינף רובעל שטיק; ער האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן אויסשטרעקענדיג פאַר יעדען איינעם דעם הוט, קיינער האָט אָבער קיין גראָשען ניט אַריינגעלעגט.

— נו, וואָס וועט איצט זיין? — האָט אויסגעשריען דער פאַר־שעמט־געבליבענער „קניאַזאָק“.

— די לעקציע פון פּראָפעסאָר מ ע ר ז ש ע י ע ו ו ס ק י, — האָט זיך געלאָזט הערען אַ שפּאָטישע שטימע פון דער מאַסע.

דאָס „פירסטעל“ האָט זיך אָבער ניט אָפּגעלאָזט דערפון; ער האָט אָנגעהויבען צושטעהן צו יעדען סטודענט באַזונדער, ביז עס איז איהם געלונגען נאָך פון איינעם צו קריגען צוויי רובעל.

נאָך מערזשעיעווסקי'ס לעקציע האָט ער זיך ווייטער גענומען צו דעם, אָבער אומזיסט, ער האָט קיין קאָפּיקע ניט געקראָגען.

— נו, — האָט ער אויסגעשריען אין פאַרצווייפלונג, — וואָס וועט אָבער א י צ ט זיין?

— די לעקציע פון פּראָפעסאָר... (איך געדענק ניט דעם נאָ־מען), האָט מען ווייטער אויסגעשריען אין דער מאַסע.

די צווייטע לעקציע איז אויך דורכגעגאַנגען.

דער „קניאַזאָק“ איז געוועזן אויסער זיך, ער האָט גאָרניט גע־וואוסט, וואָס מען הויבט דאָ אָן צו טאָן. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס געלט אויפ'ן טיש און האָט אויסגעשריען:

— וואָס־זשע זאָל איך אַצונד טאָן מיט דעם געלט?

— אָפּגעבען פאַר די איינגעשפּאַרטע, — האָט איהם אַ שטימע געענטפערט. אַט דער פאַרשלאַג איז פון אַלעמען אָנגענומען גע־וואָרען. דאָס „פירסטעל“ מיט זיין פריינד זיינען אַרויסגעלאָפען פונ'ם אודיטאָריום. דאָן איז אויפגעשטאַנען איינער פון די סטו־דענטען און האָט צוגענומען דאָס געלט, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש, כדי עס איבערצוגעבען אין געוויסע הענט; און טאַקע באַלד האָבען די סטודענטען צונויפגעקליבען נאָך פופציג רובעל פאַר די געפאַנגענע.

און דאָס איז געשעהן עטליכע טעג נאָכ'ן ערשטען מערץ, ווען איבער דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָדט איז גע־האַנגען א שרעקליכער פּאַניק, א שוידערליכע מורא.

מען האָט געמוזט זיין אין רוסלאַנד אין יענער צייט, כדי צו פאַרשטעהן, וויפיעל קוראַזש מען האָט געדאַרפט האָבען צו האַנד־לען אַזוי, ווי די סטודענטען פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע האָבען געהאַנדעלט. און דער דאָזיגער פאַקט איז ניט דער איינ־ציגער.

א מערקווירדיגער צוג ליעגט אינ'ם כאַראַקטער במעט פון אַלע רוסישע סטודענטען: אויף פערזענליכע פראַגען, פערזענליכע אינטערעסען קוקען זיי גאַרניט. זיי אינטערעסירט זעהר וועניג זייער קאַריערע, אויך אַלע אַנדערע פאַרגניגענס. עס שיינט, אַז פאַר זיי עקזיסטירען ניט קיין אַנדערע אינטערעסען, ווי נאָר איינ־טעלעקטועלע.

נאָך א צוג, דאָס איז די גרויסע, אונגעהייערע סימפּאַטיע צו דער רעוואָלוציע. דאָס איז ביי זיי אַזוי אַלגעמיין, אַז עס קען במעט ניט אָפּגעטיילט ווערען פונ'ם באַגריף איבער די רוסישע סטודענטען; אָהן דעם קען מען זיך גאַרניט פאָרשטעלען קיין רוסי־שען סטודענט.

דעם לעצטען גראָשען זיינען זיי גרייט אָפּצוגעבען אויף די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אָדער אויף „קראַסני קרעסט", פאַר די איינ־געשפּאַרטע און פאַרשיקטע.

אַלע „וואוילטעטיגע" קאָנצערטען און באַלען, וועלכע מען מאַכט, אום צונויפצונעמען א פּאָר איבעריגע רובעל פאַר דער רע־וואָלוציע, ווערען ניט נאָר אונטערשטיצט פון די סטודענטען, נאָר זיי ווערען אויפגעהאַלטען נאָר דורך זיי. פיעל פון זיי ליידען הונגער און קעלט, און גיבען אוועק אַלעס אויף דער באַוועגונג. איך האָב געקענט גאַנצע קאָמונען, וועלכע האָבען חדשים לאַנג געלעבט אויף ברויט און וואַסער, און האָבען אַלעס, אַלעס אָפּגע־געבען פאַר דער רעוואָלוציע. פאַר די סטודענטען איז די רעוואָלוציע דער הויפּט־אינטערעס, זי פאַרשלינגט אַלע אַנדערע געדאַנקען און

אינטערעסען. אין דער צייט פון גרויסע ארעסטען, אדער ווען מען משפּט פּאָליטישע, אָדער אין דער צייט, ווען די רעגירונג פיהרט דורך איהרע טויט־אורטיילען, דאַן הערט אויף דאָס לערנען, מען פּאַרלאָזט אפילו די עקזאַמענס, אַלעס. מען פאַרזאַמעלט זיך וואו־ נים־איז, ביי אַ חבר, און דאָרט גיסט מען זיך אויס די הערצער איינע פאַר די אַנדערע. מען ווערט אויפגערעגט דורך די אַקטען פון דער רעגירונג; דער ענטוזיאַזם צו די, וועלכע קעמפּען געגען די טיראַניי ווערט גרעסער, און אַט אַזוי שטאַרקט זיך ביי זיי דער רעוואָלוציאָנערער גייסט.

יעדע נייעס, וועלכע קומט נאָר פאַר אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט, אינטערעסירט זיי און פליהט באַלד אַרום די גאַנצע שטאָדט. אפילו דער טעלעגראַף קען ניט קאָנקורירען מיט דער שנעלקייט פון די סטודענטישע פּיס.

איינער איז אַרעסטירט געוואָרען; — מאָרגען ווייסט שוין גאַנץ פּעטערבורג פון דער טרויעריגער נאַכריכט. איינער איז גע־ קומען; איינער הויבט אַן אַרויסצוגעבען, אָדער אומגעקעהרט, ער האַלט זיך שטאַלץ, שטאַנדהאַפטיג, איז מוטיג, אַלעס ווערט באַלד באַקאַנט אומעטום.

די סטודענטען זיינען אַלע מאָל גרייט צו טאָן אַלעס פאַר די רעוואָלוציאָנערען, און זיי דענקען דערביי גאָרניט, וואָס פאַר אַ געפאַהר זיי אונטערוואַרפען זיך אַליין. וואָס מען זאָל זיי ניט פאַרלעגען צו טאָן פאַר די פריהייטס־קעמפער, טוען זיי עס מיט פייער און מיט ענטוזיאַזם.

נאָר זאָל שוין זיין גענוג וועגען די יוגענד: דערצו דאַרף מען האָבען אַביסעל אַ שטאַרקערען מענשען. איך בין צו שוואַך דערצו. לאָמיך זיך בעסער אומקערען צו מיינע אייגענע צרות.

ווען דובראַווינאַ און מיינע אַנדערע פריינד זיינען שוין מעהר ניט געווען אימשטאַנד מיך צו באַהאַלטען, האָב איך כמעט אַלע מיינע נאַכטלעגערס באַקומען אין די וואָהנונגען פון די סטודענטען.

איך האָב זיך געמאַכט אַ געוואוינהייט, אַז ווי איך פּלעג נאָר קומען אין אַ הויז, וואו מען האָט מיך געוואָלט האַלטען אַ

נאַכט, פּלעג איך באַלד אַנהויבען צו דערצעהלען, אַז איך מיש זיך איצט ניט אין דער פּאָליטיק, אַז איך בין אפילו ניט קיין אונ־לעגאַלע, נאָר איין זאַך, וואָס איך האָב קיין פּאַס ניט.

אייגענטליך האָט מיך קיינער ניט געפרעגט, קיינער האָט מיר ניט געצוואונגען ביי דער צונג, וואָרים דאָס וואָלט געווען געגען דער רעוואָלוציאָנערער גאַסטפריינדשאַפט. איך האָב אָבער ניט גע־וואָלט, אַז מען זאָל מיך רעכענען ניט פאַר דאָס, וואָס איך בין אין אמת'ן; און צווייטענס, בין איך זיך מודה, אַז איך האָב געהאַט דערביי נאָך אַ מיין. איך האָב געהאָפט, אַז דורך דעם וועל איך אָביסעל באַרוהיגען מיינע בעלי־בתים, און זיי וועלען מיך איינ־לאַדען אויף נאָך אַ נאַכט.

איך האָב אָבער אַ גרויסען טעות געהאַט. די רעזולטאַטען פון מיין כיטרער דיפּלאָמאַטיע זיינען גראָד געווען אומגעקערט. ווי קורצזיכטיג איך בין, האָב איך דאָך געקענט באַמערקען, אַז מיינע צוהערער פלעגען נאָך מיין דערצעהלען קריגען גאָר עפּעס אַן אַנדער פּנים, אַן אונצופרידענעם, גלייך ווי זיי וואָלטען זאָגען: „אָט דאָס גאָר?“

קיינער פון זיי האָט מיך אַ צווייטען מאָל ניט איינגעלאַדען. אין אַנהויב האָט עס מיך אָביסעל געקרענקט, איך האָב זיך גע־ערגערט, דערנאָך בין איך שוין געוועהנט געוואָרען צו דעם און האָב ווייטער אָנגעהויבען אַרומלויפען, פאַרברענגען גאַנצע טעג נאָר אין זוכען.

אין אַלגעמיין האָב איך באַמערקט, אַז וואָס מעהר אַ רעוואָ־לוציאָנער איז געפעהרליכער, וואָס שטאַרקער די פּאָליציי פאַר־פאָלגט איהם, אַלץ פריינדליכער נעמט מען איהם אויף, אַלץ גערנער גיט מען איהם אַ פּלאַץ זיך צו באַהאַלטען און מען טוט פאַר איהם אַלעס. און דאָס איז אויך לייכט צו פאַרשטעהן. ערשטענס, קען אַזאַ מענש, וועלכער געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע, דערצעהלען זעהר פיעל אינטערעסאַנטעס; צווייטענס, ריזיקירט מען שוין, ווען מען באַהאַלט אַזאַ איינעם, און דאָס הייסט שוין „אַרבייטען

פאַר דער זאַך"; און ענדליך, איז עס א כבוד צו באַהאַלטען אַ געפעהרליכען רעוואָלוציאָנער.

מיר האָט אַ סטודענט פון אַ רייכער סוחר'ישער פאַמיליע געזאָגט אַמאָל:

— איהר ווייסט, מיר האָבען אַ פּאַטער־שטול און אַ דיוואַן, אויף וועלכע זשעליאַבאָוו און פּעראָווסקאַיאַ זיינען געזעסען. פאַר קיין געלט אין דער וועלט וועלען מיר זיי ניט אָפּגעבען; מיר וועלען זיך קיינמאָל ניט שיידען מיט זיי, — אַזעלכע זאַכען ווערען איצט היסטאָריש.

6.

אצונד לאָמיר אָפּלאָזען אָט דעם פרידליכען קרייז און לאָמיר ווייטער אַריבערגעהן אין דער ברענענדער אַטמאָספערע פון דער רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען דינסטאָג. ס'איז געווען זעהר אַ שלעכט וועטער; דער רעגען האָט געגאָסען, ווי פון עמערס. אַרום פיער אַזייגער בין איך אַוועק צו דער סטאַנציע באַגעגענען וואָריאָ'ן, וועלכע האָט געדאַרפט קומען אויסשליסליך נאָר צו זעהן זיך מיט טאַטיאַנאַ לעבעדיעוואַ.

מען וועט מיר אפשר פרעגען, צו וואָס איך האָב געדאַרפט געהן אין אַזאַ שלעכט וועטער באַגעגענען אַ מענשען, וועלכער קומט גאָרניט צו מיר?

דאָ איז אָבער דאָ אַ וויכטיגע אורזאַך.

ווען אַ רעוואָלוציאָנער קומט אין פּעטערבורג, איז די ערשטע שווערע פראַגע, וועלכע שטעהט איהם פאַר — וואוהין געהט מען? ווער פון די קאַמעראַדען לעבט נאָך און ווער איז שוין אַריינגעפאַלען אין די לאַפּעס פונ'ם טיגער? וואוהין לאָזט מען זיך געהן און דערביי זיין זיכער, אז מען וועט אַליין אויך באַלד ניט אַריינפאַלען? דערפאַר איז יעדען אנגענעהם, ווען ער דערזעהט אויפ'ן וואָקזאַל אַ באַקאַנטען מענשען, פון וועלכען ער קען באַלד קריגען די נויטיגע אויסקינפטע.

איך האָב געוואָלט פאַרשאַפען דאָס פאַרגניגען וואַריאַ'ן. ליי־דער איז זי ניט געקומען. מיר האָבען שוין פריהער געהאַט אָפּ־גערעדט, אַז אויב וואַריאַ וועט ניט קומען, זאָל איך זיך אַליין זעהן מיט טאַניאַ'ן. ביי דובראַווינאַ'ן זיינען געלעגען צוויי הונדערט רובעל, וועלכע מען האָט איהר געדאַרפט איבערגעבען; איך בין באַלד אַוועק אַהין, האָב גענומען דאָס געלט און בין אַוועק אויפ'ן באַשטימטען פּלאַץ, אין דער האָפנונג, אַז מיט אַזאַ סומע געלט וועט שוין טאַניאַ קענען אַוועקפאָהרען אין דער פּראָווינץ און אפילו אין אויסלאַנד.

ווי איך בין נאָר אריין אין צימער, האָט טאַניאַ און ס ל אַ ־ ב אַ ד י נ אַ (ביי דער לעצטער אין הויז איז עס געווען דער באַ־שטימטער פּלאַץ) אויסגעשריען אין איין שטימע:

— וואו איז וואַריאַ?

טאַניאַ איז געוואָרען שטאַרק אונרוהיג, ווען זי האָט דער־הערט, אַז וואַריאַ איז ניט געקומען. זי איז בלייך געוואָרען און האָט ניט געקענט אַ וואָרט אויסריידען.

איך האָב ניט געוואָלט פאַרלירען קיין סך צייט און האָב איהר באַלד איבערגעגעבען די 200 רובעל. זי האָט מיר ערקלערט, אַז זי מוז האָבען נאָך 80 רובעל; אויב ניט, קען זי ניט פאָהרען, ווייל די צוויי הונדערט רובעל זיינען געווען באַשטימט גאָר אויף אַן אַנדער זאַך.

דעם זעלבען טאָג איז אויף דער גאַס אַרעסטירט געוואָרען מ י כ אַ י ל אַ *).

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס געלט האָט מען געדאַרפט אָפּשיקען מיכאַילאַ'ס מוטער, כדי זי זאָל קענען קומען קיין פּעטערבורג.

איך האָב געוואוסט, אַז ביי דובראַווינאַ'ן געפינט זיך שטענדיג געלט פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקען, און האָב דערום געזאָגט

---

*) פּ ר אַ ל ע נ ק אַ.

טאַניאַ'ן, אַז עס איז אַ קליינינקייט, איך וועל די אכציג רובעל קריגען.

זי איז געווען זעהר צופרידיען און האָט מיך זאָגאָר געבעטען, איך זאָל קריגען דאָס געלט. באַלד אָבער נאָכדעם האָט זי גע־זאָגט:

— זאָל בעסער סלאָבאָדינאָ געהן. אייך דאַרף איך נאָך עט־וואָס זאָגען. דערווייל זאָגט נאָר, זיינט איהר זיכער, אַז מען האָט אייך ניט נאָכגעשפּירט?

ביידע האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף מיר מיט פראַגען: טאָמער האָב איך באַמערקט עפּעס פאַרדעכטיגעס אויף דער גאָס, אפשר האָב איך עפּעס באַמערקט ביים אַריינגעהן אין הויז, אָדער אויף די טרעפּ? איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב גאָרניט גע־זעהן, נאָר אַזוי ווי איך בין קורצזיכטיג, האָב איך געזאָגט, איז מעגליך, אַז מען האָט מיר אפשר יאָ נאָכגעקוקט, נאָר איך האָב ניט באַמערקט.

— וואָס דען, עס זיינען אודאי געווען שפּיאָנען, און איהר האָט זיי גאָרניט געזעהן! — האָט טאַניאַ אויסגעשריען, און האָט דערביי דערצעהלט פאָלגענדעס:

— היינט אין דער פריה, ווי איך בין נאָר אַרויס אויף דער גאָס, האָב איך דערזעהן, ווי אַ שפּיאָן דרעהט זיך אַרום מיר. איך האָב געכאַפּט אַן איזוואָשטשיק און בין אַוועק. עס האָט זיך מיר גראָד געטראָפען אַ גוט פערדעל, און מיר זיינען געפלויגען. דער שפּיאָן האָט אויך גענומען אַן איזוואָשטשיק. צום גליק אָבער האָט זיין פערדעל זיך קוים געשלעפּט. ער האָט מיך פאַרלאָרען. ביי דער באַסיינע גאַס אָבער האָט אונז אַ טראַמוויי פאַרהאַלטען, און ער האָט אונז אָנגעיאָגט. ער האָט דערלאַנגט אַ פייף, און אינ'ם זעלבען מאָמענט איז נאָך איינער אַריין צו איהם אין וואָ־גען. מיר האָבען זיך דערווייל אַ לאָז געטאָן. אַ גאַנצע שעה האָב איך זיך אַרומגעדרעהט אויפ'ן איזוואָשטשיק איבער דער שטאָדט. ווען איך האָב באַמערקט, אַז די שפּיאָנען זיינען ניטאָ, האָב איך געהייסען זיך אָפּשטעלען און בין אַריינגעגאַנגען אין אַ

טאַבאַק־געשעפט, אויסבייטען געלט. ביים ארויסגעהן האָב איך קיינעם ניט געזעהן אויסער מיין איזוואָשטשיק. איך האָב איהם באַצאָהלט און בין אוועק אהיים צו־פוס. און נאָך דעם אַלעמען בין איך דאָך ניט זיכער, אַז זיי האָבען מיך ניט נאָכגעשפּירט ביז מיין הויז.

נאָכדעם האָט זי מיר דערצעהלט אַלעס, וואָס זי האָט געוואוסט איבער מיכאַילאָ'ס אַרעסט. זיי האָבען געוואוינט אינאיינעם, און זי האָט זיך זעהר געוואונדערט, ווי אַזוי מען האָט עס זי ניט אַרעסטירט.

איך האָב גוט געוואוסט איהר פאַרגאַנגענהייט און בפרט נאָכדעם אַלעמען, וואָס זי האָט מיר איצט דערצעהלט, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז זי מוז אוועקפאָהרען פון דאַנען.

— ניין, ס'איז אונמעגליך, — האָט זי געזאָגט שטיל, גלייך ווי זי וואָלט ריידען צו זיך אַליין. — איך דאַרף „ריין מאַכען" די וואוינונג.

— דאָס קענט איהר דאָך איבערלאָזען מיר. קען איך עס דען ניט טאָן פאַר אייך?

טאַניאַ האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

איך האָב איהר געגעבען אָנצוהערען, אַז זי האָט גאָרניט וואָס צו זאָרגען, זי מעג זיין רוהיג, איך וועל גאָרניט לייענען, איך וועל אפילו ניט קוקען אויף קיינע פּאַפּירען, אויף קיינע בריעף. מיר האָבען זיך שיער ניט צוקריגט איבער דעם.

אייגנעטליך האָב איך שטאַרק מורא געהאַט צו געהן צו די טעראָריסטען אין זייערע וואוינונגען; אָבער טאַניאַ'ן לאָזען אַהין, האָב איך נאָך מעהר געציטערט. ווען מען אַרעסטירט זי, איז זי פאַרלאָרען. דאָס האָט מיר געגעבען מוט, און איך האָב ווייטער אָנגעהויבען טענה'ן מיינס.

— ווייסט איהר וואָס, לאָמיר געהן אינאיינעם, — האָב איך איהר ענדליך געזאָגט. — אין צווייען וועלען מיר שנעל ריין מאַכען דאָס צימער, און איהר וועט נאָך היינט קענען אַרויספאָהרען.

— אַ ניין, דאָס ניט; איך מוז נעכטיגען אין דערהיים.

די האר האבען זיך ביי מיר געשטעלט קאפויער, ווען איך האב דאס דערהערט. איך בין געווען זיכער, אז מען וועט זי ארעס־טירען; מיר איז זאגאר איינגעפאלען, אז פון פארצווייפלונג קריכט זי אליין אין אזא געפאהר.

איך האב ווייטער אנגעהויבען צושטעהן צו איהר.

זי האט זיך פארטראכט. מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי הויבט אן נאכצוגעבען, איך האב געהאפט.

— ניין, ס'איז אונמעגליך, — האט זי ענדליך געזאגט ענט־שלאסען, — יעדען פריהמארגען, זיבען אזייגער, ברענגט דער דווארניק וואסער, און באלד ווי ער וועט זעהן, אז מיין דירה איז לעדיג, וועט ער עס געהן מעלדען אין דער פאליציי. מען וועט אויף אלע סטאנציעס אוועקשטעלען שפיאנען, און מען וועט מיך זיכער כאפען. היינט ביינאכט אבער אוועקפאהרען קען איך ניט; איך דארף נאך זעהן עטליכע מענשען. זאל שוין זיין וואס עס וויל. איך מוז נעכטיגען אין דערהיים.

איך בין געווען אויסער זיך. איך האב ניט געוואוסט וואס צו טאן. איך האב איהר פארגעלעגט, אז איך וועל נעכטיגען אנ־שטאט איהר.

— אז דער דווארניק וועט קומען, — האב איך איהר גע־זאגט, — וועל איך איהם עפענען און וועל איהם זאגען, אז איך בין א ווארטעריןי, און אז די בעל־הבית'טע איז קראנק. ער וועט דאך ניט געהן אין שלאף־צימער נאכקוקען, אויב עס איז ווירקליך אזוי.

טאניא האט אבער דעם פלאן אויך ניט אנגענומען. זי האט נאר אנגענומען מיין הילף צום „אויסרייניגען“ די וואוינונג. מיר האבען אפגערעדט: אז מארגען, צעהן אזייגער אין דער פריה, זאלען מיר זיך באגעגענען אויף דער מ א ג י ל ע ו ו ס ק י גאס.

טאניא האט באשלאסען צו פאהרען קיין מאסקווע. עס איז אבער געווען אונמעגליך צו לאזען וויסען דארט די פריינד, און זי האט זיך געמוזט אפשטעלען אין א האטעל. דערצו האט זי שוין געדארפט האבען א טשעמאדאן, א זעקעלע מיט עסענווארג,

וועש און נאָך אַנדערע קליינינקייטען, אַלעם צוליעב דעם, עס זאָל קיין פאַרדאַכט ניט קענען פאַלען.

דאָס אַלעס האָב איך געוואָלט איינקויפען און צושטעלען צו סלאָבאָדינאַ.

ענדליך האָט מען וועגען אַלעם איבערגערעדט און מען האָט געדאַרפט געהן. אַ נייע פראַגע איז אַרויסגעקומען, ווי אַזוי איז בעסער אַרויסצוגעהן. טאַניאַ'ס מיינונג איז געווען, מיר זאָלען אַרויסגעהן אינאיינעם, וואָרים אַזוי ווי די זשאַנדאַרען זוכען א י י ן פרוי, וועלען זיי צוטומעלט ווערען, ווען זיי וועלען דערזעהן צוויי, און מיר וועלען זיך קענען דערווייל פריי אַוועקגעהן.

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אינאיינעם. מיר האָבען נאָך ניט אויספייעט צו מאַכען אַ פּאָר טריט, איז צוגעפאָהרען צו אונז אַ איזוואָשטשיק און איז צוגעשטאַנען, מיר זאָלען איהם נעמען.

— דאָס איז אַ שפּיאָן, — האָט טאַניאַ געזאָגט צו מיר שטיל, — איך קען איהם. אָט וועט איהר זעהן, אַז מיר וועלען ניט לייכט פון איהם קענען פּטור ווערען.

און ווירקליך, צעהן מינוט איז ער נאָכגעפאָהרען נאָך אונז און איז ניט אָפּגעשטאַנען.

מיר זיינען אַ פּאָר גאַסען דורכגעגאַנגען צו פוס, ביז מיר האָבען ענדליך דערזעהן אַן איזוואָשטשיק, דרעמלענדיג אויפ'ן וואָגען. טאַניאַ האָט איהם גענומען, און מיר זיינען אַוועקגע־פאָהרען.

עס איז שוין געווען ניט פריה, ווען מיר זיינען זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען. איך האָב געמוזט גיך לויפען אויף מיין נאַכטלעגער, וואָרים שפּעט קומען אהין איז ניט געווען ערלויבט. איך האָב גענומען אַ וואָגען און בין אַוועקגעפאָהרען גלייך צום באַשטימטען הויז, וואָס איך האָב געדאַרפט דערקענען נאָך געוויסע צייכענס. דער דוואָרניק איז געזעסען ביים טויער. מען האָט אָבער ניט גע־טאָרט פרעגען, ניט צוקוקען זיך צו דעם נומער, מען האָט געמוזט גלייך געהן, אַזוי איז שוין געווען די רעגעל. איך בין מיט פעסטע טריט אַריין אין הויף, כאָטש איך בין גאָרניט געווען זיכער, אויב

איך האָב געטראָפען. איך בין אַרויף אויפ'ן צווייטען שטאָק, און האָב דערזעהן פאַר מיר דריי צוגעמאַכטע טירען. דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען שרעקליך צו קלאַפּען. וואָס טוט מען דאָ? ווי אַזוי טרעפט מען דאָ אין דער פינסטער? לאַנג שטעהן האָט מען אָבער ניט געטאָרט. איך האָב אָנגעקלונגען אין איינע פון די דריי טירען. שטעלט זיך פאַר מיין פרייד, ווען אויף מיין פראַגע, אויב דאָ וואוינט דער און דער, האָט זיך געלאָזט הערען אַ סימפּאַטישע פרויען־שטימע: „יאָ, יאָ, דאָ, קומט אַריין.“

אויף מאָרגען בין איך אוועק זעהן זיך מיט טאַניאַ'ן. נאָך איידער איך בין צוגעקומען צום באַשטימטען פּלאַץ, האָב איך זי שוין דערזעהן מיט אַ קויש, פול גרינס, אין די הענט, מיט אַ שוואַרצען טיכעל אויפ'ן קאָפּ, פּונקט אַזוי ווי אַ בעל־הבית'טע וואָס געהט פון מאַרק.

מיר זיינען אוועקגעגאַנגען צו איהר. איידער מיר זיינען צוגעקומען צו איהר דירה, האָט זי מיר געגעבען דעם שליסעל, איך זאָל געהן פריהער אַליין, כדי דער דוואָרניק זאָל אונז ניט זעהן אַריינגעהענדיג ביידע אינאיינעם.

באַלד נאָך מיר איז זי אויך געקומען, מיט אַ גאַנצען פּאַק פּראָוויזיע. זי האָט געמאַכט פייער, ווי געוועהנליך יעדע בעל־הבית'טע, צו קאָכען מיטאָג. די גאַנצע צערעמאָניע האָט זי גע־מאַכט צוליעב דעם דוואָרניק. מיר האָבען דערווייל אַלעם איינ־געפּאַקט. קיין סך זאַכען האָט זי מיט זיך ניט גענומען, נאָר די, וועלכע דער דוואָרניק זאָל ניט קענען אַזוי באַלד באַמערקען, אַז זיי פעהלען. יעדער הויפּט־דוואָרניק אין פעטערבורג האָט אַ שלי־סעל צו אַלע וואוינונגען פון זיין הויף, און ווען די בעלי־בתים זיינען ניטאָ אין דער היים, קען ער זיך אַריינגעהן און מאַכען אַן אָביסק.

איידער איך האָב געדאַרפט אוועקגעהן, האָט טאַניאַ אַ קוק געטאָן אין פענסטער, זעהן וואָס טוט זיך אין הויף. די דוואָרני־קעס האָבען געהאַקט האָלץ. איך האָב געמוזט כאַפּען אַ מאָ־מענט, ווען זיי טראָגען אַרויף האָלץ, און דאַן אַרויסגעהן, כדי קיינער זאָל מיך ניט זעהן.

איך האָב אַזוי געטאָן, און איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט אַ היבשען פּאַק אין דער האַנט. קיינער האָט מיך ניט באַמערקט. איך האָב גענומען אַ וואָגען און בין אַוועק צו סלאָבאָדינאָ. דאָרט האָבען מיר אַלעס איינגעפּאַקט אין אַ טשעמאָדאַן, און איך האָב עס אַוועקגעפיהרט אויפ'ן וואָקזאַל.

איך האָב גענומען אַ בילעט, האָב אָפּגעגעבען די זאַכען אין באַגאַזש, האָב אַלעס פאַרטיג געמאַכט, כדי טאַניאַ זאָל ניט דאַרפען לאַנג זיצען אויף דער סטאַנציע. זי האָט געדאַרפט קומען מיט פינף מינוט, איידער דער צוג וועט אַוועקגעהן און גלייך אַריינגעהן אין אַ וואַגאָן. צום אונגליק זיינען אַלע וואַגאָנען געווען פול, קיין איין פּלאַץ איז ניט געווען פריי, און פּאַסאַזשירען זיינען נאָך געווען. מען האָט אָנגעהויבען צוטשעפּען נאָך אַ וואַגאָן. מיר האָבען געמוזט וואַרטען איבעריגע פינף מינוט אויף דער פּלאַטפאָרמע, פינף מינוט, וועלכע האָבען זיך מיר אויסגעוויזען פאַר אַ גאַנצע אייביגקייט. ענדליך האָט מען דעם וואַגאָן צוגעטשעפּעט, און טאַניאַ האָט זיך אַריינגעזעצט.

איידער דער צוג האָט זיך גענומען ריהרען, האָב איך אָנגעהויבען שרייען: „גריסט דעם פּעטער! קושט די קינדער!“ און נאָך אַזעלכע דומהייטען.

דער פּאַיעזד האָט זיך גערירט. אַ לייכטער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון מיין ברוסט. טאַניאַ איז אַוועקגעפאָהרען. זי איז אָבער ניט לאַנג געבליבען אין מאָסקווע. איך האָב געלייענט איהרען אַ בריעף, וואו זי שרייבט, אַז עס איז איהר דאָרט לאַנגוויילִיג, זי האָט ניט וואָס צו טאָן און וויל קומען צוריק קיין פּעטערבורג.

און ווירקליך, זי איז אין גיכען צוריקגעקומען; איך בין שוין אָבער דאַן ניט געווען אין פּעטערבורג. אַ פריינד, וועלכער האָט געהאַט אַן אימעניע ביי דער וואָלגע, האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך. איך בין געווען העכסט צופרידען מיט אַזאַ איינלאַדונג און בין אַוועק צו איהם.

אין אַ חדשים פיער אַרום נאָכ'ן ערשטען מערץ, ווען עס איז

געוואָרען שטילער, רוהיגער, האָב איך געקריגען א ריכטיגען פּאַס. דער מאַן פון מיינער א פריינדין האָט עס פאַר מיר אויסגעבלאָ־פּאָטשעט.

דערמיט ענדיגט זיך מיין „אונגלעגלאָלעס" לעבען.